STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08266

VELVL GOTH

Michel Licht

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכל ליכט / וועלוול גאָטה: פּאָעמעמואַר

ביכער פון מיכל ליכט

עגאָעמען און אַנדערע לידער, ניו־יאָרק, פאַרלאַג „לאַגלען״. תרפ״ב.

וואַזאַן פאַרלאַג „אידיש לעבן״, ניו־יאָרק, 1928.

פראָצעסיעס און אַנדערע לידער. פאַרלאַג געליע, ניו־יאָרק, 1932.

לעצטע לידער, בוענאָס איירעס, 1954.

ניט צו דערציילן (דערציילונגען), פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1955.

וועלוול גאָטה (פאָעמעמואַר), פאַרלאַג ג ע ל י ע, בוענאָס־איירעס, 1955.

איבערזעצונגען

יורגען פון דזשיימס ברענטש קעבל. פאַרלאַג „גראָהאַר און סטאַ־דאָלסקי״, 1929, ניו־יאָרק.

מאָדערנע אַמעריקאַנער פּאָעזיע, פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1954.

מ י כ ל   ל י כ ט

װ ע ל װ ל   ב א ט ה

(פּאָעמעמואַר)

✶

פ אַ ר ל אַ ג   ג ע ל י ע
בוענאָס־איירעס
1 9 5 5

פאָדערבלאַט געצייכנט פון עוועלין מאַרקון ליכט

Copyright 1955 by Evelyn Licht

MICHEL LICHT

WELWEL GOTH

(Poema-Memoria)

מיכל ליכט / וועלוול גאָטה

אינהאַלט:

	זייט
הקדמה פון נ. ב. מינקאָוו	9
וואָרנונג צו די אוראַלטע מוזעס (פראַגמענט)	17
ממו״ס	21
פרעלוד	24
וועלוול גאָטה: מעמואַר	77

דעם 10טן יוני, 1953, האָט דער אָריגינעלער מאָדערנער פּאָעט מיכל ליכט פאַרלאָזן די וועלט, אין עלטער פון 60 יאָר. מיט אַ דרייסיק יאָר פריער האָט ער אָנגעשריבן זכרונות פון אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס זיין פיקטיווער נאָמען איז געווען „וועלוול גאָטה". זיין ציל איז געווען — פאַרצייכענען, אַזוי פּרטימדיק ווי מעגלעך, די זוכענישן, בלאָנדזשענישן, דאָס פּאָטעטי־שע און קאָמישע פון אַ נייעם דור, וואָס איז אין זיין צייט אויפגעקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. זענען פאַראַן אין די זכרונות אַזעלכע שטעלן, וואָס נאָר יוגנטלעכע האָבן ליב צו שרייבן. זיי האָט ער נישט אַרויסגעזאָגט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר ווי רייד פון פאַרשיידענע שמועסער. דאָך איז אין זיי פאַראַן אַ היפּש ביסל יוגנטלעכע שאַרפקייט. ביי יענע, וואָס האָבן נאָענט געקענט דעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם דיכטער, וועט בלייבן אַ געפיל, אַז ליכט וואָלט אפשר מתקן געווען אַ סך ערטער אין זיינע זכרונות. די יוגנטלעכע מעמוארן פון אַ יוגנטלעכן דיכ־טער, וואָלט ליכט, אין די עלטערע יאָרן, זיכער אויסגערעדאַקטירט על צד היותר טוב: נאָך דעם רייפערן פאַרשטאַנד פון אַ קראַנק־צעליטענעם שעפערישן מענטשן.

„וועלוול גאָטה" האָט נישט קיין שייכות מיט דזשעימז דזשאָיסעס „דער פּאָרטרעט פון דעם קינסטלער ווי אַ יונגער מאַן". דאָך ווען מע לייענט די „וועלוול גאָטה"־זכרונות שווימט אַרויף אין זכרון דזשעימז דזשאָיסעס דערמאָנט ווערק. דער אמת איז טאַקע, אַז ליכטן האָט דזשעימז דזשאָיז זייער שטאַרק אינטערעסירט.

„וועלוול גאָטה" באַשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער איז אַ פּרע־לוד, געשריבן אין דער פּאָעטישער פאָרם. דער צווייטער באַשטייט פון די מעמוארן גופא.

עס איז כדאַי צו פאַרצייכענען עטלעכע פרטים וועגן דיביידע טיילן. דעם פרעלוד האָט ליכט אָנגעשריבן אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווי די מעמואַרן. די מעמואַרן האָט ער געשריבן אָנהייב צוואַנציקער יאָרן און געדרוקט האָט ער זיי אין זשורנאַל „אונדזער בוך", אין יאָר 1929. דעם פרעלוד האָט ער געשריבן אָנהייב דרייסיקער יאָרן און געדרוקט האָט ער אים אין זשורנאַל „באָדן", אין די יאָרן 1934־1935.

ווי אַן אַריינפיר צו ביידע טיילן דינען מיכל ליכטס צוויי לידער: „וואָרנונג צו די אוראַלטע מוזן" און „ממו'ס". זיי זענען אויך אַ שליסל צו די מעמואַרן. אָבער די דאָזיקע לידער האָט ער לכתחילה נישט געשריבן ווי אַן אַריינפיר צו זיינע מעמואַרן. זיי זענען געווען דער אויסדרוק פון עיקר־מחשבות, וואָס מיט זיי האָט זיך ליכט שטענדיק אַרומגעטראָגן. „די וואָרנונג צו די אוראַלטע מוזן" האָט ער אָנגעשריבן אָנהייב 20ער יאָרן. דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט אין „אין זיך", יאַנואַר, 1923. און דאָס מענדעלע־ליד „ממו'ס" איז געדרוקט אין „באָדן", ווינטער, 1936.

אין דעם ליד צו די אוראַלטע מוזעס טענהט ער קלאָר: איר מוזעס האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט; אייער ליכטיקער דיכטער פּאָזידיפּ האָט מיט ליגנס וועגן אייך גענאַרט אַ וועלט; איר האָט ביי מענטשן געראַבט דעם פאַרשטאַנד „און געמאַכט זיי צו געפינען זייער ענדלעכע רו אין דער מוטנער גרינקייט פון באַקך־געטראַנק, אָדער אין די פאַרשמאָלצעוועטע אָרעמס פון לוסט־צעפּרעסענע גלאָריפיצירטע קורטיזאַנעס". אָט־די מוזעס פון דעם „פאַרזעעניש" אָלימפּ זענען געווען צאַרט אַרומגערעדט „פון גראָקעפּיקע, ווייס־בערדיקע, זילבער־וואָנסענדיקע חכמים און נביאים". קעגן זיי שטעלט ער אַוועק זייערע יינגערע „שוועסטער אין גייסט". זיי ציילן טאַקע „יאָרן אין צענער, זיי זענען צומאָל נאַיוולעך־אומגעניט", אָבער אָט־די באמת־לעבעדיקע „שוועסטער־אין־גייסט" זענען אַ „וווּנדער פאַר די אויגן".

זיך פאַרנעמען מיט די אוראַלטע מוזעס האָט אַ פּאָעט פון די 20ער יאָרן שוין נישט געקענט. ער האָט נישט געגלויבט, אַז זיי זענען דאָ. ער האָט אויך געגלויבט: „עס זענען נישט פאַראַן מער „קיין גילדענע לוחות פון פאַרצייטן" אויף זיי אויסצוקריצן אייער (זייער) גלאָררייכע אומעקזיסטענץ". די אַלטע אָרדענונג איז שוין געווען אינגאַנצן צעפאַלן. דאָס האָט געשטימט מיטן כאַאָס און ניהיליזם, וואָס איז אויפגעקומען נאָך דער

ערשטער וועלט־מלחמה. אין דעם דאָזיקן כאַאָס איז נאָך קלערער געוואָרן, אַז די אוראַלטע מוזעס זענען אויך טויט. אָבער אַ במקום פּאַר די מוזעס איז נישט געווען. ליכט האָט דעם כאַאָס אַנגענומען. אָבער דער כאַאָס האָט אים אויך געשאָקירט. ער האָט אים אָנגענומען, ווי מע נעמט אָן דאָס אַבסאָלוט־אומפאַרמיידלעכע. נאָכמער — ער האָט אים געזען אי אין דער דרויסנדיקער וועלט, אי אין אונדזער אייגענער פּסיכיק. צו דעם זענען נאָך צוגעקומען צוויי מאָמענטן — דאָס אויבערפלעכלעך־אויפגעכאַפּטע אויטאָדידאַקטישע וויסן פון די נאָענטסטע מענטשן, און די „קאָלאָניאַלע זיטן", וואָס יעדע עמיגראַציע איז גורם.

איז עס נישט קיין ווונדער, וואָס ליכט האָט באַטראַכט די דיסציפּלין ווי אַן אויסוועג פון דעם גאַנצן אַרומיקן כאַאָס. און די דאָזיקע דיסציפּלין האָט ער געוואָלט זען אין קונסט. צום נאָענטסטן, קאָנטיק, איז אים געווען ט. ס. עליאָטס כאַראַקטעריסטיק: „מיר זענען אַ דור, וואָס הייבט אָן ווענדן זיין אויפמערק צו אַן אַטלעטישקייט, אַ שולונג, פון דעם גייסט, אַזוי ערנסט און אַסקעטיש ווי עס איז די דיסציפּלינירונג פון אַ לויפערס קערפּער" (ליכט ציטירט עס טאָקע אין קאַפּיטל „ה'").

די דאָזיקע דיסציפּלין האָט ער אין דער יידישער ליטעראַטור געזען אין מענדעלען. ער פאַרשטייט גוט מענדעלעס אידעיִשע שליחותן. אָבער אים פאַרנעמט מענדעלעס „אינטענסיטעט פון דעם אומבאַוווּסטזיין". נאָכמער געפעלט אים מענדעלעס זויבערקייט, זיין ציכטיקייט. ביי מענדעלען „קאַיעט נישט אומעסטעטישער עיפוש, געשמאַקלאָזער גונסט". אַט דאָס האָט ליכטן גענומען מער ווי אַלץ. געדרונגען האָט ער: מענדעלען איז וויכטיק דער „וואָס". אָבער וויכטיק איז אים אויך דער „ווי אַזוי". און דאָס איז אַן עסטעטישע קאַטעגאָריע.

ווי פאַרשטענדלעך עס ווערט אַלץ אין די זכרונות, ווען מע געדענקט די דאָזיקע צוויי אַריינפיר־לידער — די געגויסטע מאָמענטן. איין מאָמענט — די נישט־עקזיסטענץ פון די אוראַלטע מוזעס, וואָס איז קלאָר געוואָרן בעת דעם גרויסן כאַאָס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. און דער צווייטער — מענדעלעס דיסציפּלין און זויבערקייט. אַט צווישן די צוויי פּאָלוסן באַוועגן זיך די מעמואַרן.

אין די מעמואַרן גופא זענען די צוויי עיקר־מאָמענטן — כאַאָס און דיסציפּלין — נישט אַרויסגעבראַכט אַזוי קלאָר ווי מיר האָבן עס דאָ באַ־

טאָנט. וואָרן דער, וואָס האָט געשריבן די מעמואַרן, האָט זיך אַליין אויך אַריינגענומען אין דעם כאַאָס פון זיין צייט. ווי אין זיינע לידער און דערציילונגען זענען אויך אין די מעמואַרן ווי אָפּגעווישט פאַרשיידענע מחיצות. צומאָל איז שווער צו זען דעם אונטערשייד צווישן פאַקטיש־געשעענע זאַכן און חלומות, דוכטענישן, זעאונגען, וואָס לעבן זייער אייגן לעבן אינעם אונטערבאַוווסטזיין. אָבער קלאָר איז — דער כאַאָס איז די ווירקלעכקייט; די דיסציפּלין — איז די לייזונג.

ווּעלוול גאָטה גופא — איז צעטומלעניש און דיסציפּלין. ער איז ווּעלוול און יאָנטל און כונכאַ־כאַן. ער פאַרמאָגט אַ סך שטימעס און אַ סך געשטאַלטן.

ווּעלוול גאָטה איז געווען אַ כריזאַליס, אַ שמעטערלינג, אַ בלאָסער שטערן, אַ פּייערדיקע זון. אַזוי לאַכט־אָפּ דער פּאָעט פון זיך אַליין, פון יעדן דיכטער, דעם עגאָצענטרישן און נאַרציז־קראַנקן.

אין דעם פּרעלוד, דעם פּאָעטישן טייל, שילדערט ליכט די אויסוויקלונג פון אַ יינגל, אַ צוקונפטדיקן שטעטלדיקן אינטעליגענט, אַן „אָריגינעלן" זוכער און טרוימער. מער ווי אַלץ שילדערט ער דאָרטן דאָס שטייגערלעבן און די סאָציאָלאָגיע פון מזרח־אייראָפּעיִשן שטעטל. די אַלע טיפּן זענען ממש סימבאָלן אין אַ שטעטלדיקן לבוש. זיי וויסן אַליין נישט, אַז איינער רעדט גאָר ווי דער הייליקער פראַנציסק, און רעדן רעדט ער אין פּשוטע האַלבע ווערטער. אַ צווייט געשטאַלט רעדט ווי אַ מין אָפּקלאַנג פון אַריסטאָטלס אַ געדאַנק. אַ דאַנק די געשטאַלטן און שפּראַך־עשרות איז דער פּרעלוד זייער אַ ווערטפולער דאָקומענט. דער דאָקומענט ווייזט אויך ווי אַזוי די סביבה־סאָציאָלאָגיע האָט זיך צו ביסלעך פאַרוואַנדלט אין דעם פּסיכאָלאָגישן איינשטעל — פון אַ סך יידישע דיכטער, וואָרטזאָגער און אינטעליגענטן.

אין דעם צווייטן טייל, די זכרונות גופא, זעט מען שוין ווּעלוולען אין אַמעריקע. זיין וועלט באַשטייט פון צוויי מינים מענטשן: די, צווישן וועמען ער לעבט; און — יידישע יונגע שרייבער. ווּוינען ווּוינט ער צווישן אומגליקלעכע, גרויע, ליבע דורכשניט־מענטשן. זיין גייסטיק לעבן — צווישן קינסטלער אין קאַפע. און ער גיט איבער דאָס צעטומלעניש אין דער קאַפע, די ניין מאָס רייד, דאָס ניבול פה, און דער עיקר — ווילדע גענעראַליזאַציעס. און ליכט גיט איבער — בכיוון — אַ סך רייד, און פון

אַ סך מענטשן. זיי קלינגען אָפּט קאָמיש, פּאַטעטיש, ביליק, קינדעריש און ווי קאַלאַמבורן. געוואָלט האָט דאָ ליכט ווייזן דעם אָרעמען אינטעלעקטו־עלן באַגאַזש פון די קאַפּע־זיצערס, פון די שטאַם־געסט.

זיין סאַטירע איז אומברחמנותדיק — אי אויף זיך, אי אויף די אַרו־מיקע. זי איז פול מיט פּרטים און קלייניקייטן — די אויפפירונג, די הוילע טעאָריעס און סתם המצאות — פאַרשטייט זיך, וועגן קונסט. זי שפּיגלט אויך אָפּ די אינטערעסן און מחשבות פון אַן אינטעליגענט אין ליכטס צייטן. אָבער די דאָזיקע אינטערעסן און מחשבות, טעאָריעס און דעפיני־ציעס בינדן זיך נישט. זיי בלאָנדזשען אַרום אין אַ כאַאָס, אָן אָרדענונג, אָן באַזינונג, אָן דיסציפּלין. און אָרדענונג, באַזינונג, דיסציפּלין — נאָך זיי האָט ליכט געבענקט, ווי ער האָט געבענקט נאָך פּאָעזיע. ווי פּאַר העזיאָדן, ווערמען ער ציטירט, איז פּאָעזיע געווען:

„די פּאַרלויפיקע באַפרייאונג פון לייד און וואָפּנשטילשטאַנד פון זאָרג”.

מאַי, 1955.

נ. ב. מינקאָוו

וועלוול גאָטה: פּאָעמע

וואָרנונג צו די אוראַלטע מוזעס: פראַגמענט

איר, טויטע נשמות, וואָס זייט ניט טויט
ווייל איר'ט קיינמאָל מיט דעם הויך פון לעבן ניט געאָטעמט,
אומבאַקאַנטע, פאַלש־באַגריפענע פייגל פון פאַרנאַס,
וואָס איר מיט אייער ווילן האָבן מענגעס מענטשן
געפונען זייער ענדלעכע רו
אין דער מוטנער גרינקייט פון באַקך־געטראַנק,
אָדער אין די פאַרשמאָלצעוועטע אָרעמס פון
לוסט־צעפרעסענע גלאָריפיצירטע קורטיזאַנעס,
האָרכט!
פאַרנעמט וואָס כ'וויל דאָ זאָגן:

פאָזעאידיפּ,
דער עניו, גייסטיק ניט איבערגעשפיצטער זון פון פעב,
וועלכער האָט, לויט טראַדיציע, אייך געדינט,
פאַרשפּרייט אַזוי פיל בלאַטע ליגנס וועגן אייך,
אויס הוילן צייט־פאַרטרייב
פאָפּולער געמאַכט אייער פיקטיווע גרויסקייט
מיט דעם געניטן פאַרשטענדניש פון אַ היינטצייטיקן
גוט־באַלוינטן רעקלאַמע־דראַקער —
פאָזעאידיפּ איז טויט.

ניט פאַראַן מער קיין
„גאָלדענע לוחות פון פאַרצייטן"
אויף זיי אויסצוקריצן אייער גלאָררייכע אומעקזיסטענץ.

איר מעגט אייך רוען
געקרוינט אויף אייערע פעלזן־שפּיצן —
הימלשע הייכן, געשאַפן
דורך עקסטאַטישער איבערטריבנקייט.

איר,
פּאַרצייטיקע, פאַרסיוועטע בתולות־טעכטער פון העליקאָן,
באַזיצט ניט די קוראַזשע קראַפט
זיך אויפסניי אַנטפּלעקן
אין אייער רעוומאַטישער אַלטעגלעכקייט,
מיט צעווייטיקטע לייבער,
און צעפליקטע קליידער.

אייערע ייִנגערע שוועסטער־אין־גייסט
ציילן זייערע יאָרן אין די צענער
און זענען אַ היפּש ביסל מער ווי אַ בייזוווּנדער
און כאַטש צייטנווייז
ווייזן זיי זיך צו זיין נאַיִוולעך־אומגעניטע
דאָך, פאַרמאָגן זיי, אָן צווייפל, די גערעכטנקייט גענדזלעך
פון קרעפטיקער פול־בלוטיקער יוגנט,
צינדן אָן אַ פייערל
אין אַ האַלב־פאַרמאַכט אויג,
בלאָזן אויף אַ פלעמל
אין אַן אַשיק האַרץ,
פאַרוואַנדלען אַ קערפּערלעכן שוואַכלינג
אין אַ הערקולעס,
מיט דער הילף פון
אַ גימנאַסטישן אַקראָבאַט.

די שטים
פון אייער אַלט־פאַסאָנירטן מייסטער —
איז ניט מער.

זוי איר אַליין,
איז אייער מייסטער קיינמאָל ניט געווען:
אַ שענדלעכער חלום
פון לאָ־יוצלחדיקע לײדיקגײער.

אייערע ערשטע איבערגעגעבנסטע אַדעפּטן —
דער סענטימענטאַלער צוקיק־פּוסיקער מזרח,
די הייון פון דער ערד,
די תושבים פון די אַלט־באַזונגענע
אַזיאַטישע ברעגעס —
גיבן זיך ניט מער אָפּ מיט דעם אָלימפּ
ווי זיי וואָלטן ניט פאַרשווענדט זייער צייט אויף עפּעס אַנדערש
וואָס איז פון קדמונים פאַרהילט,
נאָך לענגער צוגעזאָגט
און קיינמאָל ניט אָנגעטרויט.

נאָכמער,
זיי האָבן ניט דעם מינדסטן פאַרדאַכט
אַז ס׳איז ווען געווען אַזאַ פאַרזעעניש
ווי אָלימפּ.

אַזוינאָך, פאַרנעמט וואָס כ׳וועל איך זאָגן:

איר, טויטע נשמות, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געלעבט
און זייט דאָך אַזוי צאַרט אַרומגערעדט געווען
פון גראָקעפּיקע,
ווייס בערדיקע,
זילבערוואָנסענדיקע חכמים און נבונים —
פון יענע, וועמעס פאַרגעניגן איז געווען
פון אייך צו ווערן אינספּירירט
אום זיך אויפצורעגן מיט דער גראָבהייטלדיקייט פון פאָלק —
איר, זאָג איך, אַזוינאָך,

פאַרבלייבט
ווו איר זייט ניט
אָדער אַנדערשוווּ
ווו איר קאָנט ניט גלוסטן צו זיין,
מיט ניט־זיין פאַר אייער פעדעסטאַל.

ממו״ס

רבותים, ניט אין די פּאַלייען פון די רייכע,
ניט אין די קעמערלעך פון די אָרימע זשויבט מען
די שטאַנדהאַפטיקייט פון די ש״י (אַבראַמאָוויץ) עולמות.

אין זיידנס רוימלעך בלאַנקיטנער קענסט־קאָנסט־קונסט
קאָיעט ניט אומעסטעטישער עיפּוש, געשמאַקלאָזער גונסט.

ווי פּעכלען ער האָט עס געמאַכט די קאַבצאַנסקער קופּערפּאנען,
פּאָמיניצעס, דייזשעס, מאַקירטעס, טשוהונענע טעפּ,
ווייקשעפלעך, פּאָמילעס, רינאלן, ליאָקן —
אין שפּראַך און דיאַלעקט.

דערימעך ט׳ער, רבותים, געדייען „אד
קאַלענדאס גרעקאס״ און פאַרבלייבן „עדי עד״
די פּאַטיקע פון מאַמע־לשון בינשטאָק.

שייך אים פירוואָרפן דעם געפלוידער דעם איבלדיקן
פון פּלוני בן פּלוני, הוילוואָרטיקן, פּילוועזיקן,
נעבעכלויב פון זיין־כבוד־וועגן יאטערנדיקן, טריפנדיקן
בכל תפוצות ישראל, יידישיסטישן, שפת־עברדיקן?

אונדזער חשובער יובילאַר וואָלט געהייסן די אַלע אנידערלייגן
ביי דער פוטרינע פון צעעפנטן פענצטער
לעם אַלמער ספרים: אָזשע, זאָלן זיי זיך לופטערן —

— ואם־טאָמער האָט ער ניט פירבאַרייט קיין צוקונפט פון
רחבותדיקן גליק־און־זעגן אויף אונדזערע קינסטלערישע וועגן,
ווערן מיר אָפּט באַגליקט מיט אַ קאָפּוליער־דעליקאַט אָנצוהער
אויף דיכטונג: „אינטענסיטעט פון דעם אומבאַוווסטזיין״.

שוין זעלטענער פאַרפעלט ער הובליעווען די טעמפּקייט מיט דער
„אינטענסיטעט פון דעם באַוווסטזיין״: חכמה —

אַט דער שלייפער, פּוצער, אַרטיפיצירער.

— אָבער ׳חכמה׳ אהער און ׳דיכטונג׳ אַהין,
למאי זיך נאַרן? ווינציק ווער פון אונדזער מין
פאַרקערפּערט שעפערישע קראַפט פליוס שעפערישע דיסציפּלין
און איז קרעאַטיוו זיס ווי דער ערשטער סעלאַנדין.

זיין י. ה., רבותים, פון וואָרע ריזן געטריפעט אין מילדע געשעעענישן.
און מיר, מילבן מיט בערג געשיכטע אויף אונדזערע רוקנביינדלעך.

זיין אויג פאַרכאַפּט אַ רומשאַפט־פּאַנאָראַמע אָרימשאַפט,
טאַראַראַמניקעס, ווייבערשע מאַנסבלען, מענערשע יידענעס, וכו׳,
(די טערקיניע אַליין ז׳ווערט אַ גאַלעריע צאַצקעדיקע מאַליוווקעס) —
אַ קאָנטינענט־א לאַנד, אַ דור, אַ גלופּסקער וועלט
איז זיין אומשמעקטאַבעקיש געמיט איינגעהילט.

ער — דער שערבלאַט פון יידישבוך.
פאַר אים וועט איר ווינציק־וואָס אויפמישן.

מענדעלע דער פאַרטרעטער
זיינע ווערטער
דער יידישער נשמהס באַטשאַפּטער
מענדעלע דער אָנזעטער

האָט עמיצער ביי אונדז געפּאָטערט אַ לעמל גוליע (ווער?
אַ עדיפּוס, אום זיך צו האַלטן גדולדיקער?
דאָס אַלץ, רבותים, איז געזאָגט ניט געווייסט־ווי, נאָר מיטן אמת
(און 'אמת' איז אַ טערקיש פּעפּערל וואָס בריט
יעדן טראָט אין דער אַלייע פון נאָכניט צוגעשטויבטע טריט)
כאָטש איר קאָנט גאָר חלילה זען דערין אַ רמז
אויף: „אונדז לוינט זיך אַ גאָט מענדעלע, דערפּאַר־זשע גלויבן מיר."

„כאָר"

(שאול האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן פאַרפאַלן־געגאַנגענע אייזלען
און געפונען אַ קיניגלעכע קרוין.
מענדעלע האָט זיך אומגעקערט זוכן אַ פערד־פידקאָווע, און געפונען
די קרוינשטול אין אונדזער יידיש פאַר זיין לוין.)

איך ברייע ניט אַז קיינער
גייט ניט ווייטער
פון אַמאָליקן פאַרצייטן

נאָר דער (100־ביז־108 יעריקער) זקן, אונדזער
אַלעמענס שטשאָגעל, אין ליסטרינענעם סערדעט
— די באָבע, אין אַ בעזשענער 'פּלאַטיע' ביי דער זייט —
שפּרייזט געלאַסן דורך דער טעטעריוּוקער גאַס, העט אַוועק
צום אויסגעטרוימטן שלאַמבאַן; איבער דער צעפלייצטער גנילאָ־
פּיאַטעוּוקע שווימט ער זיך סטאַטעטשנע צו דער מאַמע־לשון
אייביקייט.

פּרעלוד

1

אויב פֿאַלן הייסט זיין אָפּגעשוואַכט
אין מאַנכער פֿונקציע פֿון געזונט
— און וועלוול ליגט אין אָט דעם קלעם —
דאַן איז מיין העלד (נו וואָס איז דאָ
צו טענהן?) אַ פֿולקאָמער חלוש.
— כאָטש ס׳איז זיין אײדל אויסזען בונט,
דער פּולס ביי אים ניט זייער געאיילט,
איז פֿאָרט ניט אַלץ ווי עס באַדאַרף
צו זיין מיט אַלע זיינע גלידער.
פֿאַנאַנדערבליט אין אים זיך ווי
אַ קראַנקע בלום דער מראַטשנער יאוש
פֿון יעדן טראָט און־ליג און־צי
און־שטיי און־רייד און־לאַך און־געגעץ,
און בליט פֿאַנאַנדער זיך גאַנץ שאַרף.
ס׳פֿאַרדייט קוים זיין גערעגט סיסטעם
פֿון אינדערפֿרי ביז אויפֿדערנאַכט
דעם מינדסטן וואַסערשלונג און פּענעץ
ווי אים פֿאַרומערדיק לאַנגווײלט
מינוטן זעכציק אויף דער שעה
אין טומלראַשיקסטן האַרמידער.

פֿון שטאַנדפּונקט „טויג ניט״, שטאַנדפּונקט „טויג״
שוין אויסגעצײלט קוואַדראַטנווייז,

אויף קובן, אַלע מאַכינאַציעס
באַאיינפלוסטע דורך וואָסער גונסט,
מיניאָנצענדיק פּסיכע־צעמאָלן
פון וועלט אַלס מאַטעמאַטישע
עסענץ. די לאָגיק אויסגעלעקט
ביז דנאָ. די קאָנווערזאַציעס —
פאַרצערטע, אָפּגענוצטע רמזים,
קווינטיליאָניקע באַדייטן
פון וועלטבאַשאַף און וועלטבאַנעם.
די וואָרסטע טאַטוואָרט ליכטיקייטן —
אַך! ווי זיי ווערן גיך געפּלעקט
אין די טורנירן צווישן קונסט
און וויסנשאַפט און אינטויִציע:
ניט אויף אַ פּינטל פון דעם אויג
הערט־אויף די דולע אינקוויזיציע
פון נומענאַלן דלאָטן, אָלן
אין וועלוולס מוח, ושט, בוזעם —
ווי פייער הייס און קאַלט ווי אייז —
די וועזנטלעכקייט פון פּראָבלעם:

„וואָס איז חיסרון? וואָס איז מעלה?
פאַרליאַמען ווען ידיעות — וויסן?
און איז באַפּאָלעאָן אַ מענטש
וואָס האָט באַשטימט די וועלט באַרייכערט?
און קומען מיר מיט עלעקטראָן
צום לעצטן שטראַנד? ז׳דער ייִד אַ קלויבער
געשיכטע וועמען האָט פאַרשאַכערט?
יאָ, מאָסגיט גאָלד פאַר יעדער זשמענקע
מדבריותדיק געפּלוכט, געבענטשט,
געוויסטיקט שטויב? וואָס — וואָס איז וואָס?
זאָגט איינער: ׳ראָלן מיר זיך אַלע
ווי אַ געשפּינטע ווערטענקע

צום אַמפּינאַלסטן אַל־אַלגאָרניט׳;
אַ צווייטער: ׳מ׳טאָר ניט לעסטערן
זיך, לעסטערן קיין באַגריף — מע טאָר ניט
באַפּלעקן סתם דעם סדרס זויבער,
אַ ליאַדע טראָפּנדל פֿאַרגיסן
פֿון דעם געשאַנק־באַווילטן כוס!׳ ״

דאָך פֿאַלן נאָך דעם אַלעם פֿאַלט
(פֿאַרשטייט זיך אָפּט, גאַנץ אָפּט, ניט תמיד)
פֿאָרט אונדזער העלד וואָס איז אַ העלד
אַ דאַנק דעם גרויסמוט אונדזערן (צי
דערשנאַפּסטו ניט אַמאָל, מיין לעזער,
אין אים דיין אייגן אָפּבילד? מעלד
זיך אָן מיט דעם קאָפּירן אַבי
זאָלסט ניט גלאָט דן זיין לכף־חוב!)
ווייל ס׳איז דאָס פֿאַליקע אין אים
גרימאַסע פּעבל, מאַסקע־צעזאַר —
זינט פֿויגלדין האָט אים גאָטס האַנט
באַרירט, די זלידנע גורל־רוט
אין איר אונדז קרייצנדיקן בראַנד
אַנהויפּנדיק אַזויפיל אוממוט,
צערויבנדיק אַזויפיל מוט,
און טרייבט פֿון וואַרעמסטע היכלים
אין וויסטן לאָך פֿון קאַלטן הויף
מיט טויער פֿאַרן וואָלף צעפֿראַלט.

VENI

ניט לאַנג אויף דרערד דאָ צו פֿאַרבלייבן
בין איך צעפּלינדערן געקומען
אָן קלענסטער מורא, האַר, ס׳פֿאַרמעג
מיר גיפֿטיק פֿון דיר אָנפֿאַרטרויט

אין לוסטבאַזויפטער פרויס געדערים.
בעת יענע יאָרן וועלכע כ׳פּלעג
צעשאָטענען מיט קייכהוסט, שקראַפּל,
ניט מיידנדיק אין קינדערקרענק
קיין פּלאַסטערל, קיין טייגעלע;
ראש־חודש ווען די באָבע טרייבן
מיט ווערעמקרויט פּלעגט פון מיר ווערעם —
האָב איך דען אויף אַ רגעלע
אויף וואָס־אַ שטייגער ווי באַנומען,
פאַרדאַכטיקט אַז אַ טיילקראַפט דיינע,
איינציייטיק דאָ־דאָרט־אומעטום,
וואַכט איבער מיר, ניין! שפּאַרבעריש לויערט
אויף איטלעך ביינדל, בלוטל, הייטל,
אויף יעדן זשיפּ פון מיר, און ס׳טויערט
די אינערלעבן־הייפּן מיינע
סומאַריש דער ווילקיר־פינאַל
אין דעם באַשערטן חוזק־ראַפּל
פון אַ פאַרוויש און אַ פאַרשווענק?

VIDI

צי זי איז רונדיק אָדער פלאַך,
די וועלט, דעם אויגס און דער פּאָעזיעס
בריליאַנטער משכון פון גענוס,
האָב איך דערזען און אויסגעדבקהט
(וואָס אפשר איז דיזעלבע זאַך):
טעמע, וואַריאַציעס און רעפרען.
— גענוס: יאָ, תענוג; און פאַרדראָס,
און לייכעץ אויסגעשפּיגענער
אויף דילן ווענט און טראָטואַרן.
געזען די ביימערס קראַנקע זאַפּטן,
פון זייער בלעטערווערק דעם קראַך

ווען ס׳רירט אַ האַק זיך צו. געזען
די חיה אין דער שטייג פּאַרהאַפּטע,
די פאַונע אין פאַרבנרייץ, צויטס
מיטמאַכער — פלאָרע; משונה וויזיעס
פון פרוי, פון אדמס ריפּ־געגנאַר — —
— פון חיה, פאַונע, פלאָרע, פרוי
ווי מ׳זעט קיין אַנדער אַנדער זאַך
שוין אפשר קיינמאָל ניט אַזוי;
דערבליקט אַמאָל אַן אויג אַ טויטס
אין עקלדיק טיפהאַרץ פאַרוויטיקט,
פאַרזאָטן, אויפגעפּאַלן שטאַרן.

ניט בייגעקומען נייערט בין
איך דיך, דו אומבאַגרייפטע קראַפט
פון אַלערמעכטיק נישטיקייט!
נו זיכער זידל כ׳זיך, ווייל בין
דיין שפּאָט־אורטייל, אַ לאַמיק שוואַכער,
ניט צוגעפּאַסט צו היץ, צו קעלט.
געפינסט דערין אַ וויציקייט?
דאַן האָב איך מענטש גאָר מיטלייד אויף
דער פעלערהאַפטער וואָג־און־מאָס
וואָס דיין געהויבנקייט באַזיצט.
און אויב דיין ווערק איז צערעבראַל,
אומישנע — ביסטו אַ דבר־אחר!
איך, יוסטער פייפער, אין געשאַל,
צעהיצט אין ווילדן מאַראַפאָן,
„רייט אויפן סוס!״ און כ׳משפט איצט
דיך מיט צעגלידערנדער קריטיק
אָן קימער, פירט מיך סיי כאַראַנס
פאַראַם צו־וואָרלאָז, סיי אַ בריק
פון שטאָל צי שפינוועב — מיט מיין העלד
וואָס יוירט נאַרציסיש אין זיין זאַפט

„פאַרקויף איך אויך בלויז וואָס איך קויף"
מיטנישטערנדיק אין „וואָס איז וואָס?"

די כמאַרע, נעם, וואָס שוועבט אַפּיר
ווי שטיקער אָפּגעליישטע וואַטע
פון כלומרשט אונטער דיינע פּיס:
איר גאָס איז גורם וואַקסן ווי
פאַרלענד. און אָט דער בלויער הימל:
ריינבלוי ווי אומשולד אין אַ זיס
(פאַרוווינטער סטערעאָטיפּ) מיידל.
און טיף ווי הימל דער עקסטאַז
פון מאַן־און־פרויס פאַרחושטן פלי
ווען ליבידאָ אין גנאַד באַהעלט
דעם דינאַמיזם פון די טאָרסן
אין אַלקערס שאָרכלאַזן געווימל.
און דיינע פליגלדיקע משרתים,
דער סימבאָל פון וואָס זעליק איידל,
אין בליץ געבליצטע, לויטער פייער;
איין ווילע ווילסטו מיט אַ וועלט
פאַרחרובט, מיט אַ וועלט אַ נייער
(דעמס וועלט־געווין, דעמס וועלט־פאַרליר):
יאָ, וויסנשאַפטלעך וועלט פון בלאָטע,
פּאָעטיש — זעסטו — כריזאָפּראַז.

„כלא נצרתי". כ'שעם־זיך־מיט
מיט דיר וואָס על־כל־פּנים דאַרפסט
געניטער מייסטערמאַן, מיין בורא,
זיין ניט צו שאַפן מייסטערווערק
פון מין וואָס אַזוי גיך ווי וואַרפסט
אַרויס זיי פון דיין שאַף־וואַרשטאַט,
זיך איבערנעמען זאָלן גאָר
אַז דוס'ט זיי ניט באַשאַפן, אל?

דעם מכשול דו, אויף לויב געכאַרטשעט,
מוזט אויסשטיין אין די וואָלוולע מערק
(אַזויפיל קאַפּיעס ווען דער
אָריגינאַל איז פול מיט לעכער:
חיסרון נאָך חיסרון טאַרטשעט
ווי שטרוי פון פויערשע דעכער)
ווען לייגסט־פיר דיין טאַנדעטנע סחורה
ראַיעל „אין אייגענעם געמעל".

— זיי מוחל פאַר וויכוחן
(ל. ל.? דו מיינסט דאָך ניט אַז ס'איז עזות,?)
מיט דעם צוואַנג־הערשער. סופרות האָט
לפנים ווינציק וואָס צו טאָן
מיט אונדזער העלד, פון אונדזער דיך
ס'געבורטקינד. פאַר־געוויס, דיר שטייט
ניט אָן אַז חתן ווענלוול גאָטה
זאָל ליגן אין די הענט פון אַן
אַלטפרענקישן חטאים־זוכער,
זאָל ווערן אומפאַרדינט אַ תל.
צו שטוינען, וווּנדערן און גאַפן!
מיט וועמען נאָך פאַרטשעפּעט זיך?
אַ פּיקציע פון וועלכער ס'ווייעט
אַ טוכלער בודאַ־בראַמאַ־מאַזעס־
אַ ישו־מחמד אַבערגלויב.
איך צי זיך שוין צוריק און וועל,
צורו איצט לאָזנדיק דעם צוואַן,
מיט עמולירטן וואָרק פון טויב
אַזוי גיך ווי איך קאָן און גיכער,
פריי, פרייער זינגען מיינע סטראָפן.
מיט זשיוויצע פון קלעפּ'קער גלאַטקייט
דעם סמיטשיק פון מיין פערזעריי
(וואָס איז אַ סמיטשיק און ניט פידרעך)

וועל איך אָנרייבן, און די סטרונעס
פון מיין אָלימפּ־און־חורב פידל
ווי מע דאַרף און ניט כאַפּלאַפּ
אָנשטעלן: גוט, נו זאָלן זיי
איך טאָן אַ פּיק, איך טאָן אַ ברי,
פון אייער האַרצנס דורכשלאַק
אַרויסדערקוועטשן בנאמנות
אַ טייוול־טראַמטאַם־טריל עפעקט.
מיין העלד פון טינט, פּאַפּיר און פּאַפּ
ווי קאָלענקאָר (און ניט פון רידל,
לאָם, אַקעראַייזן, ליידער ווי
עס וואָלט זיך פיין געפּאַסט פּאַר היינט)
וועל איך אייך ווייזן ווי ר'האָט דורך
זיין קורצן לעבנסשליאַך געהיימט
לויט יעדן גונסט און יעדן סמאק
אַזעלכע זאַכן אין וועלכע שמדשטיק
ווי אויך נאַיווע וואָרהייט שטעקט.

2

— געגוג! עס שיינט צו זיין גאַנץ זיכער
אַז אין דעטאַל וואָלט אויסצודריקן
די אמתן אונדז ניט געלונגען
אין ווער ווייסט וויפל צענדליק ביכער.
און האָט עס דען בפרט, בכלל
צו טאָן מיט וועלוולען? — זיינע בליקן,
קוים האָבן זיי זיך שוין צעשווונגען,
זיך אַנדערש־וועגדיק ציִען. דער זין,
זיין לעבנס־זין — כאָטש ענלעך, דאָך
גאַנץ אַנדערש — זוכט אַן אַנדער תיקון,
און זוכט גאַנץ אַנדערשדיקע שטראָזן.
ווי עמיצער איז עוקר פון
דעם אומגעב פון אַ געוויסן מין
ועמיר אין אייל אַזוי פאַרלאָזן
דעם אומגעוויכטיקן לאָקאַל,
דעם איבערגווועלטיקנדיקן לאָך,
און ציִען וועלוולדיק ווהין
אַ מידער וואַנדערער פליט פון
דעם מערדערש גיפטיקן שאקאל,
דער אָנגעדראָלטער נאָרמע, און
באַשייד זוכט מ׳אייגענעם שאַבלאָן.
עס מערקט זיך טומל אומעטום

. . . . .

כאָטש צייט ז׳א קילע לונג־און־לעבער,
באַוועגט געלאַסן אירע רעדער

. . . . .

און וועלוולען קומט־אויף דער לאַנג־אָן:
דער טויג (אָ פריידז!) אין ד׳רהיים (אָ ברויז!)
ווו ס׳טוט זיך אַרום הויז און שייער;
ערד גראָבן ריסקלען; לאדושן
מיט מילך אין שיקסעס הענט; אנטאָן
דער פורמאַן בארשט דעם שפאק, דעם דעריש
און דעם בולאַן; ס׳מאָלויצען ציפּן;
אַ שייגעץ גנאַי שארט, און אין „קאַשע"
שפילט קליינוואַרג; אָפּגענומען שרייט
אַ גויה צו אַ שנעק: „גאסערישז!"
און אילוסטרירט פאַר אים די העוויה.
די הרובעס ליידיקן זיך אויס
פון די לעצטווינטערדיקע אַשן;
אין בראָנפן לייגט מען פאָלין; קריפּ
אין אוגערקעס; מע זויערט שאלאטן
און עפּל פאַר דעם ווינטערנאַשן;
פּאַטשיילעס, דאשקעס — אין אַ זייט;
דער גאלאגאן פון כוואַטסקן טיפּ
שטוצט איבער די נאַסידעלעס,
באלטפּילעט איבער יעדער שיסל
און יאָלדט על פּי נוסח זשיל בלאז;
און נאסטיען פארבייגייענדיק
דערלאנגט איר חמ׳עלע אַ קניפּ;
מיט א קולאַק דראָט זי אים, „לאָשעק,
אַ רוחן דיר אין טאַטנס טאַטן!"
(פאַרשטענדלעך, מיט געמאַכטן כעס)
בינדט ווייטער טעמפּערהייט — ווען ס׳ביסל
גערעגט אויפלעבן ווערט אויסגעלאָשן —
מיט דערע און שפּאַגאַט די פעסער
מיט דעם געשטעלטן ווינטערקוואַס;
און נאָטקע, דעם איהומענס זניק,
טשיקאַווע אויסגעפּוצט אין פּוישן

און יעדן האָבנדיק „אין קאַשעק״,
פאַרדזשעגעכצט לייצן רייטנדיק
אויף אַן אומוואַלגערדיקן זאָטל
און פראַוועט אַלץ צו מיט אַ מעסער;
און אויסגעקלאַפּט אין לופטערן
די ווינטערדיקע ווערן שמוישן;
דער טויער ביים אַריינפאָר קריגט
אַן אָפּעראַציע מיט אַ דלאָטל;
אַ פּלאַנקע טעסעט הייזעריקלעך
סאָסנאָווע, דעמבענע הילץ, ברעטער;
און פּעטש־ווי־ברעטער קריגט אַ־צווישן־
די־פּיס זיך פלאָנטערנדיקער יאַטל
מיט קנעפּלעך, קעסטעלעך און זשוקלעך

. . . . . .

און דאַן, ערשט שפּעטער, העט העט שפּעטער

. . . . .

ווען אָונט פאַלט־צו טרייבנדיק
פאַרדאַרטע האָרעוואַניע־קישקעס
מיט אָנגעמוליעטע געניקס
צו מאָגערע באַרבאָליע־הישקעס

ווערט ברייט באַקאַנט אַז אָנגעהויבן
האָט מען, נאָר וואָס אַ שטייגער קלעקן
די ימען מי ס׳זאָל זיך די וועלט
פון דעם פאַרענדיקן באַלעקן?

אָה וועלוול (דאָ איז ניט די רייד
פון זיינע אָנגעהויכטע חקירות,
צעקאַרבט, צעשיילט, צעפּעדימט גורל־
קאָלירטע רונדן אין ווייסע ווירעס)

האָט ער געוואָלט דיאַגנאָזירן
די סיבה פון דעם דור׳ס געווימל
ז׳צו דער געדיכטער פלאַכטע שטויב
בלויז צוגעקומען פרישער שימל.

און זיין פאַרזוך צו פּראָגנאָזירן
דעם צופּירפּונקט פון מאַשינעריע
דערבּרענגט אומאָרדנטלעכן קאָסמאָס
צו נאָך אַ טונקלער פּעריפעריע.

מיט וואָס איז „גאַנצער״ „איצט״ פון „פריער״?
מיט נאָך בלויז, און מיט נאָך, און נאָך
אַ טראָפּן וואַסער אינם טעפּל:
פאַרוויכטיקט ז׳ניט דער ערשטער קאָך.

וואָר. „מאַשינעריע הייבט אָן
מיט טוישן בלויז דעם גאַנג פון טאָג
און ענדיקט מיטן וועלטגאַנג טויש.״*)
ז׳איך טאַקע וויכטיק אָט דער זאָג?
אַ חכם איז געווען דער אַלטער
זיך שטענדיק צלמדיקער פּאוולע:
„מיר זענען גאָרניט. גאָט איז אַלץ״.
און אויפן שטעל דאָס שטיקל טרפה
באַשאָטן מיט אַ סיפּקע זאַלץ;
אַ דרויבל ניט פאַרלירנדיק
האָט ער, זיך קראַצנדיק אין פּליכע,
די בילדלעכסטע געדאַנקען וועגן
דער ערד און הימל, מענטש און גאָט
אַרויסגעלאָזט (און אַ נפיחה).
און וואונדער איבער וואונדער! ניט

*) דיואי

געוווסט פון פראַנציסק דעם אסיסער;
אין וועלוולס טאטנס הויף געווען
דער שטילסטער פויער, בעסטער שלאָסער.
ניט פון דעם מענערקראפטלאָזן,
געדאַנקען־שפרודלענדן זשאַן זשאַק;
אַריינצוגיסן ליב געהאַט
סיי שפירט סיי בראָנפן און סיי הליאק
און הויל פאַר אים די קלאַנגען „טולא״,
„פאָליאַנא יאסנאיא״, „טאָלסטאָי״...
געווען, מיט איינעם וואָרט, אַ „העפ״,
אַ היה מיט אַ פלוסל, אַ גוי.
. . . . .

און אנשל וואָס פלעגט וועקן דריי
ביינאַכט מיט „ישראל עם קדושים
יראו נא שמעו נא״, ביי ווענען
אַ יעדע מויד ז׳געווען „גאָך שלושים״ —
„און מעג שוין קלעזמער הערן״, פלעגט ער
זיך ווערטלען איבער זיינע צרות:
„ניט גוט, איר הערט, די גאַנצע וועלט טויג
אויף טישטשע ניינציק ניין כפרות!
מהיכא תיתי, לערנען, זיין אַ מענטש.
נו, אָבער גאָט איז גאָט! — וואָס מיר,
מישטיינס געזאָגט?״ און מיט דער פרייטיק־
נדבה אין האַנט איז דורך דער טיר
(קומט וועלוולען אויס איצט ווי אין חלום)
אַוועק אַ מענטש וואָס האָט צו אַלץ
דערפילט זיך: אויסגעהאָד׳וועט האָט עס
אַ מוציא ראַזעווע ברויט מיט זאַלץ.
און לעסטערן האָט ער בלויז געלעסטערט
דעם איבערוווקס פון זיינע טעכטער —
„נאָר אַלץ וואָס גאָט וויל, איז מיר רעכט,

נאָך אַ מין רעכט, דו גאָט גערעכטער!״

. . . . .

און זיסע זיסל, נעגלשניידערין
ביי ווייבער אין באָד, פירזאָגערין
וואָס פלעגט די ווייבער מאַכן וויינען
מיט שרהן און מיט הגרן:
געניטע תחינה־בעטערין
און בראַווע טויטנזיצערקע
און זשעברערין פון כל׳ע מיני נדבות
פאַר ארץ ישראל, יתומשאַפט,
און מער — אַפילו „פאַר די אָבות״,
ביי ווען ס׳איז געבליבן שטעקן,
צו הערן שלעכטע מיילער, אָן אפּותיקא;
שמעקנדיק מיט טוכלע פיש, קרופּניק,
קאַרטאָפלדיק און קרויטיק —
די זיסע זיסל אָפּ־ און־אויסגעריבן
האָט אַלע שטעטלדיקע ווענט
מיט איר פירשפּיל צום גרעסטן לויב:
„עד האָ׳ נאָ׳ ניש׳ קא ריינע הענט״,
אַ רייב אין וואַנט, „געלויבט איז גאָט!
ער וויס? ניטאָ זעך וואָס צו קלאָגן!״

. . . . .

ווי ווייניק אַריסטאָטלען נאָכדעם
פאַרבלייבט שוין קערנדיקס צו זאָגן — —

3

. . . . .

נאָר ליבער לעזער, איך הער דיין
געדאַנקענגאַנג ווי פּראָטעסטירן
וואָס כ׳קאָן מיין דורכגעמאַכטן העלד,
דעם העלד פון עקזאַלטירטן פיין,
דערפּאָלגרייך ניט אימוניזירן
פון אַלטגעבאַקענער, כמעט
פיקטיווער היינט, קליין־ישוב וועלט.
און ווירקלעך. אונדזער וועלוול האָט
פאַררוקט די חושים אויף אַ זייט;
אויפמישנדיק אויפסניי אַ בלעטל
געזוכט צו קומען צערעבראַל
צום איבערשאַץ פון ריינע ווערטן,
און ניט נאָר פונם דאָרף און שטעטל
באַפרייט קאַפּריזנע זיין געמאַך —
פאַרהערט די ווערסאַטילע פּלייט
אַפילו פונם גרעסטן כרך
וואָס האָט אין אומזין פון איר שקוואַל
פאַרזוכט מיט זיינע חושים פלירטן.

און פאַר זיין גייסטיק ווילזיין האָט ער
אַליין גענומען די קאַלאָריעס
אויסציילן לויט דער פּראָגרעסיווער
באַשטימונג, יעדן מינים. פעט
און ברענשטאָף פון ווי, וואָס אַ איזם.

פון אוואַנסירטע ווונק־טעאָריעס
האָט פּאַסיק צושניידן פּרובירט ער
זיך אויבערשט קליידונג, הינטערשט גרעט
און קעמפן קעגן מאָדערניזם
פאַרפלאַכטן איז געווען באַרייט
טריי צום מהות פון קאָנסערווירטער
און טיפערער מאָדערנישקייט.

ניט איינמאָל ט׳ער געררייצט דעם שטן
מיט פּסיכאָלאָגיע, פילאָסאָפיע
קאָסמאָס צי אַנטראָפּאָסאָפיע
און נאָך אַזוינע שאָלעמויזן.
ער האָט זיי אפשר אומגעראָטן
גענוצט ווען אין זיין צוגאַנג־סאָפּיע
צו מענטש, וועלט, זון, עפּיר און רויזן.
איי דאָס וואָס ס׳האָט דער גאַנצער שטאָם
באַפרידיקט זיך מיט מלופּם־פּשטות,
טאָ וועדזשע טראָגט אין גאָס זיך סתם
צעפאָרענע, צעפּלעטשטע מעשטעס?

אַ ביסל חוזק צוגעלושעט
האָט בליק זיך צו אים פון פריער.
ער האָט געזאַמלט דערנער, און
מיט צוגעפּאַסטע יוסטע זיפּצן
זיי אָנגערופן בלומען
צוריק מיט יאָרן אָן באַראָט;
מיטשילערינס אין אויער געשושקעט
פאַרגאַפּט „ווי דליא מעניא וועס מירו!״
„וואָס וועל איך אָן דיר טייערע טאָן?״
„כאָט ווידיט אָקאָ דא זוב ניעימיאָטו!״
אויסדריקנדיק זיין איך „אַרטיסטיש״
פלעגט ער זיך שעמעוודיק צעפלאַמלען,

פאַרלייענט זיך ביז אַ זייגער פופצן
ביינאַכט מיט „ראָדינא״ און „ניוואַ״,
און יונג געשטימונגט פעסימיסטיש
שוין מיט אַ טשאָפּרינקע און גריווע.

אויך ער געווען דער פּיאָנער
אָדעקאָלאָן־גערוך פאַרשפרייטער,
קאַמאַשן געלע אין דער געגנט
די ערשטע זיינע פיס באַצירט,
דאָרט אויך דער ערשטער אפשר מיט
אַ „גוטן רוסיש״ מאַנעווורירט,
און קשיות פרעגן וואָס זיי האָבן
באַטיטלט אים מיט רעכט „צעדרייטער״.
געקאָנט די הענט צעפירן זיך
מיט פיר פערד נאַשפּיץ אין אַ קאָטש,
דיסקאַנטיש וויאַלצעוואַן נאָכזינגען,
און ניט אָן חן, „דישאַלאַ נאָטש״.

אין זומער מיט צוויי דאַשיקעס,
דיאַגאָנאַלשטאָף שמאָלע הויזן,
אַ בלוזע פון סאַטין, סאַנדאַלן
אָן זאָקן אויף די פיס — געשטוצט —
געשטוצט — די וועלט ביי זיך אין קאָפּ
האָרע־קאָרע איבערגעקערט.
באַשטענדיק, „אָנגעגורט די לענדן
פון זיין געשליפן צינגל״ מיט
אַ נאַראַטיוו א פּאַסיקן.
זיין פאָטער — אַ זלאָטע־ווערסיע
פון פראַנקפורטער ר׳ מאיר אנשל;
די שטיפמוטער, מיט ברייטער האַנט
ווי ס׳פּאַסט אַ דענעשקע־גדולה.
אַרום פאַרגרויזטע ערטער גיט־אָפּ

דער ריח פון ליפּאָווע צווייט,
אָנרירנדיק נאָר אַ געוויקס —
ניט אַנדערש ס׳איז גאָר קראָפּיווע.
ער האָט ביים גורל אויסגעבעטן
אַ יתומדיקע סינעקור,
און איידל, מאַגנשוואַך, פּאַרציאַפּעט,
אין גרעסטער היץ צי קעלט, ניט רויט
געווען ווי אַ צעפּאַטשטער צוויק.
דער ערשטער חלום, ווי ער קאָן
געדענקען איז געווען אין פּערזן,
אַ טרייסט צו נאַדסאָנען, צו פרוגן,
ניקיטינען, בעקראַסאָוון.
דערזשאַווינס זשע „איך בין אַ צאַר,
אַ שקלאַף, אַ ווערימל, אַ גאָט״
האָט דערנאָך זיין פּילבאַרקייט, לאַנג
מיט וואַנזיק, פאַנטאָמען געדראָט.

גערעטעוועט האָט אים וואָס ער
ז׳באַלד, ווי־אַרום, פּאַרפּירט געוואָרן
פון ווענדן זיינע אינערבליקן
(פּאַרשטייט זיך גאַנץ אומדייטלעך)
ניט מער אויף אינהאַלט נאָר געשטאַלט.
ער ווערט־זיך איצט אַלץ מער און מער.
צי נעקראָמאַנס צי מעסמעריזם
האָט ווערטער איינגעהילט אין פלערן
פון וואָרהאַפּט־אומבאַגרייפלעכע
און מיסטיש פּלאָגנדע אוזאָרן
פון מאָדנע קינדערשע געשיקן —
זיי האָבן אים דאָס האַרץ פאַרקלעמט.
זיין זעלנטיר בלייבט צוגעשפּאַרט
אין אָנשוי פון דעם קאַטאַקליזם
פאַר קיין דערפאַרונג ניט צעפּראַלט;

אַ נייער שטרויכל פלאַץ פאַרנעמט —
ניט וועלנדיק געשטרויכלט ווערן.
ער דאַרט פון טאָג צו טאָג און קוואַרט.

און וועמען זאָל זיך דאַכטן אויב
דעם לעבנס גרוילנדיקער אומגנאָד
אויף יעדן לויערט וואָס פון שטויב
און פליסיקייט ז׳צונויפגעשטעלט?
רעפלעקסן רייסן זיך געזעגנט,
ווי צאַרטער פלאַקסוועב אויפן שפינראָד,
פון יאָנטלס יעדן זיסן סוד
און פאַלן אין דעם אומגנאָדס שנוק
ווי ס׳וואָלט זיין די באַשערטע נעסט.
און ליכטיקער יסוד פאַרשווענקט
דעם זין פון יעדן מאַרכדרוק
און ס׳פלאכט זיך ס׳רוב דער אַלטיטוד
פון פריידיק ייִנגלשן פאַרמעסט:
נאָר ס׳איז דאָך פאָרט ערשט קיי־און־שפּיי.
אך! נאָך ניט אויסגעפּרוּווט די קראַפט,
דער אימפּעט האָניק זיסער! א
געדאַנקענוואָגלער זוכט א נוסח,
אַ שפּאָגל נייעם. פּלוצים שרעקט
אים דער דערנענ־געפיל „אָט הוסט איך!״
פּיטשנאַס פון שווייס, אַ פענכער ביי
די פּיס: די קרענק האָט אים פאַרהאַפּט,
די זנאכארקע האָט אים פאַרלעקט.

דעם צווייטן טאָג זיך טויטשען שוין
אויף האַרטע רודעס דראָבינקעס
און ברענגען פון פאַר ווערסטן וויט
צו יאָנטלען טראָפּן פון דעם דאָקטער
. . . . .

ל. ל„ נאָר חכמות אין אַ זייט:
כ׳מיין ניט אָנדרייען די ספּרוזשינקעס,
די צאַרטע, פון דיין מיטלייד אין
באַצוג צו אונדזער העלד. דער פאַקטאָר
פון הוסט ז׳געווען אַ ברודנער רעגן
(און ניט דער שרעקיקער טי. בי.)
וואָס נאָך פון פאַראַכטאָגן גיסן
האָט אָנגעהויבן. דער „קאַרשווין״
האָט אויף אים רעאַגירט מיט גיסן.
איצט מוז ער ליגן גלייך און טאָר זיך
אַ ריר ניט טאָן. זיך אויסצוהיטן
איז ניט גאָר גרינג. ער איז ניט בראוו.
קאַנאַלן ווייסן אַז זיי מעגן:
מיט פליסיקייט פאַרפולט, אויספּליסן
זיי פריי פון אומעטום. דאַרויף —
אַ האַלדזשלונג און אַ נאָז.
אַבי

מע ווייסט די קאָנסעקוועטע אורזאַך
פון אַ ווי וויכטיקער דערשיינונג,
דערהויפּט ווען ס׳פירן לעווקאַציטן
און פאַגאַציטן אַ געפעכט
פון לעבנהונגער, טויטנהונגער;
און דאָ בשכינות שלאָפט א לאו —
געשטאַלט פון טאַטן, טאַטנס פרוי,
אַ לאו פון אַ מיליאָן רעגיסטער,
דערצו בשכינות כראָפּעט־אויף
אין ריטם אַקצענטירט, אַנטבלויזט.
די דינסטמויד — וואָסער ליים־און־שטרוי
קאָן ביישטיין דעם נסיון פון
דערהיצטן אָנגריף אויף אַן איינונג
מיט שטרוי־און־ליים, מיט שלאבער זיסן
צורוף־גוף פון אַ צווייט געשלעכט

וואָס זאָל פאַרמיידן אין דער גרעסטער,
געהיטסטער פאָרזיכט בעטס אַ קריץ
ביי דעם אַראָפּגיין, און די פינגער
אָנגיטעוועט אָן אויפגעבערויזט
צעפלאָם, אָן אָנגעדראָלטע ציץ?

דער ווייזער אויפן ציפערבלאַט
פון יינגלדיק זין רונדלט ניט
איצט מער. ער איז אָנגשטרענגט גענויגט
אין יונגער מענערשאַפט באַשטימטקייט
אין שאָטן פון עראָס־נאַש,־זשליאָק
פון פרוכטן, ווייַנען אַלערליי — — —
אַ מאָכיק פיליגראַן געוועלדל — — —
פון אַ זון־זייגער דער שטאָלצאָק.
דאָס אומבאַיאָרטע רוי געמיט
פון קינד איז איצטער פאַניבראַט,
פון קינד איז מענערש וואַכיק ביי
דעם איבער־בגרות תהום. דאָס העלדל
קומט — דעקט אויף — און בויגט —
זינקט זינקט פאַרזינקט אין חשק פון
אַ טוליענד לאַשטשענדיקער רונדקייט
אַ זינדיק זידיק זיסער רונדקייט
אַ וואַיניק פייניק תענוג רונדקייט
אַ אויבערשט זויבערשט פיבערשט רונדקייט
אַ הינטן היפּטן גרונטן רונדקייט
אַ גלאַטער פלאַטער קראַטער רונדקייט
אַ האַרטער צאַרטער מאַרטער רונדקייט
אַ קאַליברי־־פלי קני־ברי רונדקייט
אַ בריסטן יוסטע פריסטער רונדקייט
אַ לאַנען גראַנען שוואַנען רונדקייט
הייסשווייסיק מהיכא תיתיק רונדקייט
. . . די רונדקייטן צעשמעלצן אין

דעם טשאַדנעם גופים־זשאַר קרומליניק,
פֿאַרלירן זיך אויפסניי אין וואָרטעקס,
אין נייער פֿאָרם, ווידער רונדיק,
העט ביז דער אויסגעלאָדטער לאָגל
אַריבער גיט די פּירערשאַפט
אין דעם פֿראַגמענט פֿון מיטאָסן
צו דעם קאָנטראָל פֿון שטאָלצן קאָרטעקס
וואָס איז דער וואַכמייסטער פֿון רעג,
און דער פֿונקציאָנער וואַכט־אויף
אין די צעוואָרפֿענע מקומות
מיט ליאַרמיק צענזאָרן־רעפֿלעקסן
פֿון דעקאַלאָגן, עטאָסן,
פֿון ווימלענדע הן־לאו קאָדעקסן
וואָס מאַכן אַלע אינסטינקטיווע
געטעמפּטע זיסקייטן אָפּטריניק
און טאַפּנדיק צוריק אין הולך
קלויבט ער זיין וועזן שטיל צונויף — —
אין דעם פֿאַריאָצטן מיטנאַכט־וואָגל
טראַכט יאָנטל מיט געמישט געגנוס פֿון
זיין קילן קישן קאָלדרע ליילעך
אַביסל מיט מאַרטירערשאַפֿט
און חלומט שפּעטער אָפּט חלומות
פֿון אַ בוך־ראזשא מיט נאָוטש־שיקסלעך
און פֿילט אין אַלגעמיין פֿאַרשיווע.

ביינאַכט־פּאַסיר האָט גרינג פֿאַרשטערט
דעם ניכטערפֿרידן פֿון זיין טאָג.
(די עלטער פּרוווט דעם דראַנג פֿאַרליישן,
אַ קינד קומט שווער אָן זיין סקאַרבאָווע.)
סיי פֿון דער נאָענט סיי פֿון ווייטן,
פֿון הינטער יעדן פּרויענהעמד,
וואָס פֿאַראַ לייבל אַ וואַטאָוון

און וואָסער קליידל, סיץ צי טערנע,
פון אַלטער, יוגנטלעכער פלאָג,
אים ציִען קאָנוס־בולטקייטן
צו זיך אַזוי שאַרף קורזוען־דראַנגיק
און ברענען ווי צעגליטע פרענט.
ער זוכט מיט גאַרן זשעדנעם בליק
די קליבע־ליניעס פון אַ מיידל
מיט וועם ער שפּילט אין פּישעפּיישע,
אַ זעקסנזעכציק צי אין דריידל.
ער ווייסט עס איז די שפּיל מיזערנע
און ווערט פון איר דאָך פאָרט פאַרצערט.
ניט אָפּגעשאַצט נאָך איר געשטאַלט,
איר בעטלערן־, פרינצעסן־מראה,
ווי פלוצים אים באַהערשט דער גוואַלד
וואָס מאַכט אַ פלינקן טאַפּ אַוודאַי
טאָן אירע ליטקעס דורכן קליידל
ווען ער קריגט, „שמאָנדרעק! אין דרערד אַריין!
עס זאָל פון דיר אַרויס די פּאַרע!"
דאַרין ליגט מער פאַרוויר ווי כעס.
כאָטש זי פאַרענדיקט די טיראַדע
מיט שטאָלץ, „איך בין אַן ערלעך מיידל,
דו חמור־אייזל, גרוביאַן",
דערשנאַפּט ער טעלעפּאַטיש אז
אין איר וועט קיין מניעה ניט זיין.

און די מאַנקאָליע ווערט פאַרפּיעשטשעט
פון אַ באַדאַכט איראָניזירן,
ער פּרוווט זי אין געדאַנק פאַרניכטן
אַלס שמאַראָוואָזנע פּיערעט;
און פון קליינשטעטלדיקן, פריִען,
צו־פריִען דאָנזשואַניזירן
באַלד רעזולטירט אַ צעקאַליעטשעט

אַ פּרעך סאַרקאַסטישער סאָנעט
ווי ער באַהאַנדלט מיט אַ פּירוואָרף
מ׳לאָקאַלן אָרימלעבן עיפּוש
קלישירט מיט עסיק־אויל געאיכטן
און פּושקינישן ווינאגרעט:
„ביינאַכט בין איך דער גרעסטער אויסוואָרף,
בייטאָג בין איך דער מיאוסער טיפּש!״

שוין טויזנט און איינמאָל געווען
אויף דער באָלאָניע, דער ציגעלניע;
אין פּאָטשט דריימאָל אַ טאָג (אָ זיסער
גאָט); אומבאַדינגט פאַרנאַכט שפּאַצירן;
שוין נמאס הערן בלאָטע מעשהס
פון שעלמע פורמאַן אויף דער קעלניע;
פון כוואַטסקייט אומגעשטויגענער
רעקאָרדן נייע עטאַבלירן,
ווייל מער ווי וואָס (און דאָס איז אמת)
איז אַפּולעיוס׳ „גאָלדן אייזל״,
באַלזאַק און אַרציבאַשעוו און
דער „רוס״ אש האָ׳ן דארין אַ חלק;
גארגאנטוא, דער פלאָקנשיסער;
דער סמאטשנע וויץ פון „פּורים־קעזל״,
און אַ גלייכווערטל פון אַ פעטער
„די בחורטע איז גאָלע ביילעק״.

צעטראָגט זיך פּלוצים איבערן שטעטל
אַ קלאַנג אַז אַן אינטעליגענט
לויפט שוין אַביסל צו צו אָפּט
אין אַפּטעקארניע נאָך . . . יאָדינע.
פּאָרעל, קראַפּט עבינג, וויינינגער
און ביכלעך סתם פון היגיענע
שקראַב־שקראַבען אונטערן קאַשקעטל

אַז עס איז פּע! ניט שיין! מגונה!
און וועלוול זאָגט „אָ רעוואר!״
מיט אַ באַנייטער קראַפט און האַפט
מיט איינמאָל צו אַ צענדליק טבעס,
פאַרפלאָגטע און פאַרניערעטע

. . . . .

— געפונען פלאַטאָ זיין סאָקראַט —

. . . . .

ער׳ט אָפגעשידן שפּעט אין טבת
פון אַלע ביזאַהעריקע
די יונגלייב כוואָטשנדיקע מעווען
און אין זיין נייעם מדריכס אָרט
ערשט אָנגעצויגן מולד שבט.

4

דער ווייסער ווינטער האָט געשפּילט
מיט מרה־שחורהדיקע בערעס,
צעהוליעט, אָפן און געהיים.
די פּוישן, בורקע און באַשליק
פאַרווייעט זענען, טיף פאַרשנייט.
די לעצטע שעה פאַרציט זיך מילד,
נו זיי געזונט מיין ליבע היים!
כ׳וועל ניט פאַרגעסן דיינע לערעס.
צונויפגעפּאַקעוועט דער זניק —
פאַר יאָנטל פאַר געזונטערהייט!

דעם שאַליק אַרום האַלדז פאַרבינד
געהאָרכזאַם, פלייסיק זיי און לערן
דו ביסט שוין ניט קיין פּיצל קינד
די אויגן איבערפולט מיט טרערן.

מע לאַכט אין פאַר־אָפּפאָר צעשטריי
ביי יעדן קלאַפּט דאָס האַרץ אומרויִק
נו יעדער אָפּפאָר איז אַזוי
אַמווינציק ווינציקסטן אַזויאיק.

אומלויף ניט. קוק ניט אויפן הימל
אין הימל ז׳גאָרניטאָ צו זען
און ווינטערהימל יאָגט אָן דרימל
גיי פרעג פאַרוואָס! גיי פרעג פאַרוועןו!

מיט ליבשאַפט יעדנס בליק דרינגט טיף
און איילט אין זיך דיך איינצוזאַפּן
אַך! ווען ס׳איז נאָר אַ בליק צו כאַפּן
דורך וואָס פּאַראַ מין סאָרט שפּאַקטיוו

אין מזל־קינפּטיקייט, אין „ווערן״
וואָס שטייט אים סומנע דאָרטן פּאָר,
די מאַמע דיינע, יאָנטל... (טרערן
קויל הייסע) . . . דיר צו לענגערע יאָר.

און אירע ברעמען, אירע אויגן
דער ווילדער קוק אַפילו אירער
ער׳ט מיט איר מילך אַריינגעזויגן
דעם זענג און זיג פון אור־מאַרטירער.

ווי אויסגעגאָסן שטייף דער פורעם
פאַרלעצט די רעאַגירונג־גאַמע
פון ביאָלאָגישן אָפּקלויב
דער שטויב באַשאָנקען מיט נשמה
אין העלפאַנטביינערדיקן טורעם
און אויס נשמה, ווידער שטויב.

אין הויז געשאָסן נעכטן האָט מען
מיט ווערטער ווערטער ווערטער ווערטער
וואָלט יעדער וואָגלער נאָר אָנקומען
בשלום אין זיין רו באַשערטער.

די שטרעקעס לויפן באַרגאַרויף
די שטרעקעס לויפן באַרגאַראָפּ
אָט לויפן זיי גאַלאָפּ, גאַלאָפּ
און ערשט פאַרמינערט זיך דער לויף.

ניט טראָגן וועט דער פינאַנאַד
מיך מער ביז — ביז איבעראַיאָר
די זאַך איז מעגלעך טרוימגעגנאַד
די זאַך איז מעגלעך מער ווי וואָר.

אין אוממאַכט פּלאַצט אַ פייניק בלעזל
ווער איז דער „מאַכער" אַנפאַרטרויטער?
טראַכט בלינצלענדיק ס'פאַרמילצטע נעזל
דאָס סטרעמפּלדיקע און פאַרמלויטע.

די אייגלעך שמייען אום ווי מייזלעך
מיט שרעק . . . גלייכגילטיק . . . מיט קוראַזש . . .
אַ שליאַכטיטש לויפט אַן מיט „קאָזאַקלעך"
אַנטקעגן זיי אין פליאצקע סטיאזש.

דער טאַטע שרייט אין פריר, „דזשען דאָברי!"
און יענער פרעגט, „פּאַן ייד, ווּוהין?"
זיין סטאַסיעקס זאָטל און דער כליסטיק
פון ווונדערלעכן קומען ווין.

דער כליסט איז זיידן, ניט סעראַטן
דער זאָטל — לעדער־פיליגראַן
דער פליאקע־שקאָץ פון פליאקע־טאַטן
קריגט אין דער פליאקע־מאַמע אַריין

אַזוי איז שוין ביי זיי, רק שעלטן
אַזאַ מין גאָט־פאַרדאַמטע אומה —
ר' יואל דעם זון באַגעגנט וואָלט מיט
„כאָליערע טציענזשקי נאַ טיעבע נימאַ?"

מיר זענען באַלד שוין דאָרט, נו זיכער —
טאַטוסיע, זענען מיר דאָרט באַלד?

געוויס, מײַן קדיש, ווי מיר קריכן
אַרויס נאָר פון לאַזאָווער וואַלד.

הנאהדיק און פֿאָר־אינטים
ווי אַנדערש איז דעם לערערס הויז
און זי זאָגט: „יאַשאַ, לאָז־זשע אים
באַוואַסערן די ווינטער־רויז“.

— אַזוי איז דאָס גאָר די מאָראַל
פון פֿאַבל „ראַק און שוואַן און העכט?“
ווי יונג, און רייסט זיך צום פּאַרנאַס —
גאַנץ פֿײַן, זייער פֿײַן. גאָר ניט שלעכט,
נו גוט, נו ווויל, אין ערגסטן פֿאַל
וועמיר אָנציִען צום פֿיפֿטן קלאַס.
איצט וועמיר טאָן אַ שיק אין שטאָט
נאָך צוקער משה „טאַטעס“ — ס׳נאָך?
דאַן וועמיר מאַכן טיי, ר׳ יואל.
נו טוט זיך אויס דאָס פוטער, אָט.
די וועטשערע איז נאָך אין קאָך.
דאָס דרויסנדל וואַרפֿט אָן אַ גרויל.
ביזט יאָנטעלע צופֿיל פֿאַרבלאַסט
צום לערנען דאַרף מען כוחות אויכעט
נעם טרינק נעם, מוניע זונעלע,
נעם עס, אַניט וועט דיך דער גאַסט
ניט נעמען אויף די הענט.
זע, פֿאָליאַ, זע נאָר ווי דער וויכעט
פון הרובע פֿאַלט אַרויס און ברענט.
טאָ וואָס זשע הערט זיך עפּעס נײַס?
ווי גייט עס מיט דעם נײַעם פּריסטאַוו?
ער שרײַבט אַ פּראָטאָקאָל, און מעקט.
איך גלויב מ׳עט דורכקומען מיט אים.
עס האַנדלט זיך נאָר אום דעם פּרייז.

ער בייסט ניט, כאַטש ער האָט עס הײַנט געקויפט —
אַדאַנק, אַדאַנק איך רויכער ניט,
אַך ווי דאָס ציגאַרעטל שמעקט
נאָר כ'האַלט ניט פון קיין ניקאָטין.
ווי גייט בײַ אײַך אין די מסחרים?
דו שקאָץ, לייג ניט דעם לעפל אָפּ.
צו וואָס זאָל איך דיך היטן, זון?
אַ קינד דאַרף עסן וואָס מען גיט.
(דאָס מילדע מויל איז אָנגעשטאָפּט
מיט און, און אַך, און נו, און און.)

ווען־ניט געזען נאָך אַזאַ טיש
אַזאַ מין עטאַזשערקע, שאַפע.
דאָרט ווו מען קומט אַרײַן — די פּיאַנע.
דאָ, אַ געשניצטער טאַבורעט.
אַנטקעגן זיי, אין בלומענבלעטער,
די לאַשטשענדיקע אָטאָמאַנע.
אין מח בײַ אים אַ ווילד געמיש.
די באַקן בײַ דער דינסט, מיט שקראַפּל.
איר פלאַטשיקייט דערמאָנט אַ ברעט.
דערלאַנגט די טיי, אַביסל שפּעטער
געבראַכט די ערשטע פּאָר געריכטן.
— ניט זאָרגט זיך, גאַספּאַדאַרזשע, אָט —
מירן אים נישקשהדיק אויפריכטן.
אויף דער קושעטקע וועט ער שלאָפן
מיט אונדז בײַ דעם טיש וועט ער עסן
זיין אָפּגעהיט ווי ס'אויג אין קאָפּ,
דער טאַטע זאָגט: נו לאָמיר האָפן...
. . . . . .

געשווינט אַרויף, אַראָפּ געפּעסן
. . . . . .

און ס׳עפנט זיך אַ ריגעלע
אין איטלעך קינדערש ביינדלס אינער
און ניט קיין גאָלדן ציגעלע
פאַרווישט אויף ווייטער דעם דערינער
ווי אונטער יאָנטלס וויגעלע
פיק־פיקן (הערט אַ מעשה!) הינער

די הינער לייגן גרינע אייער
צו צוויי — אַ דרייער, דריי — אַ צווייער

די קליינע פרישע הענדעלעך
צעשקראַבן מיט די ציינדעלעך

ווי שדימלעך אויף טויג דאָס מיסט
דאָס מיסט אויף טויג ווו לער און פוסט

און יאָנטל ט׳ווערן גרויס און גרעסער
און בויען מוירן און שלעסער

און זיין אַ מאַן אי פרום אי גוט
מיט ליב געמיט און מילדן מוט

אין שול ט׳ער שטענדיק לערנען תורה
אין גרויסן נאָמען פון זיין בורא

און גאָט וועט יאָנטלען באַגליקן
אַ שיינע כלה אים צושיקן

עס וועט אים וועלט מקנא זיין
קוש יאָנטל קוש אין טאָכעס אַריין

ק אָ ד ע

פֿאַרליולע קינד אין צויבערשלאָף
פֿון איינגעגנעסטיקט יונגן עוף

זאַפּ איין די לופֿט, לופֿט ריין און בלאַנק
פֿאַר דיינע לונגען היילגעטראַנק

פֿאַרשטיל דעם אימפּעט אין אָנריר
פֿון גאָטזעל מוטער לעבן דיר

דיין הענטל לייג אויף איר בלאַסברוסט
פֿאַרשטילנדיק אין איר זונלוסט —

5

און אַז דער פּיפּערנאָטער האָט אויסגעצויגן זיין לאַנגן מאָגערן האַלדז און זיך אָפּגעזאָגט פון ווייטער שפּאַנען, איז דעם לעמזיק, זיין אָנטרייבער, גייענדיק ביי דער זייט און פעסט האַלטנדיק דאָס צעמל, איינגעפאַלן צו דערלאַנגען אים מיטן לאַנגן דראָט, ווי מיט אַ בייטש

אַ מעשה אַ ביסל, זיי זענען שוין געווען ווייט אַרויס פון וואַלד, העשעלע מיט נאָטקען, אַנטאָן דעם פורמאַנס שייגעצל, אויפן פּיפּערנאָטערס רוקן, און דער לעמזיק מיט זיי

לעמזיק לעמזיק

מדבריות פאַר זייערע אויגן

דאָס גרינצייג שפּרייט זיך פאַר זיי

דער אומגנאָד פון אַלמעכטיקן אויף אַלע פעלקער, אויף פאָלק ישראל

אומעטום איז איצט פריילעך צום ערשטן חנוכה־לעכטל

ער העלפט דער מומע צביהן אויפסיליען די צעשאָטענע פערל צו יויזיפלס בן־זכר

דער טאַטע האָט זיך אויסגעוויכנעט דעם אָרעם אַרויפקריכנ־דיק אויף דעם הסב־בעט

דער פעטער איכל אַזאַ הייסגעבאָדענער, נאָר ער שרייט און רוגזהט

די אַלטע ריסיע אַבישס לויפט לויפט נאָכן פרייטיקדיקן איוואניק צו פאַרקלעפּן טשאָלנט

צו אַכפּערן אַן אַלטן ייִדנס זקנה

די אַקערמעזשעס ווייסגעקאַרבט

בעריש שוסטער שפּריצט מיט אויל אויף יעדן קינד וואָס קומט צו אים אָפּנעמען די פאַרלאַטעטע שטיוולעטן אויף יום טוב

די יתומים אין הקדש האָט ניט ווער צו געפּאַטערן

צוועלף אַזייגער קלאַפּט דער סטאַראָזש אין די גראַטעס

דער דאָזש מיט דער דאַגאַרעסע האָבן זייער יונגן זון אָפּגע־פונען און שוין אויסגעלעבט גליקלעך זייער גאַנץ לעבן

דער וויינריב פלעכט זיך אַרום מגידס טירן

די טולבע קוקעלע שרייט שוין ווידעראַמאָל אויף די ציין „אוי מאַמע פאַרוואָס האָסטו מיך געלאָזט אַליין מיטן סאָלדאַט?"

יעדערמען פעלט אויס אַ פינפערל אַ צענערל אַ פופציקער צום יאַריד, קומט מען דולן דעם טאַטן

אָקסטאָג דרעשט מען שוין אויף דער פּיציניע

האַי־יאָר ניט געראָטן, נאַסע פּאָגאָדע

דער שפּאַק רייסט זיך פון דער טשאָרטעפּכאַיקע און זעצט אַנטאָנעז אויס אַ צאָן

דער זשאַנדאַר גיט אָפּ סאַלוט דעם סמאָטריטל

ליטמאַן פעטער צאַליעס פּיעשטשעט זיך און כאַפּט פעטש ווי האָלץ

די זאַסיקעס פאַרפולן זיך מיט פויערשער תבואה און די סטאָדאָלעס מיט פּילוואַריטשנער

אין שולפאָליש גייט אום קיווע דער משוגענער און שרייט „ייִדן, משיח קומט אין דר'ערד אַריין זאָלט איר מיר ניט גיין אויף קאַטאָוועסן!״

ביינוש צעלניקער וועגט און מעסט מיט פאַרגלייזטע אויגן און רוקט די גראָשנס אין די כאַליעוועס און קראַצט מיטן זעקסטן פינגער די גוליע אויפן האַלדז

ס'זאָל יענעם צופן ביים האַרצן גאָטעניו, שרייט סאָסל שייקעס צו שייקע ברכהס

דעם באָגדיכאַנס קיביטקע קאַטשעט זיך אַוועק איבערן ברייטן שליאַך פון מאַטושקע ראַסייע

ווי וועט זיין די פעלקער אין טאָג פון רעכנשאַפט פאַר זייער טון טאָן שלעכט צום פאָלק ישראל

טופּ מיטן פוס

קריץ מיט די ציין

דער קורטעזאַנט קוקט אויף איר, אין אירע קאַרע אויגן

דעם טייערן גאַנײדעם האָט דער עלטערפֿעטער יאָשע אַרויס־ געוואָרפֿן, און יענער גוואַלדעוועט: אָט גייט ער נעמט ער לויפֿט ער צום „סוד" מאָנען צוויי יאָר קעסט וואָס אים קומט אַ רוחן ווייבס משפּחה אַריין

די ערשטע אָניקס פֿיגורן וואָס ער'ט ווען געזען ביים פּאָטש־ מייסטער אין הויז צו ליובאָטשקעס אימעניִנעס זענען די שענסטע אין דער גאָרער וועלט

מע ראַמט מע וואַשט מע שייערט אין הויז אויף פּסח, און מיכאַלקע גיסט אַריין אין גאָרגל פֿאַר אָפּקויפֿן חמץ

טאָמער ט'עמיצער אַ פּיפּס טאָן אַז ער וויל אַן אַנדער בעל־ טאַקסע ווי דעם בלויען לייבוש ט'זיך טאָן מעשים

אין קלויניע האָט זיך פֿאַרגנבעט די שיקסע און וואַרט אין דער צוגעפֿאַלענער נאַכט אויפֿן סעמינאַריסט

די ייִדענע ביים רב אין קיך זאָגט מען פֿאַרמאָגט קלעפּיקע הענט, און ס'וועט נאָך סטייען קליעפּקע ביים טאַטן אין וואַלד אויף גאַנץ אָסיען

דער שלאַמבאָן איז יענע נאַכט געווען פֿאַרשטעלט און מען האָט געכאַפּט איוואַשקע גנב

די וויטע קרובה בראַנציע האָט פּופּיק גרימעניש טאָמער קריגט איר דן קיין לגאָטע ניט

די שפּאַלן צו דער באַן זענען אַלע פֿאַרבראַקירט געוואָרן, און ס'גייט דער טאַטע אום מיט גריזאָטע

די קנעכל בריִען ווי פֿון הייסן פּריסיק

ער האָט געווינט ווען טעמע קאָוקעס האָט אים געקושט צו איר קנס־מאָל

די חתונה וועט ניט שטאַטזיין ווייל דער סטודענט איז אַ הולטאַי און אַ פּוסטער פּיליסטראַנט

אויף סמאָטר שטייען די סאָלדאַטן אין אַ שערענגע און מאַכן אַ וואַרע און שרייען אויס „זדראַוויאַ זשעלאַיעם"

דער סמבטיון איז אַנטרונען מיט די צען שבטים

דער געצווייג פון די סאָדביימער איז קאַרשנדיק און ווינשלדיק און מאַרעלנדיק אָנהייב זומער

דער קאַפּעשאָן איז דעם קסיאָנדז קאָמיש פּאַרפּאָרן אויפן אויער ביים שווענצלען

וואָס קען שוין זיין שענערס ווי דעם איספּראַווניקס פּאָזו־מענט, דעם קיסרס קען שוין שענער ניט זיין

דער הימל איז בליי און צין און די סלאָטע אין־לשער

די דראָבינעס קרעכצן ווי דער אַלטער ציגיינער אין דער בודע ווען ער אַנטשולדיקט זיך און ברייעט אַז ניט ער האָט צוגעגנבעט מוני קאַצאַביילעס קו

די סנאָפּעס אין פעלד שטייען שיין און שטאַלטנע ווי סאָל־דאַטן אויסגעדריגעטע

ביים טייך וואַשן ווייבער וועש און פּראַטשן אויס שטאָטישע פליאָטקעס

אַ כאָפּטע קינדער שטייט אַרום קיווען און ווילדעוועט „צאָן קדשים — מע!״

אין פירהויז גיט אַנטאָן אַ כאַפּ די ראַבע ביי די ליטקעס

וועווע בלעכער, ווען מען פרעגט אים וואָס ער מאַכט, „געלויבט זיי גאָט עד רייב נאָך אויף די זשאָרנעס״ גיט ער אַזוי אַ זאָג אָפּ

פּאַלאַשקע די קורווע טאַנצט אויס אַ קאַמאַרינסקע אין מיטן מאַרק ווען זי איז אָנגעשנאָשקעט

איצי בענדעטס גיט תקיעת־כף ביים רב אין הויז, ער׳ט שוין מער זיין ווייב מיט די קינדער ניט מבייש־זיין מיט דער גויה ביי זיך אין שטוב, נו פּטור! אָפּגעקומען מיט אַ כאָפּהייער

אין די קלייטן זענען די יידעלעך צעשראָקן ווען פון יאַריד־מאַרק קומט דער שכורער געבררום פון די נאָוואָסראַנצעס

פישעלע דעם רימערס דראַפּעט זיך אין סטאָנדל אויף דער גאַסנוואַנט און פאַרהילכט גאַנץ בראָד מיט „כ׳וויל קלוצקעס מיט מיללללדדדד״

דער שוחט האַלט יאָנטלס כפּרה, אַ פרישצאַפּלדיק האָנדל, און פאַררייסט אים ס׳קעפּל

דער באָטשאַן אויפן דאַך פירט קריג מיט זוגתו היקרה

דער צאַפּ האָט אָפּגעגריזשעט ווו אַ סנאָפּ פון סטריכע און אויסגעלעקט אַ האַלבע וואַנט ביי ירוחם מלמד

פייביש חזן פרוווט און פרוווט די קעל און יעדער פאַרביי־גייער וואַרפט צום הויז מיטן קאָפּ און לאָזט אַרויס מיט געלעכטער „אַ קאַטשען בלייבט אַ קאַטשען"

יאָסי מילקעס מאָרדעוועט מיט דער מוטער פופצן מאָל אַ וואָך און האַווקעט „אַז יינגערע פון דיר ליגן שוין ניין איילן אין דער אדמה און דו — גאָרניט! אַן אייזן אַ יידענע!" און זי פאָנפעט צוריק מיט אַ כריפּ „נ—איך נ—וועל —נדיך נ—פריער נ—באַגראָבן, נ—קדיש נ—מיינער, נ—וואַרט — נ—וואַרט —" און דליבעט ווייטער מיטן מעסערשאַרף אין ווערמיקן עפּל

עס קלויצעט זיך אַביסל פאַרן סטאַראָסטעס וויבאָר

די שולשניידערלעך שלאָגן זיך פאַראַ נאָווינע אויסנעמענס־צייט און קוקן אויס צו מוסף ווי אַ געממיתטע אַרמיי

שניידער יונגוואַרג בוצקעט זיך מינאָרנע און וואַרפט־צו איינער דעם צווייטן „פאַלגוטש"

די קראָקוועס אויפן הקדש־דאַך טאַרטשען אַרויס ווי די ריפּן ביים שמאַטעלייניקס פגירה און דער נגיד עליע עפּשטיין פאָרט קיין קראָקע אויף אַ רעפּעראַציע און פרעגט שוין גלייכער ניט צי ער קערט זיך אום קריק

עוזרקע באַהעלפער וואַקסט־אויס אומעטום, ווו מען זייט אים ניט, מיט פעקלעך עסן און קלומיקלעך פאַר די קינדער, מיט צעטרענטע נאָטן הינטן אויפן לייביק, פון טראָגן קינדער אין חדר אין די גרויסע סלאָטעס

אַ וואַרשטאַט־געזעל זינגט פון אַרום דאַמסקע קליידער אַרויס „אוי, טייכן טרערן רינען פון אירע אויגן" און עס ווערט

אי לעכערלעך אי נודנע אי קאַלאָמוטנע · אי באַנג אויפן האַרצן

אייזעלע טעסלער גייט פאַרביי און שטעלט זיך אָפּ ווו אַ פּידאַשעק „האָט איר ניט אַמאָל אַ ציגאַר טיטון עפּעס, צי אַ שמעק טאַבעק, האַ?״

שמעלקע פּאָהאָניטש שמירט דעם וואָגן און ניסט מיט טרערן אין די פאַרפּאַפּטע באָרד־קאָלטענעס און וואָנצעס, און זאָגט נאָך יעדן ניס „אַז צעזעצט זאָל איך ווערן מיינע שונאים ניט אויף צעפּוקעניש״

פאַר צאַליע הענדלערס טויערן שטייען גויִשע פורן מיט מאָן ליאָן גערשטן פּראָסע רעטשקע סימניע האָבער קאָנע־שינע ווייץ

ביינאַכט האָט מען ביי לייזל ליפּעראַנט שטיל אַרויסגעדור־מאַשקעט אַ פּאָר לאָשאַקעס און סע ניט קיין סוד אַז דאָס איז יאַנקוליע מסורס שטיקל אַרבעט און ווי וואָס ס׳טוט זיך ווען מען געפינט די גנבה אויף דער באָלאָניע

דער ערל וואָס שוואַרצט אַריבער דער גרענעץ דרייט זיך שוין ווידער אַרום אין שטעטל און „פּאָמאָהאַיביט״ ביי מערע קאָנאָפּליע דעם שינקאַר און יעדער וויטעט זיך מיט אים „יאַק סיע מאַיעש״ און נעמט אָפּ אַ גרוס פון וועזשע אין דער אויעזדנער שטאָט

סטיסיע דער בעדערנס טראָגט פאַכירן אונטער די אויגן און ס׳טוט זיך אַ געלאָדעניש ביים רב מיטן מאַן אירן „אַז זען זאָל איך אים שוין מיט די פיס צו דער טיר״

דער נייער לערער מיט דער קודלע, זאָגט מען, פירט זיך אום מיט ליאַליע וועפּריקס מוידורע, אָט די וואָס צוליב איר איז דער פּאָטשטאַליאָן לעצטן פּעטרע אַנטרונען, נאָכדעם ווי ליאַליעס שוואַגעריק, איצל ציניעס, האָט אים אונטערגע־שלאָגן די אויגן

דעם פּערטן שידוך שוין אויך אָפּגעלאָזט מירעלע זאָזוליע — ס׳גייט נעבעך ר׳ זאַוולען פון נומער אַרגער צו נומער אַרגער, קיין מזל ניט צו אַ שידוך מיט זיין געבולבעטער בתולה

די ראַבע זיצט אין אָוונט מיט פּעקלעך פלאַקס ביים שפּינ־ראָד און זינגט זיך צו „כל מקדש שביעי״ נאָר ווי אַ יידישע טאָכטער

דער מאַזור דער ראַנטשאַר פּאַלט־צו צו געליע אברהמלס פיס און שווערט זיך מיט טויטע קללות ביי ווייב און קינד און דער גניאַדער קאָבילע אַז מער לקחנט ער ניט קיין ליולקעס פון איר קאַסטן אין מאַרק

ראַנטשע בוהאַי שפּאַנט אום ווי אַ פּאַליהאָן, אין איין האַנט אַ פּיזשעלע, און מיט דער צווייטער טאַפּט ער ווו אַ קו, אַ טעלעטשקעלע אַ פּערוויסקע ביים אייטער, און אַמאָל טאַקע די גויה אויך

בונם שמש לויפט פאַרסאַפּעט מיט די קרומע צוויי פיס און רוימט דעם און יענעם איין „האָט ניט קיין פּאַריבל, משה פון דער באָינע בעט אייך צו זיך אויפן ברית״

ראַצל גלאָמפּ שפּאַנט מיט דריבנע טריטלעך צו דער אַפּטייק, און זעט נאָר אַ גאַנג — זי שווימט, ניט זי גייט, יעדער שפּאַן קלאַפּט אויס אין טאַקט „איך בין ראַצל ראַפּשיץ!״ ווער איז איר גלייכן? דרעק איז איר פּעטער

אין וויינשענק צאָקט זיך שוין אורי שרייבער ס׳זיבנצנטע מאָל מיטן אוראַדניק און דערטראָגט קוים דעם קעלישאָק מיט „פּערציקער״ צום מויל מיט פוילע פּעניעס

דער נייניעריקער עילוי, זוני־לייב שמואל־גיסקעס, פאַרלייגט אַ פינגער פון איין האַנט אויף אַ פינגער פון דער צווייטער און שיסט אייך גלייך אַרויס באַסלינעט דעם סך־הכל פון 365, 582 געכפּלט אויף 916,427

אַ שייגעצל זיצט אויף אַ פור מיט צעשויבערט שטרוי און ליפּעט מאַקעך און קאַנדלצוקער, אַ וויסטער הוסט און אַ פינצטער בייז באַדאָסעניש אויף אים

אַ פויערטע פּאַטשט איר קליין שיקסל — זי האָט שוין פּיטשנאָס געמאַכט די נייע סוויטקע און הערט ניט אויף צו קייען אַ זיסלעך ניטדערבאַקן בולקעלע פון סלאָווע סעדע־כעס מולטער

אַ פרעמדער היטלמאַכער גולגעט אַ טראָפּן פון אַ גרינבלעך פלעשעלע, רופט קונים פאַר זיינע צאַצקעדיקע היטלען, אי וואַרים אין שיין, און נעמט ווייטער אַ טראָפּן

מענדל שפּאַלירניק קריגט אַ וויסטן פּעטשאַטעק פון אַ שטעטלשער באַלאַבאָסטע פאַר זיין אויסשפּאַלירן ביי איר דעם אַלקיר, „און אַ ייִד האָט נאָך עזות זיך צו באַרימען אַז ער האָט שפּאַלירט ביים גובערנאַטער״ (ווען ער איז אָפּגע־ווען אין גובערנסקע טורמע פאַר אַריבערשטעלן קיין קיר״ה) „ביי מיינע שונאים זאָלן זיך מאַן און ווייב אַזוי קלעפּן ווי אייער שפּאַליר קלעפּט זיך צו מיינע ווענט״

געציע שעפּסלס קריגט אָנצוהערעניש פון אַ בינטל לצים אין קלויז אַז זיין ווייב וויל ניט ווינען מיט אים ווייל ער איז שוין מסתּם אויסגעוועפּט

דער דורכפאָרנדיקער איינבינדער וויזט דעם בית מדרש גבאי זיין קאָלענקאָר וואָס קומט אַזש העט פון אויסלאַנד און די קליי וואָס בלויז ער ווייסט ווי צו מישן און דערפאַר טאַקע זעט ער ניט איין פאַרוואָס זאָל מען אים ניט געבן איבערבינדן די ספרים וואָס צעפאַלן זיך שוין שיר ניט אין שמות

אין סאָד וואַקסן מירטן, אָבער ווי קומען זיי צו די פאַלעס־טינער! טענהט אַ פאַרברענטער ציוניסט, שייקע שיקעס, וואָס האָט געפלאַנצטביימער אין יער הרצליה און פאַרקויפט שקלים אויף באָרג. „ווען איר׳ט קענען ט׳איר באַצאָלן״, און שעמט זיך שפעטער מאָנען, אַזוי אַז מען רופט אים דער עלטסטער קרעדיטניק אין שטעטל כאָטש ער איז נאָר וואָס פּטור געוואָרן מיטן פריזיוו

מען פירט שוין פאַרשינעס אין באָד אַריין בייצייטנס ווייל ס׳הערט זיך זאָגן אַז ס׳עט זיין אַ כליאַפּאָוויצע אָסיענצייט

פון בתיה דער גבירנטעס סאַלפעטקעס גייט די שטאָט כאָדאָ־רעם, זאָלן זיי טאַקע זיין זאַגראַניטשנע?

דאָס וואָס מען האָט ביים אײדעם אירן אין קיעוו אויסגע־נאַרט דאָס בייטעלע מיטן גאַנצן ת״קער איז אַן אמת געלעכ־טער! אַ פלאַטשיקער — און ריפּעט זיך צו די קאַר־מאַנשטשיקעס

וואָס זאַפרען, ווער זאַפרען?! ס׳איז געפּעקלטער טיטין וואָס פייסי זאַדיק לייגט אָפּ ביים פּאָליאַק אויף דער ציגעלניע

ביים סלופּ פּאָרעט זיך שטומפּיקלעך דער נייער גאַראָדאָוואָי מיט אַ שפּאָן איינגעטונקען אין סמאָלע: „511 איינוווינער, 319 ווייבערשע, 192 מאַנסבילשע נשמות״

די אַלטע זנאַכערקע מיט די אויסגעקרישלטע ציין כראָמ־טשקעט פאַרלעגערטע סעכערעס און שילט די ייִדן יעזוס־פאַרעטער

זאָגט עמיצער אַז דער ערוב איז פסול און מע טאָר ניט טראָגן אום שבת, אָבער דער בייגלמאַכערנס זון וואָס אַרבעט אין דער גראַבאַרניע און לייענט צאָצעליסטישע ביכלעך, טענהט אַז מע איז דאָ ווילדער ווי אין אַפריקע

נעכע גאָלדבערג זענען ניט געראָטן די עקזאַמענעס

טאָליען, זלמן ברוך דעם טאַנדעטניקס, האָט ניט אָפּגעגליקט מיט איר חתן

ביי די גבירים אַדירים ראַפּשיץ האָבן די קינדער זיך ניט איינגעגעבן

שימעלע טראַסציען איז שבת דער קוגל ניט איינגעגאַנגען

הלואי זאָל עמיצן דאָס יאָר מיט פאָניען אָפּגילטן

דעם זריב צעוואָרפּט מען ווייל דער פאַרדאַרטער טשוכאָן, דער גרוגרת דרב דאָציק, דער קרעציקער פרוש, האָט זיך געפעלט

פרייטיק שפּילן זיך אָרימע נאַקעטע פּופּקעס מיט ציפּלעך טייג

ביי יענער מיידל וואָס לויפט אין פּאָטשט אַריין איז דער פישביין אין גאָרסעט אויף דער פּלייצע געפּלאַצט

אויפן גאַניק ביים פּראָוויזאָר קנאַקט מען רוסיש, טרינקט מען טיי מיט קאָניאַק, איז מען לויז פון זאָרג

ביים טויער גראָבט מען, לאָזן דורכרינען דעם זאַטאָפּ

פון יענער זייט גרעבליע הודעט עס מיט האָפּ האָפּ, עטלעכע
גויים מאָלויצען אויף אַ דידעטשס אָביסציאַ

דער קאַשטאַן צעשלאָגט זיך מיטן דעריש און דאָס הער־
זשעריי פון סטאַניע לעכערט די אויערן

אָט לויפט ער, אָט לויפט ער, אָט לויפט

אָט פאַלט ער, אָט פאַלט

כ׳האָ׳ ניט מורא

סי גאָרניט
לאָז אָפּ
נאַכט
ניט אין דער היים
שלאָף
ווּ
אָט־דאָ
אַהאַ
מוני
לערער
אַהיימפאָרן
לאָז אָפּ
סי גאָרניט
כ׳האָ׳ מורא, טאַטע

טאָג הערלט זיך קעגן טונקלען פענצטער
און בלאַנדיק פאַלט אויף דעם צוקאַפּנס;
פאַרטויבט אַן אויסגעמוטשעטער
פאַרכליניען יאָנטלען דרעמל־האָפּן

6

די אויגן זײַנע קאָנספּירירן
אין משך פֿון אַוואָרע פֿלירט
מיט דעם ניט־שאַרף באַטאָנטן העל
אַ נעפּלדיקע איצט רעאַלקייט,
צעעפֿנט האַלב די דינע לעדלעך,
פֿאַרקלעפּטע לעדלעך איבער זיי.
אַרויס פֿון אונטער יעדן ווינקל
ווינקט, לאָקערט, שמייכלט לויטער נייקייט
זומזומיק, פֿעכלענדיק מיט בליאַסק
פֿון גאָלד און שווערקייט פֿון בליי.
קאָפּבלענדעניש פֿון שלאָפֿגאַנג פֿעקלט
זיך אין אַטיטודיניזירן
אינערט אַריבער אין אויפֿשטיי
מיט פֿרישקייט וואָס לעבט אויס באַנאַלקייט.
דאָס לעצטע ווערט טראַנסמאָגריפֿירט —
אי דאָס, טראַנסמאָגריפֿירט מיט טראַסק! —
אין וואַכיק טויש־אַקטיוו געשטאַלטקייט
גלייך ווי חרטות וואָלטן זעל
אין דעם אַרטיקולירטן טונקל
באַגינען שטיקערווייז געברעקלט,
צעביסן, און דאָס נפֿש — פֿליי.

דער אַלטער היים האָט ניט געפֿעלט
אַ מאַרק מיט אייטערזון פֿאַרגאָסן
און ביידע, מאַרק סיי און סיי זון,

אינאײנעם סײ און סײ באַזונדער,
װי אומבאַמערקט פאַרבײגעגאַן
אין כראָמטשען ס׳קיכל מיטן צימרינג.
דאָ ברענגען שטראַלן װײסע טרײסט
װי אויף אַן אינדזל אַלבאַטראָסן
(איך מײן פיל מער װי ס׳זאָגן מײנט)
װען מאַרקגאַס קאָלאָסאַל צעשאָטנט
באַהאַלט אין זיך צײטס צױבערפּלאַן.
פון נעכטן כאָטש ניט מער ביז הײנט
װי אײן מעת־לעת אין צײטמעסט שפּאַן,
האָט פון אַ צױבערפּלאַש אַ װוּנדער —
ערשט שעמעװדיק און באַלד גאַנץ דרײסט —
װי דורך אַ לײקע צוגעגאָסן,
צום װאַסער אין אים, ליטערס װײן.
זײן חבר און מיטשילער נתן
איז ניט װי ער אַ ליאַדע ייִנגלינג
אין קוניע גיך אַװעקגעשטעלט
אין הוילן כ׳בעט־אײך איבער סטאַן,
פאַרסטערעמפּלט און, װי ס׳פּאַסט, פאַרקטנט — — —
קאַפּויר, ער איז אַ יונגערמאַן.

אַזױ־אָ, באַלד, שוין פון דער ערשטער
באַגעגעניש אַרױסװאַקסט צישן
די צװײ װאָס זענען „יושבי אוהל״
אַ פרײנטשאַפט פון באַשטימטן װערט.
דעם ייִנגלינגס אומבאַהאַװנטקײטן
אין גרױזאַמלעבן זיך פאַרמישן
מיט די געניאַיקײטן װאָס זענען
אין חבר עלטערן פאַרערט.
ער זוכט און נישטערט; גראָבט און פאָרשט ער.
אַ פײער ט׳װערן פון דעם טלי.
אין קלאָרן שײן פון טאָג — מיט מויל,

ביינאַכט — מיטן געדאַנק באַשווערט
דער יונגער יאָנטל נתנען
מיט אלער׳ קשיות. קאָפּ אין קישן
(מיט ניט צווייזייטיקע באַדייטן)
איז יאָנטל היפּשלעך דרייסטער ווי
ווען ס׳ליגן פּאַר זיי אויף די טישן
טעקסטביכער: בלאָס, פאָרמאַל, אינערט.

דער נעכטן ווערמעס אויב ניט זיינער?
דער היינט צעבערעקלט יעדער ער
פאַרענטפערט נאָך וואָס פּאַראַ פרעג —
די שאלות־תשובות: איינס מיט נולן.
אַ צוואַנג דער נעכטן; היינט, אַ קלעם —
דאָ זוכט ער (זייענדיק אַ לייענער)
און דאָרט. דערווייל איז נאָך גאַנץ לער
דאָס פּלאַץ וואָס ענטפער דאַרף פאַרפולן.
ניין, ניט דאָס בלויז; פיל מער און מער
ווי דאָס; ניט ענטפער בלויז, נאָר ריינער
קנאיק זויבערער באַנעם
פון דעם וואָס ליגט אין וועג ווי שטיינער
(ווי? — ממש שטיינער אויפן וועג!)
צום ענדציל אָביעקטיוויזירט
ער אין דעם יינגלשן באַגער.

אַזוי איז ער דאָס רויק צווייגל
אויף שטילער ווערבע, ס׳אומבאַטראָטן
קיל גראָז אין ווינט. די יוגנט בעט זיך
אויסלעבן כוואַליק דורך די יאָרן.
מיט שטאָלטנע טריט זיך גנבענען
פאַרביי די ערשטע לערנטעג
אין ווינטערדיקע פרירשניי קיטלען,
די קורצע אָוונטן פון שיין
אין ליבער וואַרים ביי דער הרובע.

ניט לאַנג פאַרשטייט זיך ט׳זי געוואַרט
דאָס מיפיש סודותדיק געשטאַלט
וואָס האָט געזעטיקט אין דעם קינד
אַ מאַן אין לעבלעך הינערפלעט
מיט אומרו פון אַ טעמפּן הונגער.
זי׳ט סינאָנימיש אָנגענומען
אַן אַלערוועגדיק בלאַסע מראה
פון דינע ריטלעך, שלאַנקע שפּראָצן,
אַ פלינקן אויסריר, ספּריטנעם גאַנג.
איז ווען דעם טאָג נאָר אָפּגעלונגען
סטאָטעטשנער וועטערלעכער אויפפיר
האָט ער זי דורכשווענבן געזען
אין פּרעכטיק דורכזיכטיקן אויר.
האָ׳ן הימלען אָנגעזאָלעט זיך,
געפּיעשטשעט מיט גאָטס ריינע טרערן,
האָט אויך אין אים אַ קוואַל צעעפנט
דאַן ימים לינדערנדיקע טרערן
און ער איז ווי אַ קליינע חיה
אין שטייג פאַרהאַפט אַרומגעגאַן.

אַך דער ווונדערבאַרער שטויב
דאַרינטער זיינע מידע פיסלעך!
די פעלדער טאַנצן ווי באַזעסן
ווען ער לויפט דורך זיי אויפן רייטפערד.
דער בליק וואָס וועט היינט אויף איר פאַלן
זאָל אים נאָר שטאַרקן,ביידע מיטלען
ביז סוף פון לעבנס, סוף פון וועלטן!

געשיכטע, מאַטעמאַטיק, שפּראַך,
פראַנצויז, לאַטיין און אַנדערע זאַכן
אַזויפיל דעקן וואָס מע דאַרף
צו קריגן דעם באַגליקטן איינטריט

אין ווילפטן גימנאַזיע קלאַס,
באַין־אופן זענען ניט קיין הינט —
— און גלייך פון דעם געדאַנק אַוועק —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס איז געווען דער צייטס מאַניר:
„איך שווער אויף אייביק ליב צו האָבן
(דאָך ניט צו זיין איר אונטערטעניק)
דאָס שענסטע וועזן וואָס איך קען״.
אויף אויסצונעמען, בלויז ביי איר
דאַן חזרט ער אויף אויסנווייניק
אין לידערבוך פון לעקיש־סנאָבן
אַ דעקלאַמאַציע פון רישפען.

די ווילפטע דאָרט טעאָרעמע,
וואָס־וואָס ער זאָל ביי זיך ניט מיינען,
איז קוים מיט צרות צו פאַרנעמען.
אָט שמייכלט ער און טוט אַ קריץ:
„צו וואָסערע טייוואָלים נוצט
דער רוסיש קירכלעכער ׳ראַסקאָל׳?״
און ווילפל לעזערש גאָפן, היץ
אין יאַנטלען רופט אַרויס דאָס לייענען —
געמיטלעך, זעליק און געפוצט —
מיט איר פון היינעס „אַטטא טראָלל.״
זיי פאָרן אין איר פאַטערס וואַלד,
די צוציקעס: באַדאַכט, פראַגיל —
אַן אויסרייד: אָזשענעס צו קלייבן.
עס טעיעט אָן זיין האַרץ אין אים
מיט ניט קיין אָנקוועל פון אַ קינד
פון איר שטאָלץ רייטן אויפן פערד.
אַ פויגל האָט דערביי געשאַלט.
זיי ריידן ניט. זיי וואָרקען שטיל
ווי אויפן טויג אַ פּאָרל טויבן

מיט בלויזן אָנהויך פון אַ שטים,
און ס׳מומלט זיי אין מילדן ווינט
נאָך מומלענדיק זייד־גראָז אויף דרערד.

פון פיצלעך קינדער ווערן מענטשן,
פון מענטשן ווערן יונגעלייט.
און יונגע קינדער, נאָר צום בענטשן,
אין פּאָר דאָ רייטן זייט ביי זייט.
און קוים נאָר קומט זיי אויס צו ריידן
איז וויל זי וויסן וואָס איז גאָט,
אויך וואָס איז הימל, וואָס איז גליק;
ער ווייסט בלויז איינס, אַז־אַז זיי בײדע
ביינאַנד דאָ רייטנדיק אין טראָט
זיך זענען זייער אַ גרויס געשיק.
און באַלד צעלאַכט ער זיך (נערוועז)
אַזוי אַז זי מיינט אַז ער וויינט;
פאַרטראַכטן ביידע סקאַנדאַליעז
אַז זיין זאָל, אייביק אייביק, היינט.

אין אָוונט, נאָכן מאָלצייט באַלד,
ווען ס׳גייט אַ זיסקייט דורך די ביינער,
פּרוּווט ער דורך שטאָמל־סקאָסנע וועגן,
באַדאַכט און פרעמד, ווייך און אינטים,
פון נתנען באַשייד צו קריגן
בעת ער פּראַלט אום אין גרויס פאַרלעגן —
אָט איז אים הייס, אָט איז אים קאַלט;
דאָס קול איז רייך, און טוט דאָך קלאָגן;
ער צופּט די פראַנזשען פונם קאָטעס:
„יאָ, וואָס איז ליבע, חכם מיינער?“
און יענער, קורץ און שאַרף, גיט אים —
אַהער אַ ווענד, אַהין אַ קער —
צוריק אַ שמיר: „וואָס, דו־אויך־ברוטוס

האָסט שוין די שווינדלטרעפּ באַשטיגן?״
— און יאָנטל ווייסט ניט וואָס צו זאָגן
און זאָגט „סלאָוועסנאָסט״ איז גאַנץ שווער...

אַך וואַסערן וואָס שוועקען אָפּ
אָדלע און טע פון דער נשמה,
אַך רעגנס וואָס פאַרוואַשן קלאָר
אומזויבער זאַמל אינם הימל,
אַך שטראָמען וואָס אויסשייערן
געפּעסנפּלוס פון ימים אומצוכט,
צעשמעלצטע פּערל וואָס פאַרווייכן,
פאַרצערטלען בלייערנע געמיטער.
אין ד׳רהיים קען איך אַ ווינקל ווו
די דריבנע זשוקלעד ווידמענען זיך,
אַ שפּאַרונע אין פאָדערצימער
ווו פליגן פאַלן רק קרבנות
צו שפּינען לויערנדיקע,
און דאָך: און אָבער; ביז וואָס ווען —
זיי פליִען זיך דערווייל אַרום
אין דער מוזיק פון זאָרגלאָז פליִען;
די קאַץ וואָס וואַרימט זיך באַשטענדיק
די רעדער־ביי פון שאַראַבאַן;
אין מיטן הויף אַ הונט וואָס האַלט
אין איין אומטרייסטנדיק קאָוועטשען
כאָטש ס׳בייסט אים ניט קיין פליגעלע:
מאַניפעסטאַציע פון זיין
צופרידנקייט, פון הינטיש גליק;
אַ סטריכע ווו גאַנץ איינפאַכע
די אַרבעטספייגל האָרעווען,
קאַלופּען, זוכן, שמאַיען, דליבען
און נישטערן: זאָל זיין אַ וואָרעם,
אַ שטרוי, אַ שטענגל גראָז, אַ קניפּל

פון מינדסטן מין געלענק צו דזיאָבען,
אַ נעסט פאַר זיך, פאַר ווייב און קינד.

די היים. דער מאַרק. די זון. די היים.

די ווינטערוועלט ליגט איינגעפאַנצערט.
צעוואָרפן ליגן קוואַרע בלעטער.
דאָס נאָך ניט אָפּגעוועלקטע גראָז
אין סאַמע עכטן ברען פון וויאַנען.
דער גרויסער סוד וואַרט אויף זיין רעטער.
אים האָבן ניט געבראָכן באַנען.
אים האָבן שיפן ניט געאַנקערט.
אַנטוישט פאַרבלייבן עראָפּלאַנען.

דער רעטער טאָר ניט זיין קיין האָז.

װעלװל נאָטה: מעמואַר

ווֶעלוול נאָטה: מעמואַר

(געב. —18 ; געשט. —19)

אַפּעמאַנטוס : ביסטו אַ דיכטער ?

דיכטער : יאָ.

אַפּעמאַנטוס : דאַן לייגסטו.

ש ע ק ס פּ י ר, „ט י מ אָ ן
ד ע ר אַ פ י נ ע ר".

— וואָס איז עס פאָרט — פרעג איך — פאַר אַ מין שטאָט?
— וואָס הייסט? אַ שטאָט ווי אַלע שטעט! פאַראַן אַ שול... אויף די ווענט, דערציילט מען, איז געווען אַמאָל אויסגעמאָלט אַלערליי חיות, בהמות און עופות, פון פרק שירה אַרויס...

• • •

— און היינט?
— היינט, שטויב און שפּינוועבס . . .
— אין שול — דערציילט ווייטער דער ייד — דאַוונען, ווי דער שטייגער איז, סאַמע פראָסטאַקעס — בעלי־מלאכות; אויסגענומען שניידער, וואָס האָבן אַ באַזונדערן מנין, און קצבים מיט בעלי־עגלות וואָס האָבן זיך האַיאָר געדונגען אַ באַזונדער שטיבל צו דאַוונען... די שול קאָן קוים עברי! שיינע בעלי־בתים, בני־תורה דאַוונען אין בית־המדרש, אַ גרויס בית־המדרש . . . אַ סך ספרים!

חסידים ווידער דאַווענען אין שטיבלעך!
— און מחלוקת איז פאַראַן?
— כל זמן מען לעבט!

פ ר ק, „ד י ט ו י ט ע ש ט אָ ט״.

זאָגט אַנרי מאַסי: „די צעטווישונג פון דער מענטשלעכער פּערזענ־לעכקייט איז דער שטריך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אין די גאָר לעצטע מאַניפעסטאַציעס פון אונדזערע ליטעראַטן... אַלע כאַ־ראַקטערן געמאָלן פון אונדזערע יונגע אַווטאָרן זענען דערקענבאַר צוליב דעם פאַקט וואָס זיי זענען ניט מער „צענטרירט״, און פאַר־מאָגן אַן אויסטערלישע ענלעכקייט איינס צום צווייטן וואָס איז פיין אַדאַפּטירט כדי אָפּצעשיידן זיי פון אַלע מענטשלעכע טיפּן ביז איצט דערשינענע... עפּעס אַ לויזקייט איז אַרום זיי, אַ מין אָפּנייג פון אָנגענומען פאָרם, געשטאַלט צו ווערן, אויסצוגלייכן, צו מאַכן אַן איינקייט פון זייערע דיסקאָרדן. קיין באַמי צו קאָנצענט־רירן זיך אויף וואָס פאַר אַ פּרט פון זייער פילבאַרקייט, נאָר אַ דורכויסיקע גשמיותדיקע אויפריכטיקייט, אין וועלכער דער שכל איז ניט מער קיין באַשטאַנדטייל. ניט נאָר האָבן זייער באַנעם און ווילן קיין קלאָרן ציל ניט, נאָר עס שיינט אַז דער סוזשעט גופא זוכט אַרום אַן אומאַנטדעקבאַרן „איך״, גלייך ווי דער ענד־ציל פון מאָדערנעם אינדיווידואַליזם, האָבנדיק זיך געמאַכט פאַרן מיטלפּונקט פון אַלצדינג בכדי צו לעבן דאָס עגאָאיסטישע לעבן פון די ליידנשאַפטן און די חושים, מוז סוף כל סוף רעזולטירן אין אַ טאָטאַלער אָפּשוואַך־מאַכונג, אַ פולקומען ווידער־איינזאַפּ אין דעם אורערשטן תוהו־ובוהו פון זאַכן. מען מעג אויך זאָגן אַז דידאַזיקע נייע כאַראַקטערן וואָס זענען געקומען פון די דיסאָציאַ־ציעס פון אַ מאָרבידער פּסיכאָלאָגיע, זוכן ניט אַפילו קיין אייגענע אידענטיטעט, אין וועלכער זיי שיינען שוין גאָר מער ניט צו גלויבן, און אַז זיי זענען להוט, אינסטינקטיוו, צו אַנטלויפן פון דער וועלטס גרייפקראַפט כדי זיך אַוועקצומאַכן פון זיך גופא. דאָס איז די מידקייט פון אַ דור וואָס האָט צו פרי געכאַפּט קלעפּ פונעם לעבן, און וואָס פאַרמאָגט ניט קיין האַרץ־ אָדער מוח־דיס־ציפּלין אויף צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דעם געפיל פון מאַכטלאָזי־קייט צו וועלכער אַזויפיל אַנטוישן האָבן אים געמאַכט נוטה״.

„ד י פ אַ ר ט ײ ד י ק ו נ ג
פ ו ן ד ע ם מ ע ר ב״

בוך איינס

א.

אויף אַ פּריזבע, אין אַ קליין שטעטל, זיד־וועסט רוסלאַנד, איז געזעסן ר׳ יואל גאָטהס ווייב, די יואלעכע, און געשטריקט אַ זאָק. די תמוז־זון האָט געשטיקט, די לופט געמאָרעט איטלעכס גרעזל אין אַ געדיכט געוערטנדל אַרום גאַניקל, ווו אַ „יאַלאָווקעלע״ האָט געצופּט זאַפּטיקע בלעטלעך פון אַ רויזנבוש. מיטאַמאָל איז דער פּרוי ניטגוט געוואָרן. זי האָט אויסגעשריען. די פאַרבייגייענדיקע שטעטלשע רביצן איז צוגעלאָפן צו דער פּריזבע, אַ מאַך געטאָן צו דער אַרויסגעקומענער שיקסע „פּערשאַל!״ און — אַ שעה־און־אַ־האַלב שפּעטער איז דער כריזאַליס וועלוול, ר׳ יואל גאָטהס מיזיניק, געלעגן אין דער גרויסער שטוב, פאַרטיק צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ שמעטערלינג.

דער לעצטער גלגול האָט וועלוולען ניט געשטערט, שפּעטער־צו מיט יאָרן, אין אַמעריקע, צו טרוימען פון זיך ווי וועגן אַ ראיעל הימלרייך וועמען אַלץ בוקט זיך אין אונטערטעניקייט.

„וועלוול גאָטה ז׳ אַ בלאַסער שטערן
פון דעם בלויען הימלהויב;
די מזלות פון די ספערן
אין די הייכן הימנען, ערן
אין דעם נאָמען פון זיין לויב

ליכטיק־טונקעלע באַגערן.
פון דעם בלויען הימלהויב
ז׳ וועלוול גאָטה אַ בלאַסער שטערן״.

די בלאַסקייט זיינע, לפּנים אַ געשייטע, האָט זיך אין צווייטן טריאָלעט געשטערנט צו אַ פאַרנעמערן הימלגליד.

„וועלוול גאָטה איז די לבנה
אין אַ בלאַסן שטערנקרייז;
ליכטיקע מזלות אָנען
ס׳גליק פון צו זיין אַ מתנה,
שמעלצן פריי ס׳לבנה־אייז
אין זיין האַרצן, אין זיין גומען.
אין אַ בלאַסן שטערנקרייז
איז וועלוול גאָטה די לבנה״.

ביז דער כריזאָליס־שמעטערלינג־שטערן־לבנה עטאַפּ דערגרייכט זיין אַפּאָטעאָז אין לעצטן פערז.

„וועלוול גאָטה איז אויך געגליכן
צו דער פייערדיקער זון:
די מזלות זעלטן פלוכן
עמעצן מיט מערער איכן
ווי דעם שווימיקן באַלון
אין זיין טונקל־ליכטיק זוכן.
צו דער פייערדיקער זון
איז אויך וועלוול גאָטה געגליכן״.

די פייערדיקע זון האָט אים אויסגעלייזט פון זיין מוטערס טראַכט אין אַ הייסן תמוז. זיין מוטער האָט אין אָנהאַלט פון אַ פייערדיקער זון אים געבאָרן צו שיידן זיך מיט דער וועלט פון שטערן, לבנה, זון; און וועלוולען איז איין איך, איין זייט פּרצוף פון דעם שווימיקן באַלון, געווען דערווידער זיין גאַנץ לעבן.

דערפֿאַר אפשר איז ער ניט ענלעך צו אַנדערע דיכטער פֿון זיין עפּאָכע וואָס האָבן זייער יניקה געצויגן פֿון דער אַסטראַלער וועלט, אַוועק צו לייזן רעטענישן, פֿאַרזוכן צו אַנטציפֿערן סודות וויניקער קאָנקרעטע און געדאַנק־אַקטיווערע.

„אָפּט דערהייבט זיך וועלוול העט אַריבער
די געלענדערן פֿון מעטאַפֿיזיק
בלויז ביים ענדציל צו געפֿינען מ׳ריזיק
גרויסן גאָרנישט פֿלאַכן אין די גריבער
פֿון אַבסטראַקטקייט אויסגעבעט מיט איבער־
קוויינקלעניש פֿון קאָמפּענטש (ווי אוממעסיק
זיינע פּרוון אויסגעפּוצט אין עסיק
און אין האָניק זענען, גאָט דו ליבער!

ר׳קערט זיך אום צומאָל מיט פֿולע זשמעניעס
פֿליטערגאָלד, געליישטע חסד־רענדלעך
לויטער האַרץ) — דער תכלית: צו וואָס טויגן
די פּראָדוקטן? ווי פֿאַר וועמען: פּעניעס
רופֿט אַ חסיד זיינער אָן וואָס שפּענדלעך,
נישטיק דרויב איז אין אַ קעגנערס אויגן.“

(אפשר, ווי אין דער צווייפֿלהאַפֿטער לעגענדע פֿון עמפּעדאָקלען, האָט ער אויך געוואָלט אַריינשפּרינגען אין האַרץ פֿון אַ קראַטער מיט דעם מאָטיוו זיך צו אַסעקורירן די רעפּוטאַציע פֿון אַ האַלבגאָט).

אין זיין שפּעטערדיק פּראָזעווערק האָט ער געזוכט אַ נעענטערן צו־גאַנג צו ווערטן אין ליכט פֿון בלויז זיין צייט און אַטמאָספֿער, געזוכט אַוועק־צושטעלן אַפֿילו אַ דענקמאָל אויף דור; איז עס אָבער אַרויסגעקומען מער ראַדירונג פֿון אַ שנעל־געכאַפּטן לאַנדשאַפֿט, ווי אַ מאָלעריי פֿון פֿולקומע פֿאַרענדיקטע ליכט־און־שאָטן וויזיעס. אין זיינע געציילטע עטלעכע לידער („מאַנוסקריפּט“) איז צו באַמערקן ווי ער האָט געזוכט צו אָביעקטיוויזירן די צייט: מענטש און לעבנס־דרך; ווי רעאַגירט ער האָט אויף זיין גע־צווונגענעם וואָגל פֿון רוסלאַנד, דעם „היימישן“, קיין אַמעריקע, דער „גע־שעפֿטמעסיקער“; ווי פֿאַרוויקלט ס׳איז אין אים, דורך זיינע סטראָפֿן, דער בעפֿלדיקער וואָקל צווישן דעם היידניש־אייראָפּעישן (מיט גריכישער טראַ־

דיציע ווי אַ הייבאַם) און די פּאַרווינטע תּפילות־פּיוטים פון זיין פרי־סטער יוגנט. אין צוגאָב איז אַלץ קלישירט פון זיין אויסצער־אַרבונג: ר׳ יואל האָט געמעגט זיין אַן אַרויפגעאַרבעטער קליינשטעטלדיקער גביר, נאָר ערגעצוווּ אין שטאַם איז געווען אַ פּוילע צווייג אַרום וועלכער דער שמע־טערלינג האָט פאַר דורות אומזעבאַר, אוממערקבאַר, געלערנט זיינע פלי־געלעך, פריִער צו פליִען, שפּעטער צו צעשמעטערן.

„שוין וויפל מאָל (דאָס מיינט צו זאָגן
די צאָל פון קאָנדיצירטער מאַטעמאַטיק)
איז וועלוולען אויסגעקומען פעלשן

מיט פייערווערק דעם וואָרן העלשיין,
מיט פייערווערק וואָס איז געווען אַקוואַטיק
און האָט ניט אויפגעלויכט דאָס מזמור־זאָגן.

,מזמור שיר... מזמור. זאָלן מיינע פעלדער אויפגיין
מיט פילפּאַכער זשויב־זריעה,
מיין טייג אין ראָשטשינע זאָל יערן,

ס׳שלעכטס פון מיר און מייניקע אָפּקערן,
ניט האָבן זאָל מיין קינד קיין מיאוסע תנועה,
זאָל איבער הונדערט יאָר אַלגוטס מירביישטיין,

מזמור שיר.׳ — וואָס איז דאָס, בלויז באָמבאַסטיק
פון אַ דעכעווישנעם קורצזיכטיקן דיכטער?
חלשט ניט אַמאָל פּאָעזיע אויסערהאַלב די שוועלן

פון לידערדיקן טראַף? אָ, וואָרער שיין פון העלן
מזמור־רייך, מיר זאָלן זיין באַהיט — באַהיטער
פון פּראָזע אין פּאָעזיע ווי פון פיינטס סאַרקאַסטיק!

געמיין דער טראָט וואָס ווערט פון אונדז געפּוסט,
אונדז שלעפּט זיך שטענדיק נאָך אַ ניטבאַזינטער שפּאָט:
די קעל איז דורכגעלופּטערט, דער לייכעץ אויסגעהוסט,
דאָך שטייגט די פליִאַגמע אין דער ברוסט פון וועלוול גאָטה״.

ב

„וו. גאָטה האָט פון אָנהייב אָן אַרויסגעבליקט דורך אַ פענצטער, קיינ־מאָל אימפּאָזאַנט ניט אַרויסגעטראָטן אין דער דיכטערישער וועלט דורך אַ ברייט צעעפנטער טיר. שוין ביי זיין ערשטן אַרויספאָר, אין יענער צייט, נאָך ווען ער האָט מעטעאָריש אַ בליאַסק געטאָן אין דעם פאַרשטאַרצטן ווינקל פון סטאַנדאַרטער פּאָעזיע ביי אונדז, איז לייכט געווען צו באַמערקן פעלערן אין זיין גייסט. ניט געקוקט אַפילו אויף די „געוואַגטקייטן" דורך וועלכע ער האָט רעאַליזירט די פאַרנעמע שטילע בנעימותדיקע שורות פון:

וועלוול גאָטה ז' אַ בלאַסער שטערן,
(ווי געזאָגט שוין — ער איז דאָס;
עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן:
ער גייט אַראָפּגעלאָזט די נאָז).

וועלוול גאָטה איז די לבנה
צו דערזעלבער גלייכער צייט:
אין זיין ווייטער נאָענט אָנען
מיר ווי נאָענט ער איז ווייט.

צו דער זון איז אויך געגליכן
וועלוול גאָטה אין די מאַנירן:
קאָפּ פאַרהויבן, שטראַליק מוכן
איז ער וואַרימען, קורירן.

מיט דעם צויבערוואָרט אומוואַנדל
איז קאַליאָסטראָ וועלוול גאָטה:

ס׳גאָלד זיינס וועט זיך ניט פּאַרוואַנדלען
אין אַ ליישוואַרג פון קיין שפּאָט.׳

ניט פאַרטראַכטנדיק זיך איבער זיין יוגנטלעכן פייער און פאַרנעפּלטער קלאָרקייט, איז געווען אַ לאָקנדיקע טרייסט אין דעם ווי דער לונג־צעפרע־סענער ייִנגלינג האָט מעשה אָנגעלאָדענער ראַקעט געמאַכט דעם ערשטן אויסשאָס אין אונדזער פּאָעזיע — שוין דאַן האָט מען געקאָנט דערפילן דעם ניט זייער פאַרטיפטן, כאָטש שוין פון אָנהייב אָפּגערונדן, דיכטער; דער־הערן צייטנווייז שוין צו קלאָרע, ממש פלאַכלעך גרויע אַקצענטן אין זיין שיינשרייבעריי; איינזען וויפל צין ס׳איז פאַרשמאָלצן מיט דער באין ערך היפשער מאָס גאָלד אין זיינע שורות. די עסענציעלע ריינקייט, די זוכעניש אין די טיפן פון אייגענעם האַרציקן „איך״, די רעליגיעזע פּאַבולע־סענטי־מענטן פון שיינקייט — די דאָזיקע אַטריבוטן וואָס זענען אָן ספק צו געפי־נען אין דער קונסט פון אַבסאָלוטע דיכטער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען זייער קונסט — פון דעם אַלעמען איז ביי וו. גאָטה דאָ און דאָרט יאָ אָדער ניט אָנצוטרעפן (מיין קורסיוו: מ. ל.). די ליד־איין ליד־אויסיקע אומגלאַטקייט פון זיין אַרט שרייבן איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מין מאַנאָטאָנוועג. דערפאַר איז אָבער זיין אינהאַלט דער שורש פון זיין אייגן לעבן, און זיין פאָרם — פערזענלעך אייגענער סטיל. די אומקלאָר־קייט איז ביי אים קיינמאָל ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צוגעווינטער לייכטקייט, דער סימן פון אַ קינסטלער וואָס איז ניט באַפרידיקט מיט זיין פריגעווונענעם, אָן שווערקייטן געווונענעם דרך. אויך איז ניט שווער צו באַמערקן, כאָטש ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט, די געלעגנהייט צו איבערצייגן אַז ער וואָלט ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיכטערלינג, אין זין פון שרייבן און ניט אויסקאָכן אין זיין פּאָעטישן סיסטעם די שורה־און־ליד סובסטאַנץ — ווי ער איז אימפּעטיק און גאָר ניט באַפרידיקט מיט זיין טעמאַטישן אויסוואַל (מאַטעריאַל) וואָס איז ניט צו יעדער צייט דער גליקלעכער רעזולטאַט פון עסטעטישן דעטאַל. דאָך איז אין יענעם פּע־ריאָד וו. גאָטה געווען דער בלי־ספקדיקער קינסטלער, נאָוואַטאָר פערזנ־שרייבער, אויפּפּאַסער פון אָריגינעלער געוואַגטער פּראַזעאָלאָגיע, געאיב־טער זשאָקעי פון זיין קונסטמעדיום...״

אַזוי האָט געשריבן אַ יונגער אימפּרעסיאָניסטישער קריטיקער וועגן גאָטהס מאַנגלדיק ביכל לידער „מאַנוסקריפּט״. און אפשר באַרעכטיקט עס

וועלוולען ניט צו קיין פּאָזיטיווער לויב (אַזוי לאַנג ווי לויב איז די הויפּט־זאַך און ניט קריטיק) פאַר זיינע.

„הערשישע קופּלעטן

פון שאַץ צו שאַץ הינקט וועלוול אום זעענדיק, הערנדיק —
א שטומער.
מענדעלי, איך שענק דיר אים אומשייכותדיק אַלס צייטיקן
פישקע דער קרומער.

ער וועבט זיך אויס אַ גאָלדענעם שנור פון אַ טאַשמע איז
גאַס, אַ רינשטאָק־בענדל.
האָב מיר ניט פאַריבל, שלום עליכם, פאַר מיין ווערסיע
מנחם מענדל.

אָפּט, קאַפּויר, ניט זעענדיק, ניט הערנדיק, צערעדט ער זיך
פונקט ווי אַ מאַגניט
וואָלט אים פאַר דער צונג געצויגן: פריער — באַנציע שווייג,
איצט — וועלוול טייוויגניט."

עס ליגט זיכער אַ היפּש ביסל איבערטריבנקייט, שפּאַטגעפּיל (וואָס ער האָלט אין איין ווידערהאָלן) און לעכערלעכקייט אין זיין באַציִונג צו אַלץ אַרום זיך אַליין און זיין סביבה אין שטענדיקן האָבן צו טאָן מיט זיך, ווי עס אַטעסטירט

„אין דער פרעמד

אַך, וועלוול האָט צעדיכטעט ניט איין לידערבוך.
ניט ראַטעווען ז׳ געווען די וועלט פון אונטערגאַנג
זיין ציל: געלאָקט האָט אים דער שיינקייטס פלאַטערטוך,
געמאָנט ביי אים זיין גונסט. און אפשר מער דער דראַנג

צו מעצענאַטעווען אַ ייִדיש דרוקערײַ
ווו זעצער טון טאָן ייִדישן טעאַטערשפּראַך
אין סעקאָנד־עווענױו פּראָגראַמעס. — נו, אויפסניי
זיך פורמען געליעס פון אַ פרישער פערזנזאַך.

שוין פאַרטיק ס׳בוך, מיט פאָשקאָס, אַראָנסאָנס, צי מאָודס
אַ צייכנונג. ריווקין, ניגער, אָלגין ווייזן אַ קונץ
צו ברעכן אויפן גאָטהשליאַך קריטיש רוק־און־לענד.
קאָפּע „ראָיאַל״, „איירעפאָ״ טומלען. וועלוול גאָטה
קריגט פּה־אל־פּה די מיינונג פון אַ ייִדן מינץ
און ער ווערט ראַפּטאָם אויסגעמינצט אין צייטונגסהענט.״

אָבער

„אין דער היים

ווען הימלהויב צעקרישלט איז אין דעמערפּליאַמעס
(געזאָגט מיפּאָפּאָעטיש ווי ווער האָט ווו וועגן
אומשולדיקן פאַרנאַכט) קומט אין די ד׳ אמות
פון זיינע לידער וועלוול. נעמען זיך אים פלעגן,
באַווײַנען לבנות האַלבעהערנער, לעצטע זונען,
פאַרערטע און פאַרגאַפּטע מיידלשע לייבטיילן
און וואַלדיק ווונדערלעכע הייכן ווו ס׳געפונען
זיך פרושים (מענטש און חיה) אין געבערגטע היילן.
און ס׳לאָזט זיך הענדום־פענדום דין־וחשבון מאָנען
אַן אויסגעצערטע זעל געקרייצט מיט ווייטיק־גוף
וואָס כאַפּט בליצאַרטיק אויף — פון לידערוועלט
פאַרמאַטערט —
אַ חומר־וועלט העל ליכט געקווערט מיט שאָטנאָנען
וואָס אין דעם קרייצן לייטערט זיך אויס אַ באַרוף,
און טיף אין אים אַ שפּאָגל ניי פּראָטעסטליד יאָטערט.״

די לידער האָט וועלוול שוין געשריבן ווען דער דראַנג פון לעבן האָט
זיך פאַראינטענסיווירט פון סם אין זיין ווען. ער האָט זיך באמת פון לאַנג

באַטראַכט צו געפינען אין אַ צושטאַנד אין וועלכן די יוגנט האָט געקעמפט מיט דעם בית־עלמין צונייג אין אים. רום האָט זיך אים זיכער געוואָלט, לעבן — נאָכמער. אָבער דער היפּערדראַנג זיינער איז געווען צו דער געזונגענער „מעטאַפיזיק“, אַפילו ווען ס׳זאָל דראָען מיט פאַרזינקען „אין די גריבער פון אַבסטראַקטקייט“. ס׳איז אפשר געווען דער זעלטנסטער פּאַל פון פורן שטרעבן נאָך דעם וואָס האָט קיין נאָמען ניט, לאָקט אַנאָנים, אָדער אונטער אַלערליי טשיקאַווע צונעמענישן, יעדן אויפגעוואַכטן געדאַנקלער. טאָמאַס אַקווינאַס האָט באַשטימט שיינקייט אַלס רעזולטאַט פון דעם וואָס געפעלט, לויט גלויבן און וויסן. וועלוול גאָטה האָט אומתנאיק באַשטימט אַלס מוקצה דאָס וואָס איז אורשפּרינגלעך מיאוס. ער האָט געזוכט צו דערוועקן אַן עסטעטישן סטאַזיס און געפילט זינקענדיק אין אייגענער פריער יוגנט און אַלטער קולטור־אָפּגעשטאַנענקייט. איז עס אַ ווונדער וואָס קיינער האָט ניט באַמערקט זיין אָפּנייג פון אויסזינגען די גרויסע־נאָך־גרעסערע וועלט איז אין אַ געוויסן זין אַ פאַרמעסט צו קאָנסטרויִרן איבער די אַרכיטעקטישע בלוישריפטן פון זיין און אונדזער צייט?

דער פּערזענלעכסטער אומגליק איז געלעגן פאַרזיגלט אין אַ צעבראָכן שופלעדל. אַז זיין „מעטאַ“ איז ניט געווען קיין זשעסט זאָגט עדות זיין „עס. אָ. עס“, דער לעצטער. אין דער היים, אין רוסלאַנד, האָט ער געלערנט מיט אַ מענטשן וואָס איז אים אַריין אין זיין ציבערוועזן. צו צוועלף יאָר האָט „יענער“ מיט אים געקנעלט די „דיווינאַ קאָמעדיאַ“ און „לא זו הדרך“; איז פון פושקינס „רוסלאַן אי לודמילאַ“ (ווייל ווער האָט עס געהאָט אַן אַנונג וועגן דער „גאַווריליאַדע“?) געגאַנגען אָן ריקזיכט צו בלאָקס מיסטישקייטן, אָדער מיסטיפיקאַציעס, „צו דער דאַמע“; געפירט אים שבת אין שול אַריין דאַווענען, און, קומענדיק פון דאָרט, זיך פאַרטיפט ביים שבתדיקן טיש (רעטעכלעך מיט ציבעלקעס, מחיה־נפשות!) אין עפּיקורן; געלייענט ראָזאַנאָוון אין ליכט פון גערשענזאָנען און דעם לעצטן נאָך בערדיאַיעוון. דער תלמיד־דיכטער, ליפּן־פאַרבליפט, שרייבט מיט פאַרקליאַקבעטע גרוילנדיקע פינגער צו דעם לערער זיין

„יעקב־פרייד

פאַרנעם מיין פישטשנד־הייזעריקע שטים מיט גרוס,
מיין יעקב־לערער, יעקב־קומער — יעקב־טרוים!

מיט ערפורכט און דער׳נערשן געגוס
קוש איך באַצילנשטויב אויס פון דיין קליידערזוים.

אין דער אומווירקלעכקייט פון מענטשן, זאַכן,
געשעענישן ווירקלעכע דאָ אַרום מיר
איז ניחאָר טשאַטעוועז און וואַכן
ביי דיין רוים־פאַרבאָרגענער און צייט־אַנטפלעקטער טיר.

ווו ביסטו, האַרציקער און ריינער
יעקב־טרוים און קומער — יעקב־לערער?
אַלס קינד, ביי דיר — פאַרשאָטנט דיינער,
איצט, דיינער בולט קלערער.

ווי ס׳ליכטיקט נאָך דיין ישו־בלאָנדקייט מיר,
דיין ליבע פרוי, צוויי קינדער;
דער נס איז דער: ניט מער מיט דיר
ביסטו אין מיר אַ וווּנדער.

דו לייקנסט אויסגעהאַלטן יעדן שבת־גאָט אָפּ, און
אין טלית, תפילין צירסטו דיין געבלייכטן גוף;
מיט דאַנטען גייסטו דורך דעם גיהנום־היידנטום
און פּאָלגסט אינטים נאָך משהס הימל־רוף;

זינגסט האַרציק אויס ראָמאַנסן אויף יוניש
און דבקהסט איבער אייגענע פּיוטים;
ביסט אוניווערסום־טרעגער, און ס׳האַרמאָניש
קינד פון דער ביבלס שבטים;

טוי־און־טויב־ריין לאַכסטו מיט דיין זויגלינגס לאַך
און וויינסט מיט פּערלטרערן אויף אַ וואָרימס צער;
לפנים — איינער פון אַ מענגע, נאָר אין תוך —
אַן אויסדערווײלטער עקזעמפּלאַר.

איך וויל באַהעפטן זיך מיט דיר נאָך איידער
עס פּוטשעוועט אַריין אין האַרבסט מיין יולי־אַווגוסט זומער.
דאַרום פאַרנעם מיין פייגלש־דינעם אויסרוף, כסדר
מיין יעקב־טרוים און לערער, יעקב־קומער.“

ג

די שיין ווייס באַשטייט פון זיבן קאָלירן. אין קליינשטעטלדיקער אומשולד איז די צאָל נפשות אין ר׳ יואלס הויזגעזינט באַשטאַנען פון זיין. די „לופט״ אין הויז איז געווען אַן אַרויפגעאַרבעט־באַלעבאַטישע. אויפגעבראַכט איז דאָס יונגוואַרג געוואָרן לויט דעם שטראָף־סדר וואָס האָט רעגולירט די מאָראַל פון פאָלגן טאַטע־מאַמע און טאָן וואָס אַלע גוטע פרומע לייט הייסן: אין הויז, דורך דער מורא פאַרן בייטשל אונטערן שפּיגל, אָדער דעם טאַטנס „אָט נעם איך אַראָפּ דעם פּאַסיק פון די הויזן״; אין חדר, דורך דעם קאַנטשיק אויפן סידור־חומש־תנ״ך־גמרא אָנגעוואָרפענעם טיש — אַ דערצ׳יונגס־סיסטעם שטאַרק פּאַרפּאָפּולאַריזירט, אַנטקעגן דער עקספּערימענטאַל־וויסנשאַפטלעכער, שטאָט־פּראַקטיצירטער. ווײַלוול האָט געירשנט די דערצ׳ערישע פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט נאַטירלעך ניט געצילט צו אָרגאַניזירן דעם אינדיווידס איינגעבאָרענע און צוגעקראָגענע טענדענצן אין אַ האַרמאָניש־אויסגעאַרבעטער פּערזענלעכקייט. דאָס איז אים אַנטקעגנגעקומען שפּעטער אין זיין אומפעיקייט זיך איינצואָרדענען אין אַ סביבה אָן אָן אָפּענעם אויסבראָך פון קאָנפליקט און אָן דער קלענסטער מעגלעכקייט פון אינערער אויסגעהאַלטנקייט. דערפון אויך זיין שפּעטערדיקער דואַליזם: די טריפנדיקע אייראָפּעישקייט, דרויבל נאָך דרויבל פון גרויסן ציוויליזאַציע־טיש, האָט געפירט אַן אומאויפהעריק געפעכט מיט ר׳ יואלס רעליגיעז־זיטלעכער מאַרינירטער יידישקייט. דערפאַר אויך האָט ער פון זיין מוזלאָך, שפּעטער, געהאַלטן אין איין באָמבאַרדירן די יידישע וועלט מיט קאָדעקס־לידער, וואָס האָבן געזאָלט, און האָבן אפשר ליידער ניט באַוויזן, פאַרקערפּערן אַ כמו־נייעם דרך פון אויפפיר. נאָפּאָלעאָן האָט זיין ברודער זשעראָם אומגעבעטענערהייט באַגליקט מיט אַ קאָנסטיטוציע פאַר זיין מלוכה; דער באָנאָפּאַרט־ברודער האָט אפשר געשמייכלט איבער זיין „באָניס״ קרוין־עגאָ. די יידישע קונסטוועלט האָט געהאַט אַן איינ־

פאַכערן אויסוועג: זי האָט דאָך ניט מורא געהאַט געטאַדלט צו ווערן (פון וועמען?) פאַר ניט אונטערזוכן און אומקריטערישקייט. אַלנפאַלס האָט ער „פאַרשריבן אויף זיין זעל זיין אַווטאָגראַף. איצט מעגן כוואַליעס קומען אים פאַרווישן מיט געלעכטער.“

דערפילנדיק ווי ער „פאַרבלייכט“ מיט זיין שפרונג אין דער ניט־רעאַליזירנדיקער צוקונפט האָט ער רעטראָספעקטיוו צוריקגעשלייכט צו דער „פרוי“, וועמען ער האָט מינימאַל אָנגענומען פאַר אַ געליבטע, ווייל אין אים האָט טריומפירט די עקסטרעמע פרוידישע פּאָזיציע אין וועלכער דער געשלעכטלעכער אימפּולס איז — באַטראַכט צו ווערן ווי דער אולטימער „טאַט־באַזאָרגטער“ אָדער „טרוים־געיאָגטער“ מאָטיוו: די „פרוי“, אין דעם פאַל, איז מסתם געווען די מוטער זיינע, וואָס האָט אים, צו דרייצן יאָר, מיט דער רביצנס מויל, פאַרטרויט:

„יאָנטל, דער רב זאָגט דו וואַקסט אַן עלוי. געדענק, קינד מיינס, דיין מאַמע, ס׳לעכטיקע גן־עדן זאָל זי האָבן, און זיך מיִען פאַר אונדז אַלע, דיין מאַמע האָט מיר געזאָגט ווען דו ביסט נאָך אפשר קיין צען מינוט ניט אַלט געווען, אוי איז מיר, אַזוי זאָגט זי צו מיר, די מאַמע דיינע, רביצן, איך גיב מיין לעבן אָפּ פאַר מיין מיזיניק. טאָמער איז אים חלילה באַשערט געווען ניט צו האָבן קיין יאָרן, גאָטעניו ליבער, שענק איך אים מיינע אַוועק. רביצן, כ׳בעט אייך, זעט ס׳זאָל עפּעס פון אים ווערן. ווער דען אַז ניט איר? די עלטערע קינדער וועלן זיך קאָנען פּאַרען מיטן פאָטער אַרום שפּיכלער מיט דער וואָג און דער תבואה. ,דער׳, ווייזט זי מיר אָן אויף דיר מיטן פינגער, אַ סנאָסט פון אַ מענטש, אוי גאָטעניו, אַ שענערן לייגט מען דאָך אין דער ערד אַריין. ,דער׳, זאָגט זי אויף דיר, יאָנטל, ,דער׳, ווייל איך האָבן די זכיה ביי גאָט זאָל עפּעס דערגרייכן׳. געדענק, יאָנטל, דיין הייליקער מאַמעס ווערטער“.

און ער האָט געדענקט, אפשר צופיל, איבערגעשטערנגט אַביסל זיין דענקקראַפט. אָבער אויב אים האָט זיך פאַרוואָלט נעמען אויפן צימבל די גאַנצע שווועריקייט פון עניין וועמעס קרבן זיין מוטער, פאָטער און אַלע הויזגעזינדלעך אַרום זענען געווען, האָט ער דעם ענטפער פאַרפעלט צו קריגן פון יידישן מקור. האָנאָרע באַלזאַק, אין זיין „פיזיאָלאָגיע פון הייראַט“, האָט וועלוועלן דערקלערט אַז זיין מוטער איז אַ צאַרטע בלום, און זיין פאָטער זעט בלויז צו די פאַמיליע זאָל זיך טראַדיציאָנעל — וואָס די

טראַדיציע זאָל ניט זיין — דערנערן. אַן ענגלענדער, אַן אירלענדער ריכ־טיקער, האָט אים אויפגעפּאַסט זיין מוטער ווי די יעניקע, וואָס איז נאָכ־געלאָפן זיין פאָטער מיט דער וועגטקע פון פרוילעכקייט ביז עס איז איר געלונגען אים אַריינצופּאַקן אין קאָטשומענט אַריין, געמאַכט אים פאַר איר דערנערער, געליבטן און טאַטן פון אירע קינדער. די גאַנצע וועלט, אָנ־פּאַנגען מיט עטישע, עסטעטישע און וויסנשאַפטלעכע צעגלידערונגען נאָך אין מיטלאַלטער, האָט זיך אויף וועלוולען אַרויפגעוואָרפן מיט איר לאַסט פון לאָקנדיקע אונטערזוכן און געמאַכט אַ תל פון זיין פּאַטריאַרכאַלער ירושה. דער גאָר וויכטיקער ציל — דער באַשטרעב פון יעדן מיטגליד צו דער גאַנצקייט פון משפחה־געזינדל טראַדיציע, די פאַמיליע ווי אַ צעל, וואָס דאַרף היטן איר ריינקייט צוליב דער נאַציע־אַווטאָנאָמיע, די לעצטע ווי אַ שווערפּונקט אין דער ראַסעס סוווערענקייט, דער ראַסעס ראָל ווי אַ געזונט העקעלע אין דער גרויסער וועלטמאַשין — אַלץ איז אַזוינאָך גע־וואָרן אַ וואַלד וועמעס אָנזען סע ניט אויפצוכאַפּן איבער די ביימער.

וועלוול האָט זיך דערפילט אומהיימלעך פאַר דער פּערספּעקטיוו פון די „ברייטע וועגן", זיך קוים מיט צרות אָפּגעזוכט ס'אייגן איינגעטראָטן סטעזשקעלע פאַזע דער סאַזשעלקע פון שטעטלדיקן פריצישן סאַד, ווו שאַטנס קווערן זיך אין אידילישן פאַרנאַכט, „ווען דער הימל הייבט אָן צו ליקווידירן די זון". דאָרט ערשט האָט זיך זיין כאַאָטישקייט ניט געקאָנט שטילן. פון באַפרייטן היימלאַנד אונטער דעם שרביט־הזהב פון אַ נייער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אויפפאַסונג, וואָס האָט אַלץ געמיינט יחיד־פאַר־שקלאַפונג, האָט דערגרייכט אַ נייס אַז דעם ליד דראָט איצט פאַרשווענקט צו ווערן אין אידעאָלאָגיע, ווי עס האָט זיך ביז איצט געטוקט אין גע־צאַמטע פּראָזאַדישע פאַרבאָטן. דאָס האָט, מיראַבילע דיקטו, געזאָלט זיין דער חירות־אָפּוועקסל פון מיפּאָלאָגישן פאַרצייטן: ניט זייער פאַסיק פאַר דער מאָדערנער מינעזינגערייַ צו שפּאָטן פון האָמערן, וועמעס קאָפּ האָט זיך פון אַלמענטשלעכער שוואַכקייט אויך אַמאָל אַ טרייסל געטאָן. דעם נייעם דורס מינוס איז וואָס אים איז אַזוי גוט: ער פאַרדאַכטיקט אַפילו ניט, אַז „ער פאַרט ניט פילנדיק."

אָפּט האָט וועלוול פאַרנומען גאָר קאַפּוירע טענות, אַזוי בחיפזונ־דיקע, ניט־מיר ניט־דיר, אומקווייקלענדיק אויפגעלייגטע, אַז ס'איז געווען צו מערקן ווי טאַנדעט דער גאַנצער עסק איז געשטשאָבעט:

עד, ׳שטאָ היינט קיין טאָלסטאָי, קאַ פּושקין! ׳שטאָ קע דיקענס, קי קיטס! ווּ נעמט מען, גוואַלד׳ל איך שרייען, אַ שלום עליכם, אַ פּרוג?

דער וואָס האָט די צוויי באַשטימונגען קלישירט מיט אַ סטאַטעטשנער און צופרידענער קשיה האָט פאַרצויגן אַ סיגאַרעט, אַ זופּ געטאָן פון דער קאַלאַמוטנער קאַווע, אַוועק צוריק אין רעדאַקציע שרייבן דעם טעאַטער־רעצענז, אָנפידלען אַ לייטאַרטיקל, אינטערוויוּ׳רן דעם גבאי פון דער אוהב־צדק שול, וואָס פראַוועט זיין צעניאָריקן יובילי מיט שיף־פּאַרקווי פּאָטאָס.

ד

„אין קאַלטער ווינטערנאַכט, ביים שיין פון בליצנדיקע שטערן, אויף ווייטע געגנטן צעפלאַקערן זיך שרפות״, האָט געצייכנט אין אָפּשיין פון אייגענעם אויסגאַנג וועלוול גאָטהס אַ צייטמענטש יאושדיקע שורות. אפשר איז דאָס געווען אַ סיגנאַל דער פייערלעשער־קאָמאַנדע. וועלוולס „טאָגבוך״ לאָזט אונדז אַזאַ רעקאָרד:

„ווי אומעטיק און דיכטעריש־פּאַסנדיק אָשר שוואַרצמאַן האָט זיינע יאָרן פאַרבראַכט אין מדבר. אבי דער טעות איז געווען אַז ער לעבט אין אַן אויפקום־לאַנד. לעשן דאָס פייער לעכצט ניט ער אַליין גאָר, וועמעס דאָך, משמעות, ברענט, נאָר ׳לעכצן אין דעם מדבר זאַמדן: וואַסער... וואַסער...׳ און דערויף קאָמענטירט זיינער אַ מיטמענטש אַז ער, אָ. ש., איז געווען ׳טאַטפּעזיק׳, האָט פאַרמאָגט ׳די נאַטור פון אַ דיכטער וואָס איז שטענדיק לעבנספּעזיק.׳ (נ. אויסלענדער).״

וועלוולען איז דאָ ניט געגאַנגען אין די קעגנלייקענען דיכטערישער שטימונג, אָדער צעוויטעטע וויזיעס. פון דעם איז אָפּגערעדט. וואָלט אָשר שוואַרצמאַן געווען אַ פאַרטרעגער פון דער שפּענגלעריאַנער שיטה, פון אָפּטיילן קונסט און וויסנשאַפט, צעצווייען קונסט און דעראָבערטע געניט־קייט, פאַרשיידענען אינטויטיווע און קאָגניטיווע מדרגות, וואָלט ער אין וועלוולען געווען געפונען אַ גייסט האַרמאָניש אין אָפּקלאַנג. איז דאָך אַ קונסטווערק פאַרוואָר דער רעזולטאַט פון וואָס דער קינסטלער קאָמוני־קירט דערפאָלגרייך מיט זיין שאַפונג, אין דעם ווי אַזוי פון זיין פאַנאַנ־דערקלייב און ניט מיט זיין וויסן דעם וואָס. אָבער פונדעסטוועגן מוז בלייבן אַן אַגלאָמעראַט פון אַן אַבסאָלוטן ווערט ווען דער קינסטלער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין ווערק נאָכן שאַפונג־פּראָצעס. דאָ האָט זיך וועלוול אויפסניי אָנגעשטויסן אין זיין קינסטלערישער פּלאָג: מעטאַפיזיק. אויב עס

איז ביז איצט ניט דערמאָנט געוואָרן, מוז עס איצט ווערן אונטערגעשטראָכן: די מעטאַפיזיק איז געווען פריי פון אַ פּמליה־של־מעלה ווענד. יענער הימלשער אַבסאָלוט איז געווען בלויז אַ מין דעאיסטישער שמוקלעכער נאָכהאַנג, אַ מין זשענירן מיט דעם אָנגענומענעם „אָנהייב“, „ציפער 1“, וואָס דאַרף דינען ווי אַן אַקסיאָמאַטישער גאָטהייט־באַגריף, כדי אונדז צו האַרציקן אויפן ערשטן טראָט. אין דעם מסובנעם און נסימדיקן באַנעם פון זיין קולטור איז געלעגן אַ מעגלעכקייט פון אומקרייזן אַלע געפאַרן און ענדלעך דערגרייכן דעם „אחד“. פון לעצטן האָט זיך דאָס לאָגישע צוריקגעקייקלט צו „עכאָ“, וואָס די קונסט, אויב זי איז ניט קיין זעלבסטשטענדיקע, מוז רעוואַרבערירן דערמיט, און אין פּאָלקישן אַנטוויקל גרייכט זי, אין די טענער פון דעם המון־זינגער, צו „עד“ — און אַזוי פּאַמעלעך, איבער דעם לאַנגן גלות־וועג פון אַ קינסטלערישער אומאָפּהענגיקייט — וואָס דאָס איז דער גענע — ביז דער קלאַנגפולקייט פון לידער־זינגעריי מיט דורות שפּעטער, יערט די דיכטערישע ראָשטשינע צום אויסרופלעכן צוזויער — עד! נו, מילא!

„אַ ניי לעבן“. „אַ פרישער סדר“. נייע טאַקטיק און אָפּגעוועקסלטע ווענדן. ווי אַזוי האָט וועלוול גאָטה, דער דיכטער, אויב ניט דער מעטאַפיזיקער, זיך געקאָנט לאָזן גליטשן, אין זיין פּאָעטישן אויפנעם, אויף אַן אופן פון זינגען די וועלט, מיט אירע אַלטע מאָטיוון, און געשטעמפּלט ווערן פאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם דיכטער; אָדער זיך פאַרמעסטן אויף אַ קאָדעקס, ווועמעס מאַטעריאַל־און־טעמע־אָנשלאָג איז אַ „נייע“ פּאָליטישע אָריענטאַציע? איז אים געווען אָפּשיילעך די ביז־איצטיקע? חלילה — און אפשר יאָ: ער האָט בלויז געקאָנט נאָטירן אירע אומפּולקאָמקייטן. איז די „נייע“ אָריענטאַציע געווען פון אַן אַרט, וואָס האָט געהאַלטן אויג אויף, געזוכט אָפּצוגטן זיך מיט, דער געפּאַבלטער פאַרשימלטקייט? — קאָמיש צו באַטראַכטן פרוגן פאַר דעם ערשטן, און אָשר שוואַרצמאַנען — אָדער אַפילו לייוויקן — פאַר דעם לעצטן עטאַפּ. (די גראַדירונגען זענען פון אים פאַרשטאַנען געוואָרן צו זיין נאָך קאָמישער: ערגעץ האָט „מען“ דאָך געדאַרפט אָנהייבן און פאַרענדיקן ביי היינטיקן טאָג. וואָס ווייטער — וועט גאָט זאָרגן.) „דאָס איז געווען אַ מין יידישלעכער אופן פון ספירה ציילן“. פאַרענדיקט ער דעם עפּיזאָד אין זיין נאָטיצבוך. נאָר אַ טרייסט האָט ער ערגעצוו געפונען. ווען מלך ראַוויטש האָט אין „די אייזערנע אַקס אין אַ

מענטשלעך האַרץ" דרייסט געזאָגט: „מיר האַלטן היינט נאָך מאַרקיש און נאָך לייוויק און נאָך משה לייב האַלפּערן און נאָך אורי צבי גרינבערג און מיר ווילן הערן עפּעס מער אָדער גאָרנישט", האָט וועלוול גאָטה ניט גע־מעגט צושטימען מיט די נאָכדיקע, אָבער דעם דראַנג נאָך עפּעס נייס, ניט באַשטימט פּראָלעטאַריש און ניט באַשטימט בורזשואַ (ווייל ראַוויטשס אַרגומענטאַציע איז פון קיין עסטעטישן רעזאָנירן ניט אַרויסגעשוווּמען), האָט ער אויפגענומען פאַר גילטיק פון זיין פוילישן מיטפּאָדערער. דאָ ערשט צעשווינגט זיך די אומרו פון זיין זוכן עפּעס מער ביז ער קומט צו אַ שטיקל רעוויזיע, ווי צעפּיצלט, דורך זיין צוריקגיין, אין דער פּאָעזיע זוייניקסטן, לאַנג־לאַנג פאַר פרוגן, פאַר שוואַרצמאַנען און האָפּשטיינען און אַנדערע פון בערגלסאָנס אויפפּאַסונג.

„... נאָך לאַנג פאַר דעם געשעענעם אויפבראָכס מוזיק"

כאָטש נאָכדעם ווי

„... געווען איז אַמאָל (אַ) לאַנד — אין גליל... מיט דרייסיק מיט זילבערנע שטיק".

ער שלאָגט אָן אויף דעם איבערפּאַלב פון צאָרן און שיינקייט ווי דעם באַ־נעם וואָס קאָן מיט טיכטיקן צעגלידער אָנדייטן אויף דעפיניציע־באַגריפן: יענע וואָס מיר קאָלופּען אַרויס פון פאַרשטאַרצטע לעקסיקאָנען און די אַנדערע וואָס מיר ווייטיקן אויס דורך אונדזער אויסשליסלעכער דער־פאַרנקייט־פּראַקטיק.

ה

„אַלע דער:נערונגען זענען אַ באַשטרעב צונויפצוהעפטן דאָס רעאַלע מיטן איררעאַלן, שאַפנדיק אַזוינאָך אַ האַרמאָניע צווישן דעם אַנאַרכישן לויף פון דער שעה מיטן אומבאַקוועמען אָבער לאָגישן אויסלעב פון פּע־ריאָד. ערגאָ, געשיכטע". (וו. גאָטהס „נאָטיצבוך".)

האָט וועלוול אויך, ווי יעדער וואָס פירט אַן אינטראָווערט לעבן, גע־זוכט אויסצומעסטן די פּסיכאָלאָגישע קובישקייט פון שטח און רוים און צייט אין באַצוג צו זאַכן, וואָס זענען אינערט? עס געווענדט זיך אין באַאָ־באַכטערס צוגאַנג. די דערמאָנטע דריי פון „אין דער פרעמד" וואָס „ברעכן רוק־און־לענד" (געבנדיק דעם אויסדרוק די פונקציע פון „האַלדזנאַקן") זענען סינאָנימיש מסתם דריי קריטיקער פון יענער צייט. (צי זיי זענען די קריטיקער, מיטן געוויכטיקן אויפפּאַסן פון ליטעראַרישן דערגרייך און פילאָסאָפישן „ווערן" — אַלע זאַכן זענען אין דער סטאַדיע פון ווערן — איז דאָ ניט אין פּלאַץ אַרומצורעדן.) די ריכטיקע נעמען פון די פּיקטיווע „ריבקין, ניגער, אָלגין" קאָן מען אפשר נאָכגלידערן אין געוויסע דריי קוואַזיקאָרעקטיווע צייטונג־ליטעראַטור פאַקטאָטומען פון יענער שרייבצייט. זיכער איז אַז „ניגער" איז ניט דער סעקסטיוס פון דזשיימס ברענטש קעבלס „יורגען" (שלוס קאַפּיטל 14). די אַנדערע צוויי זענען פאַרדאַכט־לעכע פאַרוויבערישטע פּסעוודאָנימען. די אַנטאַגאָניסטן האָבן אפשר אָנ־שטענדיקערהייט געטראָגן גאַנץ באַשיידענע מאַנסבילשע נעמען בישראל. אָבער דאָס איז סוף כל סוף געווען אַן אָפּוועקסל פון וועלוולס זייט — שפּילמעסיק. (אַגב האָט גאָר „וועלוול גאָטה" געדינט פאַר אַ שפּאַניש ווענטל איינעם אַ יונגנמאַן מיטן אמתן נאָמען יונה האַרצקלאַפּ, און קינד־וויז, בעת ער האָט געהאַלטן ביים אַריינפאַלן אין דער סוכאָטע, האָט אים דעם רבינס אַ קמיע פאַרוואַנדלט אין „יאָנטל"; און „האַרצקלאַפּ" האָט אָפּ־געטראָטן „גאָטהן", ווי אַ צונאָמענטלעכער אַנטשייד, ביי אַ לגאָטע אין ר׳

יואלס פריזיוו. אָבער דאָס איז פּונקט אַזאַ אומבאַגרענעצטער ענין ווי דענ־דראָ־דענדראָלאָגיע אָדער יום כיפּור קטנדיקע קוילעטשן.) מיר ווען זיך צוריקקערן צו וועלוולס דעפיניציע.

זענען דאָס דערינערונגען? „דערינערונגען״, זאָגט אַ שרייבער אין אַ ווערק וועגן „מאָדערנע טעאָריעס און פּערצעפּציע״, „זענען די קנופּן און געלענקען פון טאָלערירטע געשעענישן אין ספּעקולאַטיווע ווענדונגען״. און אויב מ. סטוירטס „צייט פּסיכאָלאָגיע״ זאָל אונדז וועלן עטוואָס אַרויסהעלפן, קאָנען מיר אפשר אַרויסקריגן דעם סינטעז וואָס מאַכט שטאַנדהאַפּטיק — דערינערלעך — פּאַר אונדז איינצוזען וועלוולס „פּלאַץ אין רוים״ און דערפאַר אין דער פּאָעזיע *) און פאַר וועלוולען פּעריאָדיש „אויסצושיסן״ מיט הילפּלאָזע מעטאַפיזישע פּערזן. עס שיינט צו זיין מעגלעך אַז דער דערינער־נערוו, אַזוי צו זאָגן, האָט אָפּט בייגעקומען אַלע מעגלעכע שטערונגען וואָס זענען געלעגן צווישן אים אַלס אָפּשטאַרבנדיק צעלנגעוועב מיט פאַרשאַרפטע רעאַקציעס און דעם עצם ענין צוליב וועלכן ער האָט געלעבט דעם חומרס מיסטיש עוואָלוציאָנירן. דערויף קאָן אפשר אַ פּיל העלער ליכט וואַרפן טהאַלביצערס „עמאָציע און וואַנזין״. און „באַנעם״ וועט דינען פאַרן שליסל צו די אָנגעוואָרפענע ספּעקולאַציעס.

„באַנעם

האָלט
צו האָבן לעבנסשוים, קאַטאָוועס
צוליב גייסטאָפּשווים, מאָטיווירט דעם ליבהאָבער פון גאָלד
ווי אויך די אנימאלקולן אין זייער אַקטיוון ווידערשטאַנד דעם מלאך־המות.

פעלזנבערג זענען נאָך ניט פאַרטיק אין דעם וווקס ווען ס׳פעלט אַ שטויבל
בלויז אין דעם מיזאַמען גענענען צו סטראַשידלע־הויך

---

*) „פּאָעזיע איז דער איינציקער אָפּרו פון אַלע טערמינאַלאָגירטע אויסקונפטן וועגן די ,געפיל געזעצן״ (נאָטיצבוך). (העסיאָד דעפאָנירט די פונקציע פון פּאָעזיע ווי דעם „פאַרלויפיקן באַפריי פון לייד און וואַפנשטילשטאַנד פון זאָרג״).

פון אוממעסטבאַרן שליג־שלאַנג דרויבל
בויך.

„פלי
פון מיטלגרייכנדיקע זאַכן,
צעלנמעסיק קלאַמער זיך צווישן ברען און טלי —
זאָל גאָט געפינען אין דעם צושטאַנד אורזאַך פאַר פּאַטעטישן צעקראַכן".

הוק
און טראָלד — ווי צוגעפּאַסט דער פּלאָנטער
אים וואָס זוכט האַרמאָניע, ניט האָבנדיק קיין ציין, „פּאַרצוק",
אַ זאָג טוט צו זיין מיטזאַך, ציינלאָזער, די זאַך אַפּריער דערמאָנטע.

„ניט זוך מיך אין מיין האַנטס טאָט אומפּולקאָמער, פּוסטראָט שטרויכל,
מיין מעטעאָרישן געדאַנקפלי. ס'איז מיין קוניע ריין
פון גאָלד, מיסט. כ'בין אַ טשוואַנקע. איכט
זיין".
ערשט אַז מיר קוקן זיך אַרום דערזעען מיר: שטאָט קלאָרער צו מאַכן דעם דערינער־פּראָצעס האָבן מיר אים, גאַנץ אומווילליק, פאַרטונקלט. וועלן מיר ציטירן

„צאָרן און שיינקייט

אַז עס האָבן זיך צונויפבאַמבורעט היידאַמאַקעס
איבער יידן חוכא־וטלולאָ פּראַווען
איז אין ראַטונעק ווער אַנטלאָפן קיין אַמערינקע
און ווער מיט ושט־נאָכשלעפּ אין אַ שטינק־קאַנאַווע.

ווי עס האָבן וואַיען דאַן געגומען צויגן
און חזירים מרוטשען ווי אין ערב רעגן
איז אַ העלפט קרבנות שוין געווען געשחטן
און אַ העלפט זאַסטראַגעט אויף די וועגן.

קוים נאָר האָבן בלודנע פּעמפּיק־קוילער
פאַרמאָסטן קלינגלעך אויף דעם עלנטס גוידער
האָט אין אוקראַינעס פּעלד־ און דאָרף־געזאַנגען
זיך צעבליט אַ וויסטיק פּורפּורדיקער שוידער.

פאַרשעמט געלעגן זענען די אַפּרילן אין די סעדער,
מיט אַ טויטראָסט זיך אַריינגעביסן אין די יונים;
האָר־צעפּאַטלט — טעכטער אין דער מיטשטוב,
כאָרכלענדיק אין גסיסה — יונגען אין די קוניעס.

ניט פאַרלאָרן בלויז דער זיידע גלויבן
האָט אין סאַמע ברען פון רעכטן חשכות
און ביים אָרון־קודש האָט דער רב האָלוביעט
שכינה־בריסט מיט סומאַטאָכעס פון אַ מנין אשרים.

אַז עס האָבן ווינשלצווייגן זיך צעבליטע
געגומען הוידען אין דעם ווינט פון אומלאַסקאַוון זשעברען
האָבן מיידלווינשל זיך אויף גרונט געוואַלגערט
צווישן אויסגעגאָסענע פּאָמאָיעס פון די צעברען.

און מרוטש, געוואַי און ריטשע
איבערפּאַלבט זיך מיט די גרוילן־לידער אוקראַינעס;
און ערגעץ אויף דער וועלט אין וואַטע, פּליוש געלעגערס
פּעכלען צירונג־שטיינדלעך אין וויטרינעס.״

„צאָרן און שיינקייט״, אָדער ווי ס׳וואָלט געדעכטיקער באַדאַרפט הייסן „עפּידעמיע און ענדעמיע״, איז כמעט ווי אַ פּאַסקוויל אויף גאָטהס באַגריף וועגן פּאָעזיע. קלינגען אונדז ניט די שורות ווי זיי וואָלטן אַנטנומען געוואָרן פון דער צייטס לידער־אַנטאָלאָגיע? זיי זאָגן אונדז — מיט אַן אַנדער אָנדייט, נאַטירלעך — עפּעס מכוח יענער באַטאַליע, וואָס האָט באַווילט „שוידערלעכקייט״, ניט נאָר ווי אַ האַרמאָנישן בייגאָב צו דער אומקרוינערישקייט פון באַקאַנטע האַנדלונגען, וואָס האָבן „געפּילפּולע״ דיכטער אָנגערעגט אויף קינסטלערישן קרומשפּיגלען, נאָר ווי די געפּילפּולקייט זייערע איז דאַנקבאַר געווען דער צייט, מיט אירע נסיונית, מאַר־

טירערטום און עפּאָכע וואָס האָט „געהאַלטן אין ווערן" — עפּעס אַנ־דערש. איז דאָס ווערלווס אַן אמתער מאָטיוו, ווי מיר האָבן אים באַאָ־באַכט רעסטאַווירנדיק געוויסע אַלטע נאָבעלע פּריווילעגיע־פליכטן פון דער שרייבקונסט? אינהאַלט, זיכער; פריער איינגעזאַפּטער אין דער דער־פאַרונג פון דעם „איך", און פאָלגלעך דעם „אימאַגאָס" אינטעגראַל; (אַזוי נאָך האָט בייראָן געקאָנט פאַסן זיינע „דאָן־זשואַן" סטראָפן זיך ראַזירנדיק;) און פאָרם, שפּרודלענדיק אַזוי נאַטורגעזעצלעך אינטויטיוו ווי ס'איז פאַר־אָרדנט פאַר דעם אינהאַלט פון „מעשה בראשית" אָן. געזען האָט ער דאָס קיינמאָל ניט. איבערגעלעבט ציייטונגסמעסיק. עס איז ווי יענע אויסקונפטן וואָס גייען פון איין לייען־מינוט אַריין און דורך אַן אַנדער שרייב־מינוט אַרויס. לייכט נעמען דעם גאַנצן עסק לאָזט אונדז ניט בלויז די ווירק־לעכקייט, וואָס פאַרשטומט אין אונדז איטלעך ברעקל שיינקייט־באַגריף לגבי דעם טראַגישן שוידער אין לעבנס־זין פון וואָרט. אָבער אַ דערינער לויט דער טבע פון „באַלאַנס־איבערשאַץ באַנעם" קאָן דאָס זיין. און דאָ קומען מיר צום קריטישסטן פונקט פון דער גאַנצער תקופהס באַנעם — „וואָס איז פּאָעזיע?"

אויב מיר זאָלן אָננעמען אַז די דיכטונג פון דער צייט ליגט אין אַ האַלבע טוץ בלעטלעך פון דערזעלבער צאָל פיגורן — די פלעיאַדע האָבנ־דיק מעכאַניש נאָכגעדיכט די באַזיר־מאָדעלן (ס'איינציקע וואָס אַ נאָכדיכ־טער קאָן טאָן איז אָננעמען „עפּעס" אַ שטאַנדפּונקט אין זיין דיכטן, אומ־באַוווּסטזיניק) — איז פאַראַן בלויז איין שלוס צו וועלכן מיר מוזן קומען, אויב מיר זאָלן צושטימען מיט דעם רעוואָלטערישן באַגריף אַז אַלץ קאָן דינען ווי אַ סוזשעט פאַר דיכטונג: אַזוי ווי „אינספּיראַציע", די הויפּטשרויף פון שאַפערישן מעכאַניזם, איז פון דעם פּסיכאָאַנאַליז אַנולירט געוואָרן — ניט אַכטנדיק אויף די נעאָ־טאָמיסטן, וואָס אַוואַנסירן אַ גאַנץ אָננעמבאַרע פּאָזיציע, אויב ניט זשאַק מאַריטענס „גאָטס ליכט און גאָטס דינסט" איז אַמווייניקסטן ראַמאַן פערנאַנדעזס סכעמע פון ליטעראַטור ווי אַ פילאָסאָ־פישער באַזיס אַנטקעגן בענדעטאָ קראָטשעס פילאָסאָפישן גרונט ווי אַ באַזע פאַר ליטעראַטור ווי קונסט, — און, גאַנץ נאַטירלעך, האָבן מיר געמעגט דערוואַרטן עפּעס אַזאַ רעזולטאַט אין צוגאַנג מיטן פאַרשריט פון וויסנשאַפט זינט 19טן י. ה. — ליגט דער געפּילפּולער אַטריבוט צווישן די געהויבענע מתים, אי נאָרמאַל אָפּגעלעבטע, אי צופאַל־פאַרווונדיקטע,

אויפן פּאָעטישן עולם־האמת פון אָלימפּ. רעליגיע, דער עלטסטער קרבן, אויסגעצאַצקעט מיט אַ מזרחדיקער בונטקייט פון תכריכים; מיסטיק, זיין אורזאַך און פּאָלג, די צוויי נאָענטסטע שכנים. און צוזאַמען מיטן נייעם קרבן פון אונטער די טויטלעכע רעדער פון דעם „בעהייוויאָריסטישן" אַוטאָמאָביל — ווייל „פּאָסיביליזם" ווילן מיר אַפּאָזיטירן מיט דעם שמח־פרעסערישן „רויבער" פון די הייכן, דעם עראָפּלאַן — ליגט דאָס דריי־לינג פאַרשמאַכט און אַ דאַנק אַ געוויסן אורעלטן נעקראָמאַנס אָטעמט פון צייט צו צייט נאָך אַלץ אַריין זיין אומאורזאַכלאָזן רעזאָן אין אינטעלעק־טועלע*) פּוילענצער. דער נייער אָפּוועקסל פון די דריי, וואָס איז נאָך דער־ווייל נאָמענלאָז — מיר זענען דאָך ערשט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון די ניי געפונענע עלעמענטן — שטעלט אָפּט אין געפאַר דאָס האַרמאָנישע וווילזיין פון יעדן לאַבאָראַנט. צו דערפּאָלגרייכן סינטעז איז נאָך גאַנץ ווייט. דאָ און דאָרט געלינגט אַ דיכטערישן עקספּערימענטאַטאָר בלויז אַ פּאָר עלעמענטן צו קאַטאַליזירן. פון וואַנען זשע פּאָרט נעמט זיך דאָס טוליען פון יעדן פון דעם האַלבן טוץ דיכטער צו געפיל ווי אַ פּאָעטישן אכילס ציטעריקע פּיאַטע?

זייער איינפאַך: אין ניטשעס אויסדרוק איז דער אונטערשייד צווישן מענטשנס לעבן און דעם חיהשן פענאָמען דאָס, וואָס איינס לעבט זיך אויס געשיכטלעך, דער צווייטער — פלאַנצעריש. געשיכטלעך: אַנטשיידן די פאַרגאַנגענהייט צוליב דער צוקונפט. געשיכטלעך: וויסנשאַפטלעך. פּסיכאָ־לאָגיש אורטיילן רעליגיעזע מיסטיק; אויב טעלעפּאַטיע און העלזעעריש־קייט (אפשר כשוף) (אין וויסנשאַפטלעכן זין פון וואָרט) האָבן געשפּילט אַ ראָל אין דער פאַרגאַנגענהייט, ביז די חרטומים ניט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. (טעלעוויזיע: אַ פאַקט). דער אַנטוויקל פון עגיפּטישן, כינע־זישן געדאַנק, האָבן אויף אַזאַ אופן אָדער אַן אַנדערן ערגעץ אַריינגע־שטעלט אַ זאַסטאַוועקע אָדער אַ שפּונט אין אַן אומרעאַלקייט און זי געמאַכט פאַר אינטעלעקי־באַגריפענעם אָביעקט. מעדיצין מוז גענומען ווערן צו־זאַמען מיט מאַגיק און גלויבן, אויב עס פאַרדינט באַטראַכט צו ווערן.

---

*) לויט אַ געוויסן רעסורס־בוך, רייסטער פון יידישער ליטעראַטור, שיינט אַן צווייפל צו עקזיסטירן אַ היפּשע צאָל „אינטעלעקטן" אין אונדזער שרייב־קונסט, דעם קאָמפּילאַטאָרס באַגריף „וואָס אַזוינס איז אינטעלעקט?" ווייסן מיר לײדער ניט.

כעמיע מיט אַלכעמיע, און פיזיק מיט מעטאַפיזיק זענען אויף אַזוי פיל
געקניפּט און געבונדן אויף וויפל וויסנשאַפט איז ענג פאַרבונדן מיט מאַ־
גישע פּראַקטיצירונגען [זינט דער אָריגינעלער אַסטראָנאָמיע פון די נעאָ־
ליטהישע קולטורן ביז צו דער אַלכעמיע פון פּאַראַצעלסוס] אין אַ פּאַר־
זוך צו געפינען אַ פאָרמולע פון אַ כישוף וואָס זאָל קאָנטראָלירן דעם לויף
פון פּאַסירונגען וועגן דער אויסערלעכער וועלט. דער וויסנשאַפטלעכער צו־
גאַנג צו די פּראָבלעמען פון אינדיווידד (דאָ אייגנטלעך קומען מיר ערשט
אין צוזאַמענשטויס מיט די אַלע פאַרוויקלטקייטן פון וועלט וואָס ליגן אומ־
גערירט אין אַן איינצלדיק קניפּל ביז די פּסיכאָלאָגיע פון רעזאָנירן וועט
עס אַ שטויס געבן און אָפּוויקלען ווי באַוול פון אַ קנויל), אָנגעהייבן מיטן
קינדס „נעפּלהאַפטער פאָרשטעלונג־קראַפט“ און „אַרויסגעשטופּטער“ שפּראַך
ביז צום דערוואַקסענעם מענטשנס רעאַקציע וואָס געווענדט זיך אין אַ
פאָרגענומענער קאָנדיציע („אויב ———— איז ————“) — פירט אונדז
בלויז דורך די לאַבירינטן פון דער לאַבאָראַטאָריע, ווו מיר דאַרפן, ניין,
מוזן און ווילן — צוליב פּסיכאָלאָגישער רעטונג, צוליב פיזישער געפאַר,
צוליב צייטפאַרטרייב — קומען צו יענעם שטאַפּל פון באַנעם וואָס וועט
ערשט, אפשר, מער גאָרניט טאָן ווי דעם גאַנצן פּראָצעס טערמינאָלאָגירן,
אים שטעמפּלען מיט אַ נאָמען.

אָבער אויב אַ סאַטיריש־געזאָנענער תּכליתדיקער דיכטער, וואָס איז
גראָד ניט קיין פויגלדיקער קענער פון דער געשיכטע פון מאַטעריאַליזם,
זאָל דערויף ענטפערן: „דאָס אינגאַנצן?“ וויל זיך זיין אָפּענטפערישן פרעג
אָפּענטפערן פרעגעריש: „זינט ווען זענען דיכטער להוט צו געפינען אַן
אַנדער ענטפער אויף די פלאָגנדיקע חריפותדיקייטן פון חכמת־השיר?“ עס
שיינט אונדז אַז וו. גאָטהס „כ׳בין אַ טשוואַנקע. איכל זיין“ איז דער ענט־
פער, זאָלן מיר נאָר פאַרגעסן אין אַלע ענטפערס, וואָס די וועלט קומט
אונדז, און זיך גופא אויב זי איז אַ רעזאָנירנדיקע מאַנאָטעאיסטישקייט, און
אין זין האָבן בלויז די פּאָעזיע — ווי אַ וויסנשאַפטלעכע דערשיינונג. אָבער
מיט דעם לעצטן טערמין, ווייס איך, שרעק איך אָפּ די גאַנצע כאַליאַסטרע,
ניין, די זעקס, וואָס דאַרפן לפנים זיך ניט שרעקן אַפילו פאַר די אָנגענו־
מענע פאַרווינטע פּאָדערונגען פון דער פּאָעזיע, וואָס ווערן ניט, אין בעסטן
פאַל, אויסגעפילט. („מיר זענען אַ דור, לויט ט. ס. עלינגט, וואָס הייבט

אַן װענדן זײַן אױפֿמערק צו אַן אַטלעטישקײט, אַ שװלונג, פֿון דעם גײַסט, אַזױ ערנסט און אַסקעטיש װי עס איז די דיסציפּלינירונג פֿון אַ לױפֿערס קערפּער". דעם באַאָבאַכטער פֿון דער צײַטס צװישנשפּיל װעלן מיר אַפֿילו אַנטשולדיקן דעם נעאָ־טאָמיסטישן װײַרױך װאָס דערגרײכט אונדזערע נאָז־לעכער פֿון צװישן זײַנע שורות. דיסציפּלין, אַלנפֿאַלס, דאַרף װערן דער לאָזונג.)

אונדזער פּאָעזיע, די פּערזן װי די קריטיק, זוכט אומבאַװוּסטזיניקער־הײט צו ליקװידירן דעם גאַנצן ענין: מיט „אינספּיראַציע" װי אַן אָנלען. צוגאָב: דער לעזער איז די מאָס. עס װאָלט געהאַט אַ זין װוּן זײ זאָלן דיסטיליזירן דעם אָנגעװאָרפֿענעם הױפֿן רײַבונגען און קאָנטראַ־פּאַרשטענ־דנישן. אָבער װען די דיכטער אַלײן שטײען אױף אַ זײַט פֿון געװיסע אומפּאַרמײַדלעכע חלוקי־דעות און זײערע פּאָעטישע פּראָדוקטן זענען פֿרײַ פֿון מינדסטן באַנעם, אײגענעם, אונטערזוכטן, איז ניט אָנצומאַכן בײַזבלות: דאָס בעסטע צו שליסן דאָס קאַפּיטל מיט אַ פּינטעלע.

עפּיזאָד

. . . .

I

פון די פּערספּעקטיוון לאָמיר איבערגיין צו אַ פּרימאָרגנדיקן אַספּעקט:

II

כונכאַ־כאַן געווען איז אַ טאָטער נאַר וועלוול האָט זיך ניט געקאָנט גלייך באַרויִקן מיט דער אַנטדעקונג. זיך זאַטשעפּען מיט אַן אַנטדעקונג הייסט ניוועלירן יעדן פריִערדיקן איינדרוק פון כ׳ווייסניט.

ניט געוווסט פון דעם האָט וועלוול ווייל —

ווייל: וואָס איז פאַר וועלוולען געווען אַ זאַווערוכע? אַ הויפן שניי אין בראָנקס פּאַרק האָט אים אָפּגעגעבן אַ גרוס דורכן מאָרגן זשורנאַל — מאָדנע ווי אין דער שכנישער רובריק האָט אין פּעטער פּייקע אַ שוואַרצער פּירעק אַנטהאַלטן אין זיך אַ פּאָטענציעלן וואַרשטאַט פון אויוונס, אויוונס אויף אויוונס, היציקע, גליִאיקע, אין די טויזנטער, אין פּראָצעס פון גיסן, אין מאָרגן זשורנאַל, דער הויפן שניי אין פּאַרק צעגייט זיך ווי אַ ניט־דאָ־געדאַכטער.

נו, און מכוח שניי ערגעץ אַנדערש? אין גאַס, ווען ער גייט קויפן נאַרונג פאַר דער קישקע — פּע, אַ חלשות צו קוקן! אַזוי שוואַרץ — אַש שיט מען אויפן שניי. „אַ זאַך זאָל זיך אָנהייבן אַזוי ווייס און אויסלאָזן אַזאַ בלאָטע״. די גאַסנקערער דערעקן שוין צום איבעריקן מיט זייערע פּעסלעך אויף קליינע אייזערנע בלאַטערדלעך אָן שינעס. זאָלן זיי זיין אָפּגעבעט מיט גומי, די בלאַטערדלעך, וואָלטן זיי זיך געגליטשט און אויסגעגלאַנצט דעם שניי. אַזוי, בלייבט אַ צעקאַליעטשעטע ליניע. אַ האַוו־האַוו

פון אַ קליין הינטל וואָס העלפֿט ניט אַרויס דער שרעק נאָר פֿאַרבלאָסט דעם הילכיקן האַוו־האַוו פֿון דער הינט־טשאַטע: די דינע ליניע.

שניי ביי וועלוולען אויף די געפּאַלדעוועטע אַרבל, אונטערן קאָלנער, אין די שיכקנייטשן — ניט קיין שניי איז עס: לויזע ווייסע קופּקעלעך. איז פֿאַרן אַריינגיין אין הויז, אַ לייכטן טרייסל, און אויס מיטן שניי.

אויפֿן דאַך ווו די אַלטע מאַטראַצן ליגן אויסגעדינטע, ליגט שניי. און ווען וועלוולען איז אַריין אַ געדאַנק צו זען (וואָס? — איז אַ סוד דער־ווייל... כאַטש ער האָט זיך אָפּגענאַרט: די פֿענצטער אויפֿן וויפּלטן שטאָק אַנטקעגן ווו ס׳וווינט דער שניידער מיט דער שניידערקע מיט — „ווּעמען? — איז אַ סוד דערווייל”... זענען געוועזן פֿאַרהאַנגען, פֿאַרפֿראָרן. ניט גע־זען גאָרניט, אָבער גאָרניט, אין צימער מיט די קופּידאָנטשיקלעך אויף די ראָזשפּאַלירטע ווענט) האָט ער אַוועקגענומען די אויגן פֿון די פֿענצטער קעגנאיבער און ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה זיי אַראָפּגעלאָזט: שניי! וואָס פֿאַראַ סקריפּנדיקער, בלישטשנדיקער, אומבאַרירטער שניי! אַ שפּיגל! צעקרישלטער צוקער! אַ זעקל דיין זאַלץ אויסגעשפּרייט; אַזוי און ניט אַנדערש האָט דער הראַביע ראַדזיווויל געוואָלט פֿאַרפֿאָרן צו זיך קיין ראַדזיווויל אין אַ הייסן זומערטאָג, אויף אַ גלעקלדיקער טראָיקע מיט קאַ־זאַנער פֿאַלשאַרקעס צו די דישלעס פֿון אַ בודעשליטן אויף אָברעזעס.

מאַכן אַ קליין שליטעלע. גאַריש, לאַכט וועלוול צו זיך אַליין, נעמט זיך אָן מיט די נערוועזע שמוציקלעכע דזיאָבפּינגער פֿאַרן בלאָנדן בערדל וואָס טונקט זיך מיט די בלאָנדע וויעס און ברעמען אין געשפּרענקלטן גע־זיכטטייך. קיינער וועט ניט זען ווי ער וועט זיך דאָ־אָ אַרומשליטלען.

דאָס שליטעלעליפּערל וואָלט געפּידלט כיכיכיכי, געפּידלט, געדרייט זיך, געטראַסקעט, געפּילדערט אויף וואָס די וועלט, פֿאַרלאָרן זיך אין שניי, פֿאַרזוכט צו באַרירן אַ הימאַלאַי, אויפֿן דאַך, ברייטע וועלט, אָפּע־נע אויגן: סאַנדי הוק און לאָנג איילאַנד סאַונד.

פֿריִער איין זייט גוט אויספֿאָרן. איינרייבן אַ סליאַד.

בליק צו דער זון. הימל באַטראַכט אים מיט זיין רויט אויג, אפשר זעט ער אַ טראָפּן וואַסער דורך אַ מיקראָסקאָפּ.

מוז זיין גאַנץ שפּעטלעך: מ׳ר זאָגן אַרום צען.

אָנגעגנעם צו טרעפֿן. ניטאָ נאָך וואָס צו אײַלן זיך.

גייט צוריק אַראָפּ מיט די בוידעמטרעפּ, אפשר געאײַלט, אפשר ניט — גייט. מיט איין פּוס אַ פּיר איבערן אויסגעטראָטענעם פֿאַרשטאַרצטן שטיק פּעל צוריקוועגס, מיטן צווייטן אַ פּיר, זינגט אונטער טאָפּטשענדיק זיך. עפֿנט פֿאַמעלעך די טיר און ס'גיט אים אַ האַלדז ווי פֿאַרפֿאַרעטע ראָמאַשקע דאָס איבערגעוואַרעמטע אַלקערל: גראָב איבערן גאַנצן לײַב.

דאָך אַנגענעם. אַראָפּ דעם קורצן וואָלענעם כאַלענדריק פֿון די געקאָרטשעטע פּלייצעס, אויס מיטן ווייסן שניי. פֿאַרמאַכט אויף אַלע זאַסטאַווקעס ניט פֿאַרבלאָזן צו ווערן פֿון דער ווייענדיקער ווייסקייט. הויל. שאַרפּשפּיצל אַרויסגעשטעקט ווי אַ מאַרטפּראָסט גרעזל און ווי אויף אַ טאַץ קומט נעענטער נעענטער, גאָר נאָענט, אַ האָלאָפּערן, אַ יוחנן־ווילדבאַבאָרדטער קאָפּ: כונכאַ־כאַן.

ט'ער עס שוין איצט אין לאַנגן קאַסטן ניט אָפּלייגן. ביי דעם שלימזלניק וואָס פּלעגט מאַכן אָפּטע יאַזדעס אין קאָקאַאינלאַנד האָט זיך די לעגענדע פֿון כונכאַ צעוואָקסן, געוואָקסן, און געדראָט אַריינוואַקסן צוריק אין אים ווי אַ בייזער וואָרצל מיט אַ צעיושעטן צווײַשפּיץ. אפשר האָט דער ניט־פּראַזיאָר (פּרייזער) פֿאַרלאָרן אַ וואָרט וועגן דעם. אזשר ליגט עס אין די ריוועס אַרום גאָלדענעם צווייג — (ריווערס).

פֿיין. איז וועלוול ניט פֿויל. שטרעקט אויס די האַנט, רעכטע צו לינקע, צום אָנגעוואָרפֿענעם באַרג ווו ס'וואַלגערן זיך אין אַ יאַפּאָנעזישן שיסל ליולקעס שלעכט־געראָכיקע מיט צייגעקאַרבטע מוילשטיקלעך, אַ נאַרגילע־קעפּל, אַ פּאָר העלדזולעך, דערביי אַ מנורה מיט צעבויגענע רערן צוויי, אַ דעקעלע פֿון אַ האָדעסל, פֿאָליאָס גאָלדשניטיקע מיט אָפּגעריסענע טאָוולען, אַ שקאַרפּעטקע מיט צערעוועס און אַ פֿינגערלאָך, אַן אויבערשט העמד צונויפֿגעקנוילט, אָלעאָגראַפֿיעס צייטפֿאַרהויכטע מיט געשעדיקטע ווינקלען, אַ נאָכגעמאַכטער אינדישער פֿאַרמעט־מאַנוסקריפּט, רונדגעוויקלט, אַ סטאַטועטקע פֿון די דריי גראַציעס מיטן בלומענטאָפּ, קאַנטס אַ געניזוקטער ביוסט, די וואַריאַריום אויסגאַבע פֿון פֿיטצזשעראַלדס „עדיפּ" צעעפֿנט ביי פֿאַריד אודין אַטאַרס „פֿויגלפּאַרלאַמענט" מיט אַ רויטן לעדערשנור אין רוקן פֿון באַנד —

שטרעקט װעלװל אױס די רעכטע צי די לינקע האַנט און נעמט אַ מאַראַנצשטיק צום מױל.

ס׳ליגט, טראַכט װעלװל, דאָרט אפשר דער ענדלעכער שליסל צום צװײפל װאָס האָט כונכאַ־כאַן געלאָזט דער װעלט צו הערן.

געמוסטערט צום פײפן גײען װעלװולס ליפּן אום: הינאונהער. אַ בלאָנ־דע ברעם ציט צו אַן אומבאַמערקט שטױבל, גלעט עס אױס אױף זיך, פאַר־דעקט עס, און זאָגט: ברוך דיין האמת. די נאָזלעכער אױפלאַך אָפלאַך — אַ גאָלדענע דיאַדעמע צעגליט אין דער היץ פון ראַדיאַטאָר זשומט אױס אַ געזאַנג פון געגישטערטן געצאַמטן רױם אין אַלקערל: אַט האָסטו אַ ספרל, מיין קינד. לערן חכמה, מיין קינד. ס׳ציגעלע איז אַ גרױסער צאַפּ אױס־געװאָקסן מיט קיין עין־הרע היפּשע הערנער. שטױסט און פאַרמעסט זיך מיט די װיסטעניש פון דיין האַרץ. פול מיט (ס׳אַ סוד דערװײל װאָס װעלװולס ברעם דערציילט ניט. קײנעם ניט, ליבער לעזער, כ׳שטױס זיך נײערט אַן װעגן דעם).

גײ אין דרױסן װעלװל און זוך. פאַרטרױ זיך װעלװל. זאָג אױס װאָס פרעסט דיר אױפן מאַרך, װאָס נעגעט דיך. נעם אַראָפּ װעלװל דעם שטײן װאָס האָסט זיך קמיעװײז אָנגעבונדן אַרום האַרץ. אַנטפּלעק פאַר דער װעלט דעם סוד. ניט נאָר אין כונכאַ אין שנײ אין פאַרשטױבטע אַנטיקן ליגט דיין גליקזעליקײט. שײנקײט? זוך עס אָ־דאָ־אָ.

װעלװל נעמט זיך. טוט זיך אַ לאָז זוכן. פּרעלימינער װאַרפט ער אַרױף אױף זיך אַן אױסגעריבענעם מאַרגנראָק װאָס פלאָנטערט זיך אים אונטער די פיס. צעעפנט אַ שופלאָד אין װינקלשראַנק בײם בעט, נישטערט אין צעװאָרפענעם קלײדערפּלאָנטער נאָך ריין אונטערװעש. זינגט אונטער גרײטנדיק זיך צו דער װאַנע. די באַלעבאָסטע אָבער: ניט קיין מרשעת, נאָר אַזױ זיך: העט. צװישן אַלע אײנװױנער אין הױז קלאָגט זיך דער אײגנטימער אױף איר מער װי אױף אַנדערע. זי נוצט אױס, טענהט ער, ס׳גאַנצע הײסע װאַסער. ס׳טײטש, ס׳רעדט ער (און ס׳לשון אירס איז װי דער לאַטש פון אַמאָליק קאָסטבאַרן איצט אױסגעדינטן סאַמעט), איר װעשװאַשן? אירע געפּעסן? — אַ פּאַרל, זי און דער לאַ־יצלח אין אַלקערל

— דאָס גייט אויף וועלוולען, פאַרשטייט איר דאָך שוין — מישטיינס געזאָגט.

ביי זיך אין האַרצן ווייסט זי די אורזאַך: דער חברהמאַן באָדט זיך צוויי מאָל אַ טאָג. אַ... בריאה. זי זאָגט עס אים ניט נאָר ביי זיך טראַכט זי: אהא, אַ געלעגנהייט, נאָך אַ פּאָר דאָלער אַרויפּצוציען. טאַקע אַ ווילער יונגערמאַן, נאָר נאָך אַ פּאָר דאָלער. זי וועט עס אים יאָ זאָגן. כ׳מיין, אַנדערש ווי קומט די קו צום וואַסער? — עפּנט אַ מויל פון אַ באַלעבאָסטע סימולטאַן מיטן עפענען די טיר צו וועלוולען אַריין. און אַזוי ווי דער וועלטס שענסטער פּרויס שיינקייט פאַרמינערט זיך וואָס מער ס׳דערנענט זיך צום אויג פון מאַנסביל, ס׳געטאָקטסטע נעזל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַסאָלקע, די קלאַסישסטע ליפּן ווערן צעליאַמעוועט אין רויפליישיקע פּיפּערנאָטערלעך, די געטלעכסטע אויגן אין אומשמייענדיקע מייזלעך, איז וועלוול פונדעסטוועגן מער ווי מילד געווען צו באַטראַכטן מיסעס צירלערס מייז, פּאדלע און פּאַסאָלע ווי אויגן, ליפּן און נאָז.

אַנטשולדיקט...

וועלוול שוויגט. זי רעדט, רעדט. ער שווייגט אַלץ.

איר הערט וואָס מען רעדט צו אייך?

זיכער, מאַדאַם ווערלען. ליב צו האָבן שטילקייט, און מיט עמעצן צו רעדן. כ׳פאַרשטיי. כ׳פאַרשטיי אויסגעצייכנט.

וואָס רעדט איר ניט צו דער זאַך?

בעסער ניט. גלייכער ניט. אויסגעדריקטער געדאַנק ווערט ליגן. פּרעגט טיוטשעוון.

וועמען פרעגן?

... ער איז שוין אָבער אַ שוכן־עפר. גוט. זאָג איך אייך. אָבער איכל אייך זאָגן אָטוואָס: סוגעסטירט און באַשאַפט. קוים ברענגט איר עס פאַרן מויל, פאַרניכט איר עס, פּרוי מאַלאַרמע.

הערט אויף פּלוידערן, כ׳בעט אייך. איר מוזט...

... כ׳מוז קיין זאַך ניט, ענטפערט איר איצט וועלוול מיט סימורלירטן שטאָלץ. זיינע הענט אויסגעבויגן ווי ער וואָלט האַלטן לייצעס. אַ טשמאָק מיט די ליפּן, עהעי, קליינע! און די פערדלעך לויפן ווי אַ ווי־

כערדיקע פייל אויסן בויגן אָבער ער האַלט זיי פעסט אין זיינע געאיבטע טרייבערישע הענט.

כ׳מוז גאָרניט ניט. ס׳איז אייך נעבעך אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן, טאָ הערט אַ פריילעכס: מיין כתב־יד איז אַדורכגעגאַנגען דעם סאַמע — בליצשנעל פאַלט אים איין אַ נאָמען פון אַ זשורנאַל וואָס דאַרף זי־כער איר דערלאַנגען אַ שנאָל אין נאָז כאָטש זי ווייסט ניט פון זשורנאַל. הייבט ניט אָן צו וויסן, און ווי קאָן זי גאָר וויסן, און צו וועלכע שלעק דאַרף זי עס וויסן.

וואָס מיר סוויאַט, ווער מיר ראַנאַל, אַ וויסטער פּאַטשאַטאָק אויף־שונאימס קעפּ. איר זייט שוין ווידעראַמאָל זניוכעט מיטן וואָרווערטס? וואָס בעבעט איר?

וועלוולס אויגן טוען אַ בלינץ. זי מיינט ער מאַכט זיך תמעוואַטע. ער מיינט זי מאַכט זיך תמעוואַטע.

„און מאָל נאָך מאָל אַן אַנדערער מיראַזש־קדושה
האָמיר געבראַכט קרבנות אויף אונדזער וואַנדערוועג;
די זעגללאָזע שיף איז אַלץ נאָך, אַלץ ווייט פון יבשה
און נאָך דערבליקט ניט אונדזער אויג דעם הייסגעווונשטן ברעג״.

מליצה, פאַרשטייט זיך. אָבער ווי אַנדערש, זאָלט איר געזונט זיין? זייט וויסן, מיסטער גאָטה, אַז דער לענלער פון הויז, מיסטער פלאָפּ־טראָפּ — — — —

מיסטער פלאָפּטראָפּ! כ׳ן ס׳ניט אויסהאַלטן! וואָס פאַרא נאָמען, גאָ־טעניו! (אַפילו אויפן צוגעגעגלעכן איז אַ רחמנות. דאָס עקזאָטישע קריגט באַלד אַ קאַטער און קער אַוודאי פּאַכן מיט די לינגען אויפן טויטן בעט.)

... האָט מיר געגעבן אָנצוהערן אַז ער וועט זיין געניוט מיר הייסן ציִען פון דאַנען סיידן — — —

סיידן? פאַלט איר וועלוול אַריין אין די רייד.

— סיידן, גיט זי אים אַ פּויק, איר׳ט אויפהערן אויסנוצן דאָס גאַנצע הייסע וואַסער. (וועלוול האָט אַמאָל געכאַפּט אַ שטיקל שמועס מיטן הויז־אייגנטימער וועמעס פּנים איז געווען אַזוי ליידיק ווי אַן אובאַווינט הויז, ניט פאַר זיינע הייזער געדאַכט — ווענן וואָס איז דער געשפּרעך געווען?... ממש. זיך דערמאָנט. טאַקע מכוח אַמעריקע. יענער האָט אַ טאַפּ געטאָן

ביי וועלוולען אין וואָגן — וועלוול האָט צו יענער צייט אונטערגעפּעדלט מיט פּרוכט — מכוח ווי לאַנג וועלוול איז דאָ אין לאַנד. ווי גייט׳ס אים, און דערהויפּט האָט מיסטער פלאָפּטראָפּ געאַרבעט מעשים, מיט הענט ווי אַקראָבאַטישע חולה־נופלס, און געזוכט אויסצוגעפינען צי וועלוול נעמט ניט איין אַכצן כאָלערעס פאַר אַמעריקאַנער עשירות. אַזאַ רייך לאַנד, קורחס אוצרות וואַלגערן זיך דאָ אונטער די פיס. בלויז פוילענצער קאָנען זיך באַקלאָגן אויף זייער דאָליע דאָ. ווער עס וויל זיך צעפירן די הענט, קאָן. און וועלוול האָט אויף שווערדשווינגנדיק קול מיט אים מסכים געווען. אַמעריקע אַ רייך לאַנד? זיכער. אָבער ער, ווי אַן אייפער ספעציאַליסט, איז זיך מתקנא אויף בורמאַ און טיבעט רייכטימער. זיי׳ערע קאָסטבאַרע צירשטיינער זענען אין־לשער. ס׳וואָלט געגוגט צו דעקן אַלע צענערס, וואָס יידן האָבן באַצאָלט באַד־איינטריט־געלט פון אַברהם אבינוס צייטן ביז היינטיקן טאָג. אַ שמאַראַגד ווי דאָס אויג פון גאָטאַמאַ, אַ רובין ווי דער אורטייל פון דהאַלאַפּטור, אַ סאַפּירשטיין ווי די האָפענונג פון אַזאָקאַ, אין די שטערנס פון די הייליקע געמעלן, וואָלט געסטייעט אויף אַלע דריי־ערלעך־אויף־שבת אונאַזוויווייטער. און די גאַל וואָס די טיבעטאַנער און בורמענער האָבן אויסגעגאָסן אויף די פאַרשוועכער פון בראַכמאַפּוטראַ וואָלט געקלעקט צו פאַרגיפטן אַלע אַנטיסעמיטן פון עוג מלך הבשן ביז פאַרדן. די הויפּטזאַך, האָט וועלוול געוואָלט ביי אים פועלן, איז ניט צו דערגענטערן זיך צו די אַלע רייכקייטן, פינאַנציעלע ווי פאָעטישע, צו פאַמיליאַר. דעם יאַ־טעבע־דאַם דאַרף מען שטעלן אין קוניע און געבן ברויט אָן פאָווידלע — האַ, נייך, אפשר? מיסטער פלאָפּטראָפּ האָט נאָך אַזאַ אומזין מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן און זיך אָפּגערוקט פון וועלוולען מיט פאַרזיכטיקער שנעלקייט ווי ער וואָלט אַנטלויפן פון אַ מגיפה אָדער פון אַ זשמעניע, וואָס דראָט מיט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין. אָבער אַ צווייט מאָל האָט וועלוול געפּאַקט דעם הויזבאַזיצער און אים דערציילט דעם וויץ פון יענעם אַמעריקאַנער וואָס איז געווען פאַרהייראַט בלויז אַ פאָר יאָר און זיין ווייב האָט אים געבאָרן פינף קינדער. ס׳טייטש, ווי איז דאָס מעג־לעך, האָט מיסטער פלאָפּטראָפּ, דערשמעקנדיק אַ געזאַלצענעם הערינג, זיך צעהיצט. האָט אים וועלוול דערקלערט אַז די ערשטע היים דעם אַמע־ריקאַנערס איז געווען די צווילינגשטאָט מינעאַפּאָליס און סט. פּאָול, וווּ דער ערשטער צווילינג איז געבאָרן געוואָרן, און די צווייטע היים איז

געווען „טהרי ריווערס״, ווו אַ דריילינג האָט פאַרגרעסערט דאָס געזינדל. נאָר דער וויץ איז דערהרגעט געוואָרן, ווייל מיסטער פלאָפּטראָפּ האָט ניט געמאַכט די באַדויערנדיקע סוגעסטיע וואָס פאַרא אומגליק עס וואָלט מיט דעם מאַן פּאַסירט ווען ער זאָל זיך האָבן אַריבערגעצויגן אויף „די טויזנט אינדזלען״. אָבער וועלוול האָט אים טאַקע אויפן שטעל פאַרגיטיקט מיט אַן אַנדער וויץ אָן אַ ריזיקע פון שאלות־תשובות, די מעשה פון די צוויי מאַטראָסן וואָס קומען אַרויס פון דער קאַיוטע און איינער גיט אַ זאָג צום צווייטן: „דאָך גלויב איך, אַז ער וואָלט געווען באַדאַרפט מיט אים חתונה האָבן״. מיסטער פלאָפּטראָפּ האָט זיך אַרומגעקוקט אַ פאַרלאָרענער, ניט געוווסט וואָס צו טאָן, אַ תמעוואַטן לאַך געטאָן, און באַשלאָסן אַז דער טויגעניכטס וועלוול ליגט איבער אין וואָדעוויל. אָבער ווי האַלטן מיר מיט מיסעס צירלער?

איין פויסט ביי איר אויפן צווייטן: גאַנץ דעטערמינירנדיק. דער געדאַנק קלאַפּט אָפּ פירפערטלדיקן טאַקט. עטלעכע שיטערע הערעלעך אַרויס פון איר פאַרקעם צוליב דעם איבערהאַסטיקן קאָפּשאָקלען. די באַראָדאַווקע אויפן קין וואַרפט וועלוולען אַ הענטשקע אין פנים.

זעט שוין וועלוול, דערשמעקט שוין וועלוול, דערפילט ער שוין אַז ס׳איז דער זיידע נאָכן רעטעך, די באָבע נאָכן זיידן.

איז גרייט איר זיך הייסט עס אָט אַזוי־אָ־אָ איצט נעמען אַ וואַנע?

זי באַטראַכט פאַרדאַכטלעך זיין פאַרשנורטצעקנעפּלטן כאַלאַט, דאָס ווייסע געלאַטעטע העמד אין זיין האַנט, די שטעקשיך אויף זיינע באָרוועסע פיס. מיאוס אַריינגעפאַלן. געכאַפּט אויפן אָרט און אין צייט פון פאַרברעכן. אָט אַ שטיקל, אַן אומאָנגענעמס.

מיסעס צירלער, גייט אייך צוריק אין אייער רו. זאָל ניט געדאַכט ווערן אַפילו מיט אַ פּיפּס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייטס אויסדערוויילטע אַז איך האָב געזוכט פאַראורזאַכן אַזאַ זעלטנליבער דאַמע ווי אייך אומאַנגענעמלעכקייטן, אַז כ׳האָב בייגעטראָגן די פּיציניאָנטשיקסטע פאַרימערונג צו אַ צאַרטער אומבאַהאָלפענער פרויס זיסער פרימאָרגן שטימונג, אַז כ׳האָב —

מרס. צירלער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אַ מאַך מיט דער האַנט. פאַרשווונדן אָן דער ווינפּרייז העכערונג וואָס זי האָט גערעכנט אַוועקצוטראָגן מיט זיך פון דאַנען. די קאָלירטע פירעקעכיקע פאַפּירלעך

האָבן געגומען איינשרומפּן, קלענער קלענער ווערן, פאַרוואַנדלט זיך אין דרויבלעך מיסטפּאַפּיר וואָס וואַלגערן זיך אום אין צינערנעם פּעסל אונ־טערן וואַשטאָפּ אין קיך.

אין טעאַטער, קונסטטעאַטער, שפּילט מען מרס. צירלער, אירע אַ שוועסטער, וועלוולס עלטערבאָבע — דער רוח ווייסט ווּעמען. בייסט אַ טעאַטער־קריטיקער דער שפּיץ פון זיין פּען, קראַצט ער אויס קלוגס, מומחהדיקס.

„עס איז ניט די האַרלעמער יידענע וואָס וויינט (בערטאַ גערסטין, ניין, מאַדאַם אַפּעל). וואָלט עס אַזוי געווען וואָלטן מיר דערזען אַן אָרעמע צע־בראָכענע מענטשיכע, וואָס רעאַגירט אַזוי ערדיש אויף איר שלימזלדיקן שיקזאַל. וואָס מיר קריגן אין דער אמתן איז דעם קאָמענטאַר פון קינסט־לערס (סעגאַלאָוויטש? הירשביין?) אַלזעענדיקן שכל איבער דעם קרייז פון צרות און אומגליק און זאַכן וואָס זענען צוליב גאָרנישט נישט צונישט געוואָרן. וואָס מיר קריגן אין דעם פאַל איז אַ שאַטיר פון אַ פּעיקער פאָר־שטעלונגס־קראַפט, וואָס אַבסטראַקטירט, רעכנט אויס, קריטיקירט און פאַראייביקט דעם מאָמענט (פון קריזיס) און גיט אונדז אַ ליידנשאַפטלעכן אורטייל איבער דער טיפקייט פון דער אינטענסיטעט פון מאָמענט און זיין אָנווענד צום לעבן, הוראַ!“

ניט שיין זיך צו שילטן, אַ כאָלערע נעמט זיי — וועלוול זעט: פון איין זייט קונסטטעאַטער, ניין, קעסלערטעאַטער, סעקאָנדעוועניו טערפּסיכאָר, אַ לאַ פראַנסעז — די רוסישע פּרינצעסינעניגענען, כאַצי אַמעריקאַנסקי — די שווערלעכע געקנייטשטע באָבעגראַציע וועמען ס'האָבן פאַרשמעקט די טעפּ פלייש מער ווי די ווינלאָגלען פון דער קווווננננסססט. טאַקע דאָ באַלד אָט־אָט־טאָ האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט זייערע פויסטן מאָס־בערג און איגאַן, בשכנות. דער ערל טאָרלי האָט פאַרלאָרן דעם „באַוט“ צום אָפּגעשניטענעם, צום שיני, סעמעלע ——————— אָבער וואָס פאָרפלט אים? מר. פלאָפּטראָפּ. מיאוסעס צירלער. די כאַליאַסטרע! האַאַאַאַאַאַאַ!

וועלוולען ווערט ענדלעך קלאָר: איינמאָל אַ טאָג. דאַן קומט נאָך אַלץ דער קאָמישגראָבלעכער מר. פלאָפּטראָפּ, מיסטער צוויבאַק, ווי הייסט ער דאָרט, צו דער מאַדאַם צירלער, פרעגט זיך נאָך וואָס מאַכט איר מאַן

(אין בעדפאָרד סאַנאַטאָריע), ווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן, מאַכט צו דענקען אַז זיין שוויצן קומט פון זיין געניט אַרומצוהאָווען, לויפן, און ניט פון אים גופא, פון זיין בויך, געניק, אַנגעמוליעט פון שטייפן קאָלנער ווי ביי אַן אָקס פון כאָמוט, דערבליקט אַ פרישן טאָרט אויפן סערווירטישל, באַלעקט זיך אומגעזעענערהייט.

טאָ ווי האַלט עס איצט מיט אייך?
אַן אויג אויף דער צירלער;
איר זאָלט פאַרזוכן מיין פרויס אַ שטיק געבעקס:
אַן אויג אויפן טאָרט;
איר נוצט שוין ניט אַזויפיל הייסע וואַסער? פיין, פיין. דעם אמת געזאָגט זייט איר די לייטישסטע איינוווינערין ביי מיר אין הויז:
אַן אויג אויף צירלערקע;
וואָס איז דאָ עפּעס שוואַרצלעך?
אַן אויג אויפן סופּיט;
נאָר איר ווייסט דאָך, יענע צאָלן אויך. כאָטש ביליקע מענטשן, אַנומלט...
מ׳באַדאַרף זיי ניט אויפרייסן די מיילער —
פאַרן אַוועקגיין עצהט ער פאַרדרייען די ראַדיאַטאָרס, ניט צו פאַר־טשאַדעט ווערן ביינאַכט.

וועלוועלען ווערט קלאָר: איינמאָל אַ טאָג אויך ניט. דער וועגווייזער צו געזונטקייט וועט מוזן מוחל זיין. אויס באָדן זיך אָפט. איין מאָל אַ טאָג. איין מאָל אין פיר טעג. וואַכן מיט דער באַלעבאָסטע מעדעם צירלעוויטש. מינוטן פון מיסטא אָץ קוטץ פלאָפּטראָפּ. רגעס פון יאושדיקן ספק:
כונכאַ־כאַן האָט געפונען אויף זיין אופן אַ וועג אַרויס... פון... צו... וואָס?

נאָך אַ סאָפּיסט? און וואָס אויב אַ ריינער געליכטיקטער אַפילו? אָט נעפּלט זיך מיסטער פלאָפּטראָפּ אַצקויצעוויטש דער הויזטימער אין די בערעדיקע ווינטן פון וועלוולס צעזייטן מוח. יענער פירט אַוודאי אום, ווען ער קומט צו זיך אַהיים, איבערן זויבערן שניי, זיין קליין טראָפּפלאָפּל, אַ יונג אַצקויצעצל. אַ בריקע אין דער זייט דער פאַרוווּנדיקטער ווירדע פון שניי. נאָך שוואַרצער אָפּגעלאָזענער פאַרלאָרענער ווערט ער.
וועלוול פאַרלייגט די הענט ברוסטמעסיק.

מעדיטירט.

כונכאַ־כאַן... ביסט דאָך ווי פענימאָר קופּערס אינדיאַנער, געהערנדיק צו אַ פאַרשוווּנדענעם שבט וואָס האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט. אַך. ווען זאָלסט כאָטש געווען זיך דערדענקען צו אַ מייז־פאָסטקע וואָלט עמיצנס אַ פּוס, אָן עמערסאָנישער נאָך אפשר, געווען אויסגעטראָטן אַ סטעזשקע צו דיין געצעלט. אַזוי, פאַרגייסטו מיט אַ צעטרענצלטן דיכטערס נעפּל־האפט אומרעזאָנירנדיק ברייען.

כונכאַ־כאַן... אָרעמער גליקלעכער כונכאַ. דיינע ליידן, אומבאַוווּסט. דיינע וויטיקן, ניט אויסגעליזט. דיין הערלאַכקייט, אומבאַגריפן. דיינע תכליתים — די באַלעבאָסטע מיטן פּוילפּלייש קאָרומפּירטן הינטן לאָזט ניט, וועט אַ בליק כאַפּן אין דיין סוד.

איצט, כונכאַ, כ׳וויס איצט, כאַן, ווער דו ביסט.

דו (אַ געלעכטער כ׳לעבן, ווו זענען מיינע אויגן געווען ביז איצט?) ביסט איך.

געלייטערטע היפּאָטעזע. פּאַנטון פאַר מיר פון שטאָל. אַ פאַוועטינע בריק.

וועלוול בלייבט שטיין אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פאַר אַ ווייל און ווי ס׳איז צו דערוואַרטן פון רב יואלס זון („אַלץ איז פון אים צו דערוואַרטן, דעם שלאַק״, זאָגט דעם אַלטן צירלערס פרוי) וועט ער זיך אַ נעם טאָן קלעטערן קלעטערן ווייטער.

אָנמערק: די איינציקע, וואָס ווערן ניט פאַראַפּראַזירט זענען כונכאַ און וועלוול. אַזוי ווי זיי ווערן אידענטי־פיצירט און דורך זיי קומען מיר צו אַ פאַרשטייערישן באַשייד איבערן כאַראַקטער פון די אַרומיקע, די דע־קאָראַטיווע באַלעבאַטים, אַזוי אַז יענע קאָנען פאַר־גרייזט ניט ווערן, וועלן וועלוול און כונכאַ מוזן פאַר־בלייבן וועלוול און כונכאַ.

. . . .

פאַרלאָזן וועלוולען וועלן מיר באַין אופן ניט. ניט מער מירן, אויב ס׳זאָל אונדז געלונגען, זיך אַריבערכאַפּן אין די בעדפאָרד בערג ווו ס׳גע־

פינט זיך אין סאַנאַטאָריע מיסטער צירלער, מרס. צירלערס מאַן. מיר לאָזן זיך צו אים אויף אַן אופן זיכער צו מאַכן דעם בייפאַל פון אונדזער אונ־טערנעמונג, עס זאָל ניט זיין אַ פינפסענטיקער גלאַט אַרויסגעוואָרפן. אויך ניט צו פאַרגעסן: ער איז אַ קראַנקער. דערפאַר, פאָרזיכטיק. מיר וועלן קרעכצן צוריקוועגס. אין זיין אַנוועזנקייט לאָמיר שמייכלען.

ס׳איז, ווי עס הייסט די קאָרעספּאָנדענץ־אונטערריכט פאַר אַנפאַנ־גענדיקע שרייבער אָנהייבן אַ מעשה, פּריער מאָרגן, „בלייכער ווייכער מזרח. ראָז ציט זיך, וואַקסט, שפּרייט, מערט, רויטלט״. מר. צירלער וואָלט שוין געזעסן אויף דער וועראַנדע וואָס קוקט ערגעץ אַרויס, ערגעץ ווייט ווייט. „איידלע פייגלטענער אין זילבער פון לופט. טאָג איז דאָ״. ווי ווייט? מר. צירלער ווייסט ניט ווי ווייט. אפשר אַזוי ווייט ווי זיין צעלעכערטער לונג איז פון אַ היילונג, ווי זיינע צעטרייסלטע נערוון זענען פון אַ שטאָ־לענער ראַמפּע אַרום וועלכער עס וואָלט ניט מער ווי כּדאַי געווען זיי שטייף אַרומוויקלען, זיי זאָלן זיך פעסטער האַלטן.

געפרישטיקט, שוין. ניט געפרישטיקט, דיעטירט. ווייסע אייער אין ווייסן לאַנגהעלדזיקן טעפּעלע אויף אַ ווייסער שאָל, ווייסע חלה אויף אַ ווייסן סערוויר. ווייסער טישטוך. ווייסע ווענט. פענצטערראַמען, שויבן ווייסע —

שניי.

ווייסער שניי.

דאָ, פאַלט מר. צירלערן איין, וואָלט וו. גאָטה געזען שניי. דאָ שפּרייט זיך ווייסער אומשולדיקער שניי אַזויוויט אומגעשטערט.

אַפילו מר. צירלער פילט מיט זיין ווייספאַרוווּנדיקט געמיט:

שניי.

ס׳וואַקסט פון אים —

וואָס פאַראַ ווילער יונג מיט זיינע ביכער, זיינע קעשענעס פיל מיט ביכער אָן בינדן, די הענט מיט ביכער אין בינדן. האַלט אַ גוואַלד פון קעץ, הינט, וועווערקעס. האָט ציטעריק ליב און שעמעוודיק מורא פאַר אַ מויז. דער מילכמאַן גנבעט צו אַ פלאַש מילך — ניט זיין, דעם מילכמאַנס, שולד. אייער שולד, מר. צירלער, מיין שולד, ניט זיינע.

אַפילו ניט אונדזער שולד מר. צירלער. איר פאַרשטייט? (— מיסטער צירלער זעט אים אַרבעטן מעשים מיט די הענט. אַמאָל אין וואָדעוויל

אויף טרימאָנט עווענױ, עפּעס אַן איטאַליענישער שלאַק, פּרי׳ער געשפּילט אויף אַ באַלאַכע־אַ־גאַרמאָניע, דערנאָך געשאָסן אין ציל מיט שוואַרצע רינגען אַרום שוואַרצן מיטלפּינטל אויף אַ ברעט וואָס אַ מיידל מיט גראָבע ליטקעס האָט געהאַלטן אָפּ פון זיך. דערנאָך געמאַכט שוואַרצע סילועטן פון קושן זיך, שלאָגן זיך, האַלדזן זיך און ענלעכס אויפן קינאָליילעך). איר פאַרשטייט? ניט אונדזער שולד אַפּילו. אַז ס׳איז ניט דעם מילכמאָנס, פון דעם איז אָפּגערעדט. ווייל וואָס איז דען מילך? (ווייל: וואָס איז פאַר וועלוולען געװוען אַ זאַווערוכע?) אַ געדאַנק־קאָנסטרוקציע. ווּעמעס איז עס דען? און וואָס הייסט גנבענען, צונעמען (דאָ שווימט אויף פאַר מר. צירלערס אומפּינקטלעכן געדאַנקענגאַנג אַ פאַרגרייזטע ווערסיע פון דער קאַמעראַ אָבסקוראַ... דאָס איבערטריבענע פאַרנעמען און אַרויסטיילן פון די רעטינעס... בילדער פון צייטגאַנג און פּראָגרעס וואָס פאַראורזאַכן ליכט אַרויסצוברענגען שאָטן, שאָטן פאַרוואַנדלענדיק זיך אין ליכט, און דער היפּוך, און דער היפּוך פון היפּוך).

וואָס מיינט איר מר. צירלער? וואָס איז אייך קלאָר און וואָס ניט פאַרשטענדלעך? וואָס רעד איך צו אייך און צוליב וואָס מאַכט עס אייך איינהערן זיך... און אינהאַלט (מר. צירלער האָט געזאָגט „מסתם דאָס וואָס איר רעדט") און אינהאַלט איז: וואָס? זייער גערעכט: זין. און זין: וואָס?

און אָרטשאַרד סטריט, און אטשן, און עפּל, הן געזויערטע,
הן ניט. און טריומאָס, און הויכע צילינדערס, אַ שטאָך אין
פינגער און אייער פרוי ———————

(מר. צירלער זיצט אויף דער וועראַנדע, אָטעמט עטוואָס לייכטער אין פרימאָרגן און פילט ניט אויף אַ רגע זיך קעגנשטעלן דעם)

——————— אייער פרוי?

וואָס איז אייער פרוי, איר, איר־און־אייער־פרוי? הויזאַכן, אייערע מעשטעס, דער טשעק וואָס איר קריגט סוף וואָך פאַר אייער אַרבעט? אייער אַרויסבליקן דורכן פענצטער, אַוועקשניידן אַ שטיק כמאַרע מיט אַ שפּיץ בליק? וואָס איז אייער שלאָף, אייערע ניט געבאָרענע קינדער, אייער זוכן אַ ניי פּלאַץ צו אַרבעטן, אייער זיצן אין וויגשטול, אייער לעזן אין אַ צייטונג אַז אויפן הימל איז אַ יאַריד?

איר זעלבסט, מר. צירלער, וואָס?

מר. צירלער טראַכט איצט.

געהאַט אַ געלעגנהייט אין איינעם פון די אויפדערנאַכטן ווען ער איז געזעסן ביי וועלוולען און יענער האָט גערעדט צו אים איבער אַזעלכע זאַכן, „טיפע ענינים מיט וועלכע אַלע גרויסע קלוגע פאַרשוינען זענען זיך מתעסק״ — דורכגעלאָזט אַ געלעגנהייט אים צו ענטפערן, ניין, ניין, ניט אָפּענטפערן, נאָר אָפּפרעגן:

און איר וועלוול, וואָס איז אייער צווייפלען?

און איר וועלוול, וואָס איז אייער פרעגן?

פאַרזען.

פאַרזען און ניט פאַרזען. דאָך —

ער דערביוועט אַרויס פון בוזימקעשענע אין אויבערמאַנטל אַ גרינעם קאָנווערט, פון דאָרט אַ העלגעלן בויגן פּאַפיר אָנגעפּיקעוועט מיט אותיות, העראָגליפן און אַלערליי שרייבצייכנס, קאַטשקעלעך און גענדזועלעך. צום וויפלטן מאָל האַלט מר. צירלער דעם בריוו אין זיין האַנט און לייענט לייענט. זיין ווייבס בריוו געשריבן פון וועלוולען.

ער פאַרוויקלט דעם פלעד אַרום די פיס. פון ערגעץ לויפט אָן אַ וואַרעמקייט, לאַשטשעט מר. צירלערס אָפּגעצויגן שטאַר געזיכט. די לעד־לעד פון זיינע בלינקענדיקע אויגן הייבן זיך צו אַ געדעכעניש־טאַקט: פון דערינערונג און פאַרלאַנגענגעמיש; לאָזן זיך אַראָפּ ווי גרינער נעפּל אין אַ (ווי דעם) ווינטער פרימאָרגן.

זיין ווייב האָט זיכער דיקטירט:

מיין טייערער מאַן.

וועלוול שרייבט: אַמאַרפּעניס.

באַלד הוילט זיך דאָס דרייוורטערדיקע וואָרט אויס און די טינטיקע סובסטאַנץ פאַרקליידט זיך אין אַ דערנעץ פון אַ מרה־שחורה, קלעפּיק, שטייף, אַנגסטיק:

„דו ביסט מיר גאָרניט. איך דיר גאָרניט. אַמאָל ווען כ׳בין יונג געוועזן האָב איך ליב געהאַט דיין לייב, געהאַלדזט ווערן פון דיר. איצט: איך — אַלט, דו — אַלט. כ׳פּלאָג און מוטשע זיך און האָב ניט קיין באַשיצער. כ׳טו אַרבעט פאַר פרעמדע צו דערנערן זיך ווי־

ס׳איז. דו — אַלט, קראַנק, הלוואי — געשטאָרבן, ווײ און ווינד איז מיר. מײַן בעט — האַלבלײדיק, פאַרלאָזן, פאַרטאַכליעוועט, אין גאַר־נישטיקן ערגעץ אַנטרונען. מײַן האַרץ — הויל. מײַן האַרץ — אַלט. מײַנע נאָכהענגענדיקע בריסט וואָלטן איצט גערן האָבן עמיצן זײַן אָנצעוואַרעמען, מוטיקן, זיי מאַכן פילן אַז זיי זענען ניט פאַרלאָזן. דו האָסט פון זיי אַרויסגעפּרעסט זייער שטײַפקייט, יעדן טראָפּן יונגלעבן פון זיי אויסגעזויגן. ניט מיר ניט דיר מער פּאַראַ פּעולה. איך בין שוין אין די יאָרן און וואָלט דאָך האָבן נוץ פּאַר אַ מאַן. דו ביסט אַלט און קראַנק, פיל איך דיך פּאַר אומנויטיק. זאָלסטו געווען שטאַרבן אין דער יוגנט, וואָלט איך געווען פאַרצערט געוואָרן, פּי־בערדיק דיך אײַנגעראַמט אין מײַן זכרון. דו ביסט אַלט. איך בין אַלט. איך וויל נאָך וואָס כ׳מעג. כ׳מעג נאָך וואָס איך וויל. דו ווילסט ניט און דו טאָרסט ניט. פון מיר דײַן ווײַב וואָס האָפּט...״

פון מיר דײַן ווײַב וואָס האָפּט, פלאָנטערט זיך מר. צירלערן אין קאָפּ. וואָס האָפּט, וואָס האָפּט, שרײַבן זײַנע שטאַרנדיקע אויגן אין די שנייעלעך. די האָפענונג וואָס מר. צירלער פילט עמאַנירנדיק שריפטלעך פון מיסעס צירלער איז אַ שטאַרקע, אַ שווערע, אַ צו געדיכטע, אַזוי אַז עס הייבט אים אָן שווינדלען אין דער ראיה. די וואַרטערין אין ווײַסן, באַמערקנדיק פון ווײַטן ווי ער וואַקלט זיך אין לענשטול, זיצנדיק אויף דער וועראַנדע וואָס קוקט אַרויס צו די ווײַטע פלאַכע שניי־שטרעקעס. לויפט צו, טאַפּט זײַן דופּק, לייגט צו איר קילנדיקע האַנט צו זײַן שטערן, פרעגט וואָס, לויפט אַוועק, ברענגט צוטראָגן אַ גלאָז וואַסער.

אפשר אַרײַנגיין זיך אָפּרוען.

אַ דאַנק אַ דאַנק, שוועסטער.

ניין?

קאָן זײַן ס׳איז גלײַכער. ניין... עפּעס אַזוי אָנגעשטרענגט זיך, בליקנדיק אין דער ווײַט... אָפּ און אויף...

נאָר ניט געקרעגט זיך. איר זייט דאָך כמעט ווי געזונט שוין.

דער וויפלטער בין איך עס היינט ווען איר זאָגט דאָס?

רעדט ניט קיין נאַרישקייטן. פרעגט דעם דאָקטאָר.

איז דער דאָקטאָר אַ באַווייבטער?
וואָס פאַלט אייך איין צו פרעגן?
ווי אַלט זייט איר, שוועסטער?
איך? אָ, וואָס פאַר אַן אומדעליקאַטע פראַגע.
טאַקע? נו, כ׳וועל אַליין פרוּוון טרעפן.
גייט עס... וויפל?
שווער צו זאָגן... כ׳ווייס ניט... כ׳האָב אַ בריוו פון מיין פרוי.
ז׳ קומט אייך זען די טעג? זעט, קוקט אויס ווי אַ העלד. פרויען
האָבן ליב —
(מיט אַ שמייכל).
גייט גייט שוועסטער. כ׳האָב זיך איגגאַנצן דערהאַלט איצט. געניש־טערט עפּעס פרִיער מיט די אויגן... געזוכט דעם נעכטיקן טאָג... (מיט אַ דין געלעכטערל) אין שניי...

אָנמערק: דעם פרימאָרגן איז דעם דאָקטאָרס פרוי אַנטלאָפן מיט אַן אַרכיטעקט קיין סיראַקיוז. די וואַרטערין האָט דעם פאַרלאָזטן אַדמיניסטרירט טרייסט און היילונג אין אַן „אָפּגעזונדערט קעמערל“ פון אַ וועסט הויז־נומער, פערציקסטע גאַסן.

אינמיטן טראָטואַר קלאַפּנדיק פּוס אין פּוס הוידענדיק מיטן גאַנצן אָפּגענוצטן קערפּערל אין אָפּגעניצעוועטן אויבערמאַנטל פון צייט צו צייט וואַרפנדיק זיך ווי אַ חולה נופל: אַן עלטער אָפּגעטראָגן מענטשל. איין האַנט ווי אַ פּאַרוואָרלאָזטע ווערעטענע אין קעשענע; אין דער צווייטער: אַן הילצערן ברעטל אויף וועלכן ס׳טאַנצן דזשיגענדיק צו צוויי ניגערלעך אויף יעדן ברעטל. פון זיינע אויף וויאָלעט פּאַרבלויטע ליפּן רייסט דער פוילער שנייאיקער ווינט אין געמאָסטענע ווײלעס אַוועק:

איר קאָנט מיר ניט זאָגן אַז אייער קינד נויטיקט זיך ניט אין דעם!

ווער ט׳זיך עס אַוועקשטעלן אַרגומענטירן? פאַלט וועלוולען איין: פאַרבייגייענדיק. אין דעם ווירקט אויך מסתם דער דרוק פון געזעלשאַפטלעכער מיינונג, נאָך גוט וואָס ניט אַזוי געדיכט ווי דער דרוק פון דער אַטמאָספער, אַלנפאַלס ניט זעכצנפונטיק צום קוואַדראַט צאָל. לכן. און אויב איר ווילט איז עס ווי מיטן אמת: זאָלן די צאַצקעס ניט זיין וואָלטן מיר געהאַט די אַרבעט זיי אויסטראַכטן. אַ שוך האָט זיך אים צעשנערעוועט אָבער דאָס ניט דאָ גערדאַכט שמעקט שוין מיט גלאַניזם. „איך צעלעכצטער צעבראָכענער רוים אויפן ראַנד פון פאַלן קוק צו ווי די באַרבאַרן שטופּן זיך פאָרויס”. דאָס איז גלאַט אַ געמיינער בליק, אַטיטוד פון אינדיווידן. אונטער וויפל נעמען גייען צעגנטויזנט. ערב רב. בבלס טורעם. וואָס לאָזט יענער ניט אַראָפּ קיין אויג פון אים, עפּעס נאָר וואָס זיך באַרייכערט מיט אַ שמאָכטע ווולוואָזרט. די באַרימטע אַמעריקאַנער פּראָפּאָרץ פון וואַקסן. פינפּסענט. פינפדאָלער. פינפמיליאָן. געלט און גאָרנס און מענטשן. „און אַליין שרייב איך מיר צופרידן לידער... דאָרט ערגעץ זאָגט מען גייט אָן אַ ביטערע שלאַכט”. ניט מענטשלעך ווילד אַזיאַטיש קאָנטראַ אַלע ציוויליזאַציעס און „קולטור ענינים, שולוועזן, ליטעראַטור און קריטיק”. די גאַנצע וועלט ווי אַ זשורנאַל אַזאַ. אַזאַ. שוין? אַ נייער אומגליקצופאַל. אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די רעדער. דער שאָפער וויל אַליין ניט אַנטלויפן אָדער פּאַסט עס ניט? איצט? ווי מיט יענעם בער און יעגער?

אין האַנט אַ שטאָק מיט אַ ביינערנער סקופּקע שטירצט דעם שניי־איקן ווינט און שנעלער ווי אַ טויטראָפּן אין יוני ווען דער טוי איז אַמגע־דיכטסטן נידערן פּאַסמעס געפּרוירענע לופט הינטער די קלעפּ פון שטאָק. אין לאָנדאָן קער מען איצט ניט קאָנען קווערן די גאַס. פּאַרפּאַפּט די לופט. יעקסטרא־א־א־א, אַ נייער מאָרד, אַ פּיפּערנאָטער קעפּט אַ לעמזיק אָבער סטענפאָרד ווהייט גוידערט זיך אין יעדן ווינקל פון דער געביידע, סאַראַ פּאַרנעם, סאַרנע ליניעס און יענער דענקט ער האָט אים געעקט. טאָקע משוגע. ווּעמעס אַרכיטעקטור די סטראַשידלע? אויף אַ גאָטישן הימלקראַצער אַ צלם פון בליצקאָליר. אַ מאַנעקען אין אַ שויפענצטער טראָגט בנעימותדיק ווי דער גרעסטער געפּיל־אומבאַזעסענער לעביונג אַ פּאַראַדנעם אָנצוג. געביידע ווי אַ פּרימיטיווער ריזיקער איראַנאָפּגאָט. פענצטער לאַנגעשמאָלע. טירן הויכעברייטע. צונויפגעגאָסענע סילועטן אין זון צעשניטן שניט־שניט אויף צווייען. שטיק הימל ווי שטאָט דעלאַווער אויף דער מאַפּע אין געאָגראַפישן טעקסטבוך. פּערציקיעריק בחורל אין פּערצנ־יעריקע וואָנסעלעך: פון טעלעגראַפּסטאַנציע. די קלאַפּנדיקע מאַשינקע מאַכט אָפּטמאָל טעותים אין עטימאָלאָגישער אָרפאָגראַפיע. דער טעלעג־ראַפיסט שטאַמלט, קייט די ווערטער, צעבּרעכט זיך די ציין אויף אוראַלטע קאָנסאָנאַנטן. אָפּזאָגן די נייס ס׳דרייט זיך אויף שלענגלדיקע דראָטן ביז ס׳דערגרייכט אים: ווייך, געפּאַלן; רויבאָוול, אויסגעפּראָרן אויף די דינדיק־לעכע שטאַמשטעקענעס; „מידוויל סטאַק" אַ הייב זיך געגעבן.

צייט———— שטאָט————

מ. מ.

אומדערשעפּלעכער קוילנגרוב

נ. נ.

(קאָסמאָנאָמיעס לעבן־אויף אין טריידמאַרקן. עקסטראַוואַגאַנטע שילדן, פּיל־קאָלירנדיקע טראַמווייען סטענגעס וויקלען זיך. אַ פערד באַוועגט זיך בויג־זאַם און געאָמעטריש, מאַשינעריע דעריאָגט אים, לויפט אים אַריבער, קוויטשענדיקע מאַלפּעס האַלטן זיך איינע אין צווייטנס עק, לאָקאָמאָטיוון שפּרינגען, דאַמפּשיפּן דרייען מיט די העלדזער אויפן וואַסער)

אָפּזאָגן און: שוין.

אַלעמאָדעקליידלעך טראַגנדיקע, אין קראַוואַט פון לעצטן פאַסאָן פאַר־קניפּטע, פאַרבייגעלאָפּן: דורכן איר דורכגעזייט. דורכגעפלויגן: אַ רגע־פויגל־פויזע.

לאָמיר אַלע איניינעם גיין אַרבעטן אין שאָפּ דאָן וועלן מיר אַלע איניינעם עפּעס רויכוואַרג קלייטן לאָמיר אַלע איניינעם זיך אַ נעם טאָן אויפבויען ג׳ויאַרק לאָמיר אַלע איניינעם חתונה האָבן אַלע איניי־נעם האָבן אַ סך קינדער דאָן וועמיר אַלע איניינעם גיין אַרבעטן אין שאָפּ דאָן לאָמיר אַלע איניינעם ווערן דאָקטוירים אַלע איניינעם צעשאָטן ווערן אין באַזונדערע ווינקעלעך בויען אונטערערד אויבערערד באַנען אַלע איניינעם עפּעס שדכנים מוהל באַערדיקונג ביוראָס. לאָמיר אַלע איניי־נעם פאַרגעסן אין דער וועלט מיט איר פּראַקטישקייט און הייבן דעם שטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור. לאָמיר אַלע איניינעם ווערן באַ־ווּסטזיניקע פּראָלעטוויהייסטעס, בתיידן ציוניסטן און קאָסמאָפּאָליטן. מרס. צירלער האָט זיך ביז איצט שוין אַוודאי געקערט אָפּפאָרען מיט דער אַרבעט און אַוועק צום ציינדאָקטער. די לעצטע דריי פעניעס לאָזן זי ביינאַכט קיין אויג ניט צוטאָן. דר. שטיין וועט זיך מיט איר באַגיין ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אַ לעבעדיקע אַלמנה. ווען ניט די פּלימעניטשקע, אַ באַרג ערד שוין אויף איר. ניט גוט א׳ דע׳ וועלט. דערהויפּט די שרעק פאַרן מאָרגן. אַ קאָמפּליצירטע זאַך, וואָס איז דער וויסטיקער פאַרכטלע־כער מאָרגן? אַ געגעראַליזאַציע פון וועלכער ס׳איז ניט אויפצוכאַפּן די באַזונדערע נאָטן ווייל זיי זענען באַשפּונען מיט אומבאַקאַנטע דעטאַלן. היינט לעבט די גאַנצע וועלט אַ קאָמפּאַקט צוזאַמענדיק לעבן בעת דער קינגפּטיקער מעת־לעת גרויט זיך פאַר יעדן יחיד מיט אַ גרויזאַמער עלנטקייט. אַ נאָג אונטערן לעפּעלע. עפּעס אַ בייס טאָן. אין ׳מאַט איז ס׳ביליקסטע. אַ שיסעלע זופּ און אַ טעפּעלע פּישעכץ. עסן דאַרף האָבן אַטמאָספער. אויף צו פאַרדיין. גיין אין קאַפע? פאַרדאַמט. אָבער אפשר? גלייכער וואָס שפּעטער. אפשר קאָנען אינגאַנצן פאַרמיידן.

אין איטאַליענישן רעסטאָראַן קאָן מען קריגן אַ גוט ביסל וויין. און שפּאָט ביליק. ווי זיי לעבן זיך איין. דאָ איטאַליענער דאָ כינעזער. דאָ רייסט מען די פּאָלעס מיט אַ זעלטן שטיקל סחורה, אַ מציאה פון אַ גאַר־ניטער, אַן אויבערמאַנטל. פּאַרפעסטיקט זיך אין אַמעריקע. דער ערשטער דור דאַרף אַרבעטן שווער און ביטער אויף אַ לעבן, דער צווייטער דע־

ראָבערט זיך צו זאַטער בירגערלעכקייט און פּוסטונפּאַסעווען, דער דריטער באַזיצט קולטור און שאַפט קונסט. ווי גיך מיר גייען. סייווי העלפט ניט. געשיכטע אַליין טוט די אַרבעט פאַר אונדז. ניט מיר קאָנען זיך איינשפּאָרן צייט, ניט מיר קאָנען זי צוריקהאַלטן פון טאָן איר גורל־שליחות — מעסיאַנישע פונקציע. מיטן קאָפּ אַראָפּ. ׳טשולדיקט, האָט איר אַ שוועלבעלע? צום ברענען און פלי׳ען? אַ דאַנק! וואָס פאַראַ קאַלטער פרימאָרגן. איך בין אַ רעפּובליקאַנער לויט געבורט. מיין טאַטע און עלטער־עלטער נאָך. יאָ, איז הייסט עס אַ דאַנק. מאָדנע מענטש, אים הייבט זיך אַפילו ניט אָן דאַכטן אַז מען קאָן זיך לחלוטין ניט אינטערעסירן מיט די וואַלן. אָה אַמעריקע, ווו זשע איז דיין טאַלאַן, דער גורל דיינער?

А тут еще беда: что год то в каждый дом
Сестрицы-барышни подкинут по ребенку.
Убытку барышням, известно дело, нет,
Да сударь, мужичкам какое разоренье!

נעקראַסאָוו, בירגערפּאָעט. אַמאָל איז דאָס לגנאי. דאָ ספּעציעל. אין זיינע צייטן כמעט דער איינציקער. פאַרשטייט זיך די פּאָעזיע ווי פּאָעזיע, ניט אייאייאיי. שוין לאַנג ניט געהאַט קיין בריוול פון דער היים. יענער שמענדריק. גיב אים אַ דאָסטאָיעווסקי אין אַמעריקע. ניט אַנדערש. סטייטש, רוסלאַנד פאַרמאָגט ניט קיין מעלוויל? שייך מאָנען ביי רוסלאַנד האָמאָגען אַמעריקאַניש? הייסיכוווע? מעלווילשמעלוויל אַז קיינער האָט פון אים ניט געהערט, די וועלט קען אים ניט, טאָ וואָס פאַראַ מאַכער איז ער, ווי אַ קאָנקורענט מיט דאָסטאָיעווסקין? — — ניט קיין קאָנקורענט, ליטעראַטור דאַרף כלל ניט קאָנקורירן, כ׳זאָג עס קעגן דעם וואָס איר מאָנט ביי אַמעריקע פּ. אָ. ב. אַ דאָסטאָיעווסקי. פאַרוואָס האָט לייזל זיך געמוזט אַרויפוואַרפן מיט זידלווערטער מיט אידיאָט אויף אים? ער, גראָד, ווייסט ווער מעלווילשמעלוויל איז. אָבער זיינע דערציילונגען העלפן דעם ווייסן גאָרניט אַרויס. שאַ, וואָס קומט דאָ פאָר? פאַרוואָס האָבן זיי זיך צעשלאָגן? איינער רופט דעם צווייטן „באָם״ און ביידע איינגעשפּאַרטע אָנטרייבער פון געלאָדענע וואָגנס וועט שוין דער אָרדענונג־אויפפּאַסער טעכערן אין פּאָליס־אוהל. דער עולם אַרום צעגייט זיך פון קורצן בלוטלאָזן סקאַנדאַלטשיק, אַנטוישט. דער בעקער צוריק צום גליאויוון, דער קלייט־

ציק צו זיין גראָשנדיק לייזן, די יונגע בחורים, די ווייבלעך מיט די פּאַר־שמירטע קינדער צו זייער „סטופּ״, דער ייִד מיטן קירהשן קאַפּעלוש צו זיינע געזייערטע פּאטלאזשאַנעס. אַ נייע עקסטראַ, ניט כדאַי זיך צוהערן וועגן וואָס. אַ קשיה וואָס? אַ שוואַרצער שורה־„קאָפּ״ מיט נודנע אותיות פון וועלכן ס׳שווינדלט אין די אויגן. עמיצער אַריבערגעפלויגן דעם ים, אַ גרויסער געלטזאַק געשטאַרבן, אַ שאַדענערזאַץ מאַנען. געשעעניש אויף פּאַסירונג און צווישן אַן אָקאַזיע. אינטערעס קאָן סטייען אויף אויסוועפּן אַ לעבנענערגישע פּאַרקאַכטקייט. אינטערעס נול. נאַכאַמאָל מלחמה. ווידער שלום. לאָמיר אַלע איניינעם לעבן לאָמיר אַלע איניינעם שטאַרבן. סיניט קאַ סוף ניט קאַנאָנייב, אַן אינמיטנדיקע זאַך ס׳ציט זיך ווי ראַכאַטלאַקום, ווי געדיכטע סמאַלע, ווי קייגומי.

דזשעני זאָג דעם פּאַפּאַ!

קויפט אַ!

קאָלעקטיר פּאַרן!

דערלאַנג אים!

כ׳ל דיך ניט טשעפּען!

סאַראַ נודנע מציאה טאָג איין טאָג אויס דאָסזעלבע. וווּנדער וווּנדער איבער וווּנדער דער קלענסטער קנייטש און ווי פּראַכטפול די ענדערונג ווי מענטשן דערעסט ניט דאָס קלויצן מאָזלען און פּאָקן פּאַרשוואַרצט ווערן ווינען אין רייכע פּאַלאַצן און האַלטן אין איין אַרומפּאָרן איבער דער איינאונזעלבער וועלט. ווי אַנדערש די גאַמע פון געפילן אין יעדן איבער־לעב. די ערגסטע זאַך איז טעמפּער געדולד אַן דעם קיצלדיקן צושמעלץ פון יעדן פּאַסיר אויף די חושים. געמעגט שווערן אַז דער ראָג איז גאָר אַ נייער קיינמאָל ניט קיין פּאַרבייגעגאַנגענער. זאַמלען דעם כאַאָס אין די ביינער, צונויטן אים צו אָרדענונג, פּרעסן און גלעטן, זעגן און טעסן, שניצן און פיילן. דראַנג איז מוט. טרעט פון פוס. שטאַלץ פון פוסגעשטעל. גלעט מיט האַנט. גרויל איבערן לייב פון טאָפּ־מתיקות. דאָס אויג, דער אָדלער? אַלץ שמעלצט זיך אין אַפּל עפּל זענאָפּל מויערן מענטשן פּאַראַד געלויף! שותף מיט אויער אויר־וועלן קלאַנג לאַנג באַנג. דער גומען. פון פּרעס פּאַסט זיך ניט צו מאַכן אַ ווענז. סיידן פּאַר די הייליקע דריי וואָס בענטשן מזומן. לאָמיר אַלע איניינעם נאַפּשיקלאַד לעבן. יעדער פרימאָרגן איז אַ לויבגעזאַנג דעם גאָט וואָס האָט דעם וויפל אומצאָליקן מאָרגן צוגעשיקט

אָן נאָכנאַם. יעדע מינוט איז אַ פאַרדאַמטער דערלענגער פון טייוולשן פאַר־מעסט אויף דער וועלטס לאַנגווייל פון די „יונגע“ און יונגערע „יונגע“. ממש. אונטערן לעפּעלע. ווידער און ווידעראַמאָל. נו דאָס איז שוין גאָרניט לאַנגווייליק! ראָז גייען אויף פיין געהאַקטע לעבערלעך מיט ציבעלעס, ניט קיין קעלבערנע, הינערשע. לונגעלעך צוגעדעמפּטע (אָט אַן אַזיאַט!) הייבן אויף אַ רגע ניט אָן ווערן לאַנגווייליק! אַ יויך, אַ יאַכל, ווונדערלעך דורכ־זיכטיקע פליסיקייט ווי קרישטאָל מיט גרינצייג דין צעקאָכט ווי אָדערלעך קונסטפול אַריינגעוועבטע אין דער פאָרצעלייענער רונדער סאַזשעלקע, איטלעך גרייפל אַ געלבלעך קאָמפּאַקטער טראָפּן אַרויסטרעטנדיק ווי באַ־צירנדיק שערענגעווייז אַ קאַפּוירניק רונד הימלכל און רונדיקע מאַנדל צעשאָטן ווי „דער גרויסער בער“ און „דער קליינער בערעלע“. און ערשט (אָט אַן אַזיאַט!) ס׳צאַרטע הינדל מיטן פּאַלבולע, אַ פּופּיק דערנעבן ווי אַ שומר, די שטילע אומשרייערישע קאָמבינאַציע פון געלברוינגרוי. און ערשט (דו ווילדער אַזיאַט!) די פּרוכט אָטעם פאַרכאַפּנדיקער אַסאָר־טימענט פון רייפּגעלע פייגן, געדיכט־ברוינע פלוימען; און די קאַווע און דער טאָרט, איצט ווי אַ צוגעזאָגטער הימלשבאַטעמטער נאָכשמעלץ. —

— — אַוועק מיאוס אָנשיקעניש! זיצט און רייסט שטיקער פון דינע ברויט־פּענעך, כליאָפּטשעט די קלעפּיקע הישקע און יעדער קיי און שלונג עכאָט אָפּ מיט נודנעם שווערגעמיטיקן טאָפּטשען ווי אין אַ קאַליאַבאַכע און יע־דער סמאָק מיט די ליפּן ברענגט עפּעס אויף פון די באַהעלטענישן אין דער שטאָפּקישקע און דאָס דרענגט צום האַלדז, פאַרפּלייצט דעם גומען מיט אַ קאַלאַמוטנעקייט וואָס פאַרפּלייצט דעם מאַרך מיט חלשותדיקער האַלבפאַרגעסנקייט. פאַרביי די סענסאַציע. ווייטער דאָ. דאָס וויטאַלסטע, לעכערלעכסטע, הייליקסטע, פּראָפּאַנסטע. דער אַקט ווו גאָט איז אַמאָנ־וועזנדסטן. פאַראורזאַכער פון אומריינסטן אָפּוואָרף פון מענטשלעכן לייב בשותפות מיט דעם בל׳ענדיקן אָנהאַלט פון גייסט און גוף.

דער עפּיזאָד (מיט וואַריאַציעס) פון „ג“, „מ“, „ן“, „פ“, „ר“ און די דריי „אלפן“.

קונסט איז, ווי זאָגט מען עס, ספּאָנטאַן. איר פאַרשטייט, עס וואַקסט פון זיך אַליין. וואָס טויג מיר דאָרט די קונצן!

וואָס טעלעבענדעט ער דאָרט? ספּאָנטאַן, שמאָנטאַן. פריִער פּאַר אַלע־מען גלויב איך אַז מע דאַרף האָבן וואָס צו זאָגן. אַבי מע האָט דאָס געבענטשטע שטיקל טאַלענטל וועט שוין הקב״ה העלפן ווי אַזוי עס אויס־צודריקן.

גיי איך עס אָנשרייבן אַ זאַעאַך! כ׳האָב איבערגעלעזן טענען מיט בראַנדעסן. דאָס הייסט קריטיקער! ניט ווי אונדזערע!

שרייבן דאַרף מען קעלן. כ׳האָב געהאַט אַ מלמד יינגלווייז. ניט געקאָנט אַרויסזאָגן קיין נון, כאָטש האַק אים און בראַק אים. אַ יאַדעשלי־ווע, אַ קיליוואַטש און אַ מערידנדיקער. כאַכאַכאַכאַכאַ! כיכיכיכיכיאַכאַ־כאַכעכעכעכע! נונונונונונו! יענער פּלעגט זאָגן „קעלן״ אָנשטאָט „קענען״. טאָ זאָג איך: מע באַדאַרף קעלן! שרייבן דאַרף מען קעלן. אַז מען קעל, האָט שוין די בת־מלכה, די יפיפה, די מוזע, קיין שום אויסרייד ניט אַרומ־שוואָנדיעווען טאָג ווי נאַכט מיט פּרעמדע יונגעלייטלעך און דיר אונטער־טראָגן אַ פּייג אונטערן דעכל. פון טעאָריעס, זאָגט ער, איז אַזוי און אַזוי. ממה־נפשך!

דאָס איז דאָך גראַמאָפּאָניע פון ערגסטן מין!

איך ווייס ניט פון קיין טעאָריעס, נאָר אָט האָב איך איבערגעלייענט אייערע לעצטע פּאָר לידער, אַזאַ יאָר אויף מיר! פיין! שיין! און גרויס! ווי משה ליב קען!

ליד אַהין, ליד אַהער! כ׳האָב נעכטן געזען זיין מיידל.

וועמעס?

אָ, זיינע! באַי, באַי! אַ בוזעם! און אַ הינטן! גאַנץ צפת שטעקט דאָרט אין איר!

טאַקע! לאָמיר הערן!

איר פּאַרשטייט? קונסט איז דאָך — לעבן! אָט אַזויאָ פּאַרפּיינערט.

מע זאָגט אַז דאָס באָלשעוויסטישע געזינדל וועט זיך אויפלייזן איינס־צוויי.

סי אָרייט! סעט זיך שוין אויספּרעסן, ווי יצחק אייזיק, סלעכטיקע גן־עדן אים, פּלעגט —

דער הר־הצופים? סוווּנדערט מיך אויף אייך! איר ווייסט דאָך אַז דער הזתים איז זידלעכער, און די פּאָזיציע איז דאָך מער —

דער איז דאָך אַ גראַפאָמאַן!

ער זעט אויס ווי אַן אונדזער׳יקער רב ישראל בעש״ט, ניט דער מעזשבישער.

אָבער יענער איז דאָך געווען אַ באַווייבטער?

נו, איז ווי יענער האָט געגלויבט אין אחד, גלויבט ער אין איינס מיט אַ נול.

גיבעניזאַטריע צען.

שאַט, אַט גייט ער דאָך, קאָלעגע „וויטער!״ אַ קאַפּיי, מיט כוויס־וואָס־דאָרטן, אַ צימרינג קיכל, אָבער אַ פּריש, ניט קיין אַלטגעבאַקנס.

דאָ וואָלט מיין גאָדל געמאַכט גאָלדענע געשעפטן. די יאַרמעלקע זיי־בע האָב איך געקאָנט נאָך פון יינגלוויז. זי איז געווען אַזוי פאַרשמאַלצע־ווערט אַז מען פלעגט ביי אונדז אין שטעטל זאָגן אַז די גאָדעלעכע פּריעט זי אויס אויף שמאַלץ פאַר פּסחדיקע קוגעלעך.

אי דער גלות, דער וויסטיקער! דאָרטן שמייסט מען אויף וואָס די וועלט שטייט! מע ראַבעוועט יידיש גוטס, מע מאַכט אַ תל פון יידישע בערד און יידישע טעכטער, און מיר זיצן דאָ און פלפולן זיך, אַ נייע צרה! פּלוג־תות! אַלטע און נייע!

כהאָב אַרויסגעריסן אַ פּאָר דאָלאַר פון ״z״ ווי פון די ציין!

וואָס נאָך כבעט איך האָמיר חוץ די ....

אי אַ .... אַ .... איר רופט עס אַ ליטעראַרישער זשורנאַל? אַ לי־טעראַריש ווערק איז דאָך דאָרט ממש אַ ממזר ביי זיי!

ווער זאָגט עס? אהא, אַן אינזיכניק? ווּע? אין די האָריקע קוטשערן פון מיין באָבעס רויטער קו —

קע׳מען געפינען אַ סך רויטע חיהלעך, אַז וויי איז דיר!

מיט קיין גראַפאָמאַן וויל איך ניט דעבאַטירן!

יאָ, זיכער בין איך דאָרט געווען. דר. וויצמאַן האָט געזאָגט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער, געלאַסן, ווי ספּאַסט אַ כעמיקער —

יאָ, איר וויסטיק, ס׳יידישע פאָלק —

זעט איר, ביי זיי איז מען שוין מער אויפריכטיק. קאָנראַד זאָגט אין זיין „פּרינץ ראָמאַן״ אויף זיינע פּליאַקעס אַז זיי לעבן ניט אַזויפיל ווי זיי עקזיסטירן. דאָס איז אַ גרויסע נפקא־מינה!

מיר עקזיסטירן ניט! מיר לעבן בפּועל־ממש!

אייערע אינסוועגואַציעס זענען פון אַ שונא־ישראל!

אונדזערע פירער, שטיינסגעזאָגט! מיין זיידע ע״ה פלעגט זאָגן צוריק מיט יאָרן, ווען סהאָט זיך טאַראַראַמט מיט הערצלען, אַ ייִד פון מרחקים, אַזש פון ווין, דעם קורעוויניק פראַנץ יויזילס אַן אייגענער לייבדאָקטער, פלעגט ער זאָגן, איך געדענק עס ווי היינט: אַ ייִד גלויבט ניט אין אַזאַל־כענע זאַכענישן — דאָס איז אַ גויישער פירוש אויף ולירושלים עירך ברחמים תשוב — אַ ייִד, וויל ער מסתמא כבוד — אַ גוי, אַז ער זאָגט ניין איז ניין — ער איז דאָך חם־שטינק, גייט עס ביי אים אָן חכמות — אַ ייִד, אָבער, אַז ער זאָגט יאָ, מיינט עס יאָ און ניין, און אַמאָל טאַקע אינגאַנצן ניין — און אויב יאָ, איז וואָס יאָ? — אַן ערל איז אַ קורעלאַפּניק — אַ ייִד, אַז ער שפּרייט פאַנאַנדער די האַנט, וויל ער כאַפּן, אין איין כהרף־עין די און יענע וועלט —

אָבער קונסט איז דאָך ממלא־מקום דאָס שלומפּערדיקע לעבן, שטיינס־געזאָגט —

הייבט ציך אָן אַ מעשה!

יאָ, אָבער מיר האָבן זיך מיט אונדזערן חלילה ניט וואָס צו שעמען פאַר די ערלים. קלוגער פון זיי זענען מיר, אין דעם ספק זיי זיך אַליין ניט. נעמט, אַ שטייגער, דעם המן בעלאק —

זע נאָר זע! אַ גאַנצער ווייסער! שוין געכאַפּט די שפּראַך?

קינדער, איז דאָס אַ גראַפאָמאַן!

איך האָב פאַר די לעצטע טעלעכע וואָכן ניט געמאַכט קיין פענגימ־נאַסטיק. אפשר איז עס שוין ביי מיר איינגעטריקנט געוואָרן!

צופיל געניצט עס, ווייזט אויס, אָבער עס וועט אַ רין טאָן נאָכאַמאָל, כפאַרזיכער דיך!

און דאָס גראָסע ווערקע וועט אי״ה זיין אָנגעשריבן, און די מלאָכים וועלן זיך עס אַ פריי טאָן אַרום דער פמליה של מעלה, און אַ לאָז טאָן זיך אין אַ ריקודל!

טיעטיעטיע! מיינסט טאַקע אַז עמעצן ווערט קאַלט אָדער וואַרעם פון אונדזער שרייבן? ווער דאַרף עס, צום טייוול, דער פאַרשיווער קלייטניק? צי דער אָרעמער אָרנטלעכער אַרבעטאָרער?

וואָס מיינסטו שטעקט דען אין אים? לייכטער וויץ, אַמוזאַנטער צי־ביזם, און אַ ביסל פערזענלעכער חן.

מניע, זיי דאַרפן אַפּאַרטמענטס, מיט בייבי־קערידזשעס, מיט אַטאָמאַ־בילטשיקלעך —

וואָס איז דאָס דער מער מיט דיר, רייד ייִדיש! די ריינקייט פון שפּראַך און אַזוי ווייטער, ככתוב!

קאָלעגע „ווייטער", אַ גלאָז וואַסער, פּליז, סטריקנט דער גומען —

זייזשע אַ מענטש, אַ גלאָז טיי נעם!

אוי די גראַפּאָמאַניע!

אין דעם, ווילסטו מיר איינרעדן, שטעקט די גאולה? נונו! ווו, ביי אָרעמע יאָלדן וואָס קאָנען, אַ דאַנק גאָט, אַמעריקע און די גאַנצע וועלט פון זייערע קליינינקע לעכלעך אַרויסזען?

כבעט איייך, נאָר ניט אַזאַ וואָלוול באַצי:ען זיך! מיר זענען ב"ה לייטן גלייך, וואָס זעט איר ביי די אומות העולם? אָט האָב איך נעכטן איבער־געלייענט אַ זייעריקן, עפּעס אַ מעשה פון איינעם ברעט האַרט —

אַן אונדזעריקער! און פון יענער וועלט. זאָל ער דיך קומען וואַרגן!

און דו ווילסט דווקא פון די נייע? אַנאַ אַכמאַטאָוואַ איז ביים גאַנג?

סי דאָך די אַריסטאָקראַטישע קונסט! און אַ פּרייהייטניק שעמט זיך גאָרניט —

סי אָלרייט, באַי, מיר דיקטירט מען ניט! איך האָב אָפענע אויגן! טאָ וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן!

איז דער ברעט האַרט, כמיין די אַנאַ אַכמאַטאָוואַ... אַ גלאָז טיי, צי אפשר גאָר נעמען קאַווע, האַ? און אַ פּעקל מעלאַקרינאַ... כהאָ נאָר געוואָלט באַווייזן אַז זיי האָבן זיך ניט מיט וואָס איבערצונעמען קעגן אונדז!

גוט! מיך האָסטו איבערצייגט. אָבער מיט אים־אָ וואָס טוט מען?

מיט אַ גראַפּאָמאַן דאַרף מען זיך אויך פּאַטשקען?

מיר זענען, דאַנקען גאָט, ניט קיין ערגערע קאַליקעס פון זיי!

ניין, חלילה, מיר זענען בעסערע, דאָס טענה איך דאָך!

אַ שפּיל פון וואָרט? אהא, מיר וועלן עס צעקייען, און זען וואָס שטעקט דערין!

חוץ לזה, באַפּיפּט אונדזער שלמה, מיט זיינע טויזנט נשים, אַלע זייערע! ישקנו מנשיקת פּי.

וואָס, שלמה המלך? לאָמיך זשע אייך קלאָר מאַכן אַז ער האָט נעבעך

געלאַטכנט פון די מצריים. דאָס איז דער לעצט אויסגעגראָבענער פלאַגיאַט רעקאָרד. סהייסט, ניט שיר השירים נאָר משלי.

אַזוי? מזל טוב אייך! מילא, דאָס אינטערעסירט מיך ניט!

שיקט מיר צו אייער ביכל לידער. איך פאַרשטיי אַפילו, מערסטן, ניט וואָס איר דברט, אָבער, יידיש, כווייס? דאַרף מען דאָך פאַטראָניזירן די יידישע קינסטע!

ווי געפעלט דיר אַזאַ טיטל: די העזה פון דער אָזע?

פאַרן קונדס צי פאַרן פאָרווערטס?

ער האָט זיך שוין ווידער אָוועקגעשטעלט אויפן קאָפּ, און די פיס טעלעבעבענדען זיך אין דער לופטן! אַ קאָזשעלקע געמאַכט!

יענער איז דאָך אַ בלאַזן! כמיין... און כווייס... און זיכער... און בניה־ביה, רייבט ער זיך אין די הויזנקעשענעס!

אָט דאָס איז דער אמתער גראַפאָמאַן!

רבון דעלמה כלאָ! וואָס טוט זיך דאָ: אַ קאָנגרעס פון יידישע ליטעראַטן?

לגבי דעם יידישן קאָנגרעס וואָס איר האָט אַנומלט באַגראָבן אין צייטונג. אָבער דאָס אַרטיקל אין שבתדיקן נומער וועט אייך ניט פאַר־שוויגן ווערן! וואָס הייסט איר קומט אַרויס פאַר העברעיש?

וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיין? כקען אי יידיש, אי העברעיש. אַרט מיך ניט אַז בײדע! דאָ אין לאַנד וויל איך נאָך די פריווילעגיע פון ענג־ליש אויך!

רעדט אייך אינגאַליש געזונטערהייט!

סעי, דאָקטער, סטייטש, באַציונג? האַ?

באַציונג? איר רעדט פון באַציונג? ביי אייך אין זשורנאַל איז דאָ באַ־ציונג?

אָבער צעציונג האָט ער? נו אַבי עפּעס פון דעם מין!

איר זייט דאָך אַ לעמעשקע! צו אייך רעדט מען ניט! אייך פרעגט מען ניט!

איר זייט אַליין אַ לעמעשקע! אין איין נומער אַ לעמעשקע, אין צווייטן אַ שייגעץ! האָסטו געהערט? באַציונג!!

סי אַרייט! כעל אים שוין זיין רעכט טאָן אין קומענדיקן נומער!

סעי, נאָר ניט קיין פּערזענלעכע חשבונות! וואָס ביסטו, אַ בלעקמייל־

לינג ביוראָ, צי אַ זשורנאַל פאַר קונסט און ליטעראַטור און סאָציאַלפּאָלי־
טישעקאָנאָמישהיסטאָרישפּילאָזאָפּישע פּראָגרעייאַכצער?
זיין גראַפאָמאַניע איז אין לשער!
איך אייל זיך! האָסט אפשר געזען מינצן? כוויל —
גייסטו שוין טאַקע אַוועק? זיך נאָך אַביסל, זיץ. סציט דיך צו דער
ידענע? טנאַדיר אַ קרעקער און זיץ! וואָס הערט זיך מכוח אָ־דעם־אָ, מכוח
אַכצן און דרייצן?
קו, מעקעט, ציגעלע, בלעקעט, ער, גייט אַוועקעט.
נו, אַשטייגער, וואָס פעלט אים אָפּ? אַ ווייב האָט ער, אַ געשעפט
דרייט זיך, איינס אָט שטייט ער, צוויי אָט גייט ער —
נונו! גיכער ווי אַ וויכער! ביסטעך אַ רעגעלע אַנטיסעמיט־באַנדיט־
סאָציאַליסט!
איך ווייס ניט וואָס, אָבער ווען די אַלע משוגעתן ווערן אַוועקגע־
שטעלט אויף פּאַפּיר, איז עס גאָלד מיט האַלבע פּריאַלן!
גייט שוין גייט, נאַדיר גאָלד מיט פּריאַלן מיט בריליאַנטן! הע? סי
נודנע! אָט וואָס, נודנע! סי ניט משוגע! פּראָסט און פשוט גאָרניט!
אַ שטיקעלע הערינג ווער גיט? אַ שטיקעלע ברויט? באַנדיטן —
אָט אַ גראַפאָמאַן!
מיר געפעלט: סי דאָ ביי ייִדן איין גרויסער דיכטער —
יהואשרייזן יהואשרייזן — שאַט, ווער: יהואשרייזן?
נאָר זאָגן וויל איך ניט!
ניט, איז ניט!
אָט, נאַט אייך, לייענט!
איז טאַקע אַ מוז צו לייענען יעדע פּאַסקודסטווע וואָס ווערט גע־
דרוקט?
חלילה, ווער זאָגט עס אייך? אָבער, פאַרוואָס דענקט איר אַז די
ייִדישע לעזערשאַפט מוז אייך לעזן? איז טאַקע איטלעכס וואָרט וואָס איר
שרייבט אָן אַן אָנדייט אויף דעקבתא דמשיחה?
דאָס איז ״x״ס עובדא!
און איר זייט אוודאי פון דעם וואַלטער פאָן דער פאָגלווידע טיפּ
שרייבער?
ווער איז דער לץ?

כוויס, ער האָט, זאָגט מען, אָנגעדראקעט עפּעס אַ זאַך וואָס הייסט ניבעלונגליד.

דאָס איז דאָך גאָר בעטכאָווענס אָפּערע!

ניט בעטכאָווענס, נאָר וואַגנערס, מיינט איר.

וואַגנערס! פייַן! וואַגנערס!! דערויף זייט איר אַ ידען! אַז וואַגנערס מיינט איר שרעק איך זיך איבער?

און ניט קיין אָפּערע, נאָר אָפּערעס! קוועטשט, זייט מוחל, די סמך! שעמט זיך ניט!

יאָ, אָבער וואָס איז, סוף־כל־סוף, דער אונטערשיד?

דער אונטערשיד? דער אונטערשיד איז וואָס ראַקעס עסט מען אַ קיילעכדיק יאָר, און טשערעפּאַכעס עסט מען נאָר אין די חדשים אין וועלכע סאיז דאָ אַ ריש.

אַיאַיאַיאַי! חריפות! זאָגט מיר, כבעט אייך, אַז איר זייט שוין יאָ אַזאַ חכם און בריליאַנטענער וויסער, איז נאָך דאָ עפּעס גרעסערס פון אונדזער אייגענעם חומש און תנך? זיי האָבן ביי אונדז אַלץ גענומען! גע־ליען אונדזער ישו און טראָצקי!

איך פאַרגין זיי ביידעמען!

אָט קומען גראַפאָמאַנען!

בסך־הכל, איז דאָס קליינע פינלאַנד פונקט אַזוי גרויס מיט טראַדי־ציאָנעלער פאָלקסזאָגעריי ווי די רייכע דייטשוקעס, אַ נכפּה אויף זיי! נעמט זייער „קאַלעוואלא“ —

אפשר איז דער לענראָט אויך אַ ייִד? דער ערשטער נאָמען זיינער, דער עליאַס, געפעלט מיר, איז אַ מאַנופאַקטירטער אליהו.

אָט האָסטו דיר אַ נייעם ליאָנעווע!

דאָס דערמאָנט מיר אין עליע דעם קלייטניק, ירוחם חזנס ממזרוק. יענער פלעגט בחורוויז פאָרן רייטנדיק אויף אַ חזיר אין מיטן מאַרק, אַפילו אין אַ יום כיפּורדיקן בייטאָג. ווען די קאַצאַפּעס פלעגן אַרבעטן ביי אונדז אין שטעטל אויפן נייעם וואָלאָסט אָדער אויפן שפּיטאָל, פלעגן זיי זיך אָנטרינקען און צעלייגן אין מיטן מאַרק לוט־שיכור. דאַן פלעגט עלישקע זיך אונטערגנבענען, און זיי אַריינקטנען, גלייך אין די אויערן.

מדאַרף זיך אָנפרעגן ביי דר. קאָראַלניק. יענער קען מסתם די גאַנצע ראָדאָסלאָוונע אויסגעבונדן.

קינדער וואָלט מען עס באַדאַרפט דעם יאָקטער אַריינצימבלען, אוי־אויאוי!

טאָ זאָלן זיי אונדז ווייזן עפּעס זייערס, פון היינט, מיין איך, וואָס האָט אַ גרעסערן ווערט פון דער איליאַדע. דאָס איז דאָך אַ נעבעכיקס, אַ אַ פאַרשטויבטס, אַן עלטער עלטער זיידע.

דו מיאוסער גראַפאָמאַן וואָס דו ביסט!

אָבער די בריטאַנעס, זיי קאָנען איך ווייזן! דעם אַנגלאָ־זאַקסישן בעאָולף און דעם ענגלישן שעקספּיר!

ווידעראַמאָל שעקספּיר? כּהאָדעך געפּועלט ביי דיר, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, ניט צו דערמאָנען זיין נאָמען? וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר אַ מויל, אַ כאָליעווע, צי וואָס?

אַפילו אייבי קאהאַן האָט רעוואָלטירט קעגן אים, און זיך אָפּגעזאָגט פון צו צאָלן מס.

וואָסווילט איר, נודניקעס! יונגע ריידן פון שעקספּירן?

נו, לאָמיר אַ פּרווו טאָן נעמען אויפן דראָנזשיק אונדזער ״y״

פּאָינט אָף אָרדער: ״y״

אונטערשטיצט!

גייט שוין גייט, סי דאָך סגרעסטע געלעכטער! מיר פאַרנעמען זיך מיט דער ערנסטער ליטעראַטור, ניט מיט קיין הומאָריסטקע!

דער הומאָריסטישער, מיינט איר.

דאָס זאָג איך דאָך, דיין טאַטנס טאַטן: הומאָריסטיקע!

אפשר אָפּאָטאָשו, דער סוקסעספול באָי, האַ?

וואָסערע דגים? וואָסער יער?

מ־נ־אָ, „פוילישע וועלדער״ זענען נאָך אָלרייט! ווייזט מיר אַ גרעסער ווערק פון אונדזעריקע?

שאַט חברה: ראַבאָיס איין וואָרט איז מיר טייערער פון גאַנץ —

ראַבאָי, ראַבאָי! ווייסיך וווע!

ראַבאָי און יוד יוד שוואַרץ גיבן אונדז ס׳יִדישע אַמעריקע.

שוואַרץ — ס׳יִדישע אַמעריקע? אַדרבה, באַווייז!

האָט ער ניט געטראָפן! איז ער אַ שלימזלניק, און האָט דעם שידוך ניט אויסגעפירט!

ווי דאַרטן, ביי שלום עליכמן: ביידע שדכנים האָבן כלות צי ביידע חתנים —

דאָס איז דאָך, רחמנא לצלן, פּערווערזע סעקסאָלאָגיע!

אָך די גראַפאָמאַניע!

זאָג עפּעס, מאוד. וואָס דענקסטו וועגן דער האַרבער פראַגע?

כעל זאָגן: כהאָשען געזאָגט!

דאָס איז עפּעס ניט מאודימדיק געזאָגט!

סי וויל דער שרייבער איז פּניעכמנדיק — אַ בעזעם — אַ רעטעך — סווילט איר פּימעראָבן? מוטשעט ניט — אונאָדי! אַ פּאַרשטשיק — זאָליך אַזויוויסן פונשלעכץ צי ווייסיך ווערסהאָט מיין מאָדיקאַט פּאַר־שלייערט —

איסטו זיך טאַקע שטענדיק אַרויסדרייען מיט דיינע שמדשטיקלעך?

כהאָפּצוגאָט! אָט דרייט איר זיך שוין אַלע, וויפל איר זייט דאָ דאָ, מכמה וכמה יאָרן און גאַרניט! סגעשעפּט גייט, יאַקאָש! מע רייבט אַ גור־ראַלניע!

אָך, צום טייוול! סהאָט דאָך טאַקע קיינער ביי אונדז נאָך ניט געזאָגט דאָס וואָרט, און איטלעכער וויל דווקא די קרוין, מיטן צעפּטער, מיט דער בת־מלכה.

ווייסיך וווּ! בת מלכה! צעפּטער! קרוין שמוין! ווייסיך! מע וויל אַ גלעט אין בעקל, אַ ברייטן גאַטהעלף אויף איסט בראָדווי, דעם איינציקן אומצעבראָכענעם שטול פּאַרנעמען אין „איראָפּע"! אָט וואָס מע וויל! השגות!

מען וויל אַז גאָטיטהעלפן און מעט אָפּציילן אַ צענפופצן יאָר, זאָל די אויסגעמארודעוועטע בתולה, פון ירושלים אַריבער וויליאַמסבורג בריק, קויפן אַ בילעטל אין קעסלערס טעאַטער צום יובילי פון געערטן גרויסן גרעסטן שריפטשטעלער, וואָס כוויל זיין נאָמען ניט דערמאָנען וועט זיך בעת מעשה היפּש פּאַרשניאָשקען, און שרייען הוראַאַאַ! פאַר גרעסטן יידישן דיכטער, דעריעניקער וואָס האָט פּאַרנומען פּרצס, מענדעליס, שלום־עליכמס פּאָטעל אין דער קיין עין־הרעדיקער יידישער ליטעראַטור!

ביסט אַליין אַ היפּש ביסל פּאַרשניאָשקעט! כהאָב אָנגעציילט אַ קימאַ־לן פון דריי פּאָטעלן!

הא, טאַקע, עס שטימט ניט?

נייק, מע וויל ניט פאַרנעמען אַלע דריי שטולן מיטאַמאָל. עס געווענדט זיך ווער דער קאַנדידאַט איז, אין וואָס פאַראַ קלויז ער לויפט מיטן אָקאָרשטן טאָג זיך מצרף זיין צום ערשטן מנין. איז ער אַ ווייסטיך־שוין־וואָס, וויל ער דעם זיידנס געזעס. איז ער אַ־בויג־מיטן־פינגער־צו־פּצון־זייט, פּרווט ער זיך אַריינפּאַסן מיטן דאַרן וויהייסטמענעס אין דעם פּאַטעל ווו פּרץ ע״ה האָט קיין ע״ה (אויף אַ טויטן איז אַפילו דעם צווייטן ע״ה איבעריק צו זאָגן) אויסגעריבן מיט די גאַנץ פּעטלעכע אונטערקליבעס סגאַנצע לע־דערוואַרג. און אַז ניט, איז שלום־עליכמס פּלאַץ.

ווי געפעלט דיר אַזאַ גראַפאָמאַניע?

יידן, האָט איר אַ שטייגער באַמערקט ווי ווינציק בעלנים עס געפינען זיך צו ווערן שלום־עליכמס יורשים?

ער האָט איבערגעלאָזן אַ גאַניידעמל — גענוג!

וואָס האָט מען צו דעם בייצאַדיק?

יענער? ביי אים אָדער סרעגיסטרירט, אָדער סרעגיסטרירט ניט!

לאָמיך אַזוי וויסן פון שלעכטס צי ווייסיך וואָס דו מיינסט דערמיט!

כוויס אַז דו ווייסט ניט. אָבער דאָס ווייסטו, אַז אין לעצטן „פּאַש״ איז געווען אַ פּאָעמטשיקל דיינס, וואָס איז לכל הפּחות אַזוי גרויס אַז סלייגט געטהען נייק איילן אין דער אדמה? און ווילסט אַז אַנדערע זאָלן אויך וויסן? אַי, וואָס אַזעלכס האָסטו דאָרט אַ זאָג געטאָן? אַז

„סאיז אוממעגלעך צו זאָגן וואָסערע חן־גריבלעך,
פּיפּאַטעס צי סאָלאָדרייקעס זענען שענער:
די וואָס אויפן פּנים צי די...״

האַ, פּאָעזיע? אָדער גיסט זיך אַ זאָג אָפּ

„כבין אַרויס אויף גאַטס וועלט דעם ליכטיקן פרימאָרגן.
די זון שיינט אַזוי היימיש פּאַטערלעך,
און סאיז מיר ווויל אויפן האַרצן,
די פאַרביילויפנדיקע אָטאָמאָבילן זינגען שירה״.

זיי זינגען שירה, זינגען זיי, און וואָס הערט זיך מכוח דעם געזאָלין געשטאַנק, האַ, פּאָעט מיינער?

גראַפאָמאַן!

מען רופט אייך צום טעלעפאָן!

דאָס איז די ייִדענע!

באָסטאָ! דאָס איז די לעצטע סטאַפּניע! עס העלפט שוין גאָרניט! יאָ ייִדישע ליטעראַטור, ניט ייִדישע ליטעראַטור. מיט דער ייִדענע העלפט ניט. ניט קיין טאַלאַנט, אַפילו ניט קיין געני! זי זאָגט: בחור, אַ דזשאַב!

איר ווייסט? די געליבטע טוען נאָך עפּעס אויף פאַר דער ליטעראַ־טור —

וויאַזוי? מיטוואָס? וואָס זיי קומען זיך נודיען באַגלייך מיט אונדז אין קאָפּע?

הערט איר, די ווייבער אונדזערע, בין איך געקומען צום באַשלוס, זענען די גרעסטע שונאים פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון דעם ווקס פון דער ייִדישער קולטור.

נעבעך, אונדזערע ווייבער! זיי פאַרליבן זיך אַפילו ניט אין אַנדערע זיי זאָלן אונדז דערימאָך געבן אַ געלעגנהייט דורך אייפערזוכט אינספּי־רירט צו ווערן צו עטוואָס גרויסעס!

נו, עמיר פאַרבאַלאָטירן די ווייבער, צי אַלדי שוואַרצע יאָר!

גוט! אָבער איר קאָנט ניט פאַרבאַלאָטירן די דייפערס און די קינ־דערלעך, זיי זאָלן געזונט זיין!

נידער מיט די ווייבער!!

סעי, סעי, פּאָעטן! ווייבער טשעפּעט ניט! זיי זענען דאָך עפּעס דער ריכטיקער שטאָף וואָס האָט פאַרורזאַכט די ראָמאַנען ליטעראַטור!

געשריבן צי געלעזן ווערן?

איינס איז גורם סצווייטע!

איינס איז כולל סצווייטע!

אָבער מיט דער גראָפאָמאַניע סטוט מען?

שוין שפּעט! מען דאַרף אַריינלויפן אין רעדאַקציע און מאַכן אַ פּע־ליעטאָנדל!

וועגן די דאַרדאַנעלן?

ניין איבערן „אָרט“.

וואָסי די נפקא־מינה? ווערגייט? קומטס!

נאַטייך! אָט דאָס האָט איר, און שטעלט זיך צופרידן! טאָ! מע דאַרף טאַראַראַמען! זיין לייטן גלייך! נו, מילאָ!

מיר זענען אַלרייט, ניט געדאַכט זאָמיר ווערן! קאָלעגע „ווייטער״, וויפל קומטס אײַנען?

אָבער אַ ייִד מאַכט אַ לעבן? וועמען אַרט עס, צי פון ליטעראַטור, צי פון דזשעגעכץ? ווי זאָגט אַ באַקאַנטער קלייטניק: די בלעטער שרייבן.

יאָ: די בלעטער שרייבן, די זשורנאַלן שרייבן, דער שרייבט, יענער שרייבט. כוואָלט אַ בעלן זיין וויסן: ווער פון די שרייבער קאָן אָנשרייבן אַ לייטיש בריוול צו טאַטע־מאַמע?

כונכאָן איז פינצטער געוואָרן אין האַרצן און אַ ליכטיקייט האָט זיך גענומען וועבן און גנאָמען זענען אַרויסגעקראָכן פון זיין באַוווסטזיינס כף־הקלע און אַ פלאַטינום בראַסלעטל מיט זיבן דימענטלעך באַצירט און ניט־קאָסטבאַרע ווייסע פערעלעך אויף אַ שנייאיק ווייס העלדזל.

און די זון איז אַ פוללייביקער דאָנזשואַן וואָס הויערט אין הינטער־געסלעך צו דערשמעקן אַ זיסער צאַרטער מיידל ווי די לבנה.

און רימאַלאָוו איז אַ שטעטל אין גאַליציע און אַ דאָרפס־ייִד כאָוועט קי אויף אַ פאַכט און פאָרט קיין רימאַלאָוו אויף יעדן ראש־השנה און יום־כיפור דאַוונען בציבור און איטלעכן דאָנערשטיק איינקויפן מעל און הייוון און פיש און פלייש אויף שבת און זיין ייִדענע פאָרט אָפט אין באָד אַריין און גיסט וואַקסענע לעכט פאַר אַלערליי תרופות און קאַטשעט אייער ביי דער זנאַכערקע פאַר קינדערס גוטע אויגן און דער ייִד רייבט זיך לעבן יאַסנאָוועלמאָזשנעם און שיקט זיין עלטער ייִנגל פריִער צום דרדקי נאָכ־דעם צום חומש מלמד און זוכט כל המיטלען צו פאַרדינען אַ גרייצער אַ רייניש און כאַפּט אַ פאַרקילונג פאַר קיין ייִדן שום געדאַכט און לייגט זיך אַוועק און די ייִדענע אַנטלייט ביי אַ גוטהאַרציקן שכן וואָס עס פעלט איר אויס צו צוויי מאָל ח״י און פאָרט צום רבין קיין טשאָרטקאָוו און אַז גאָט וויל נישט העלפן קיין סגולות ניט און דער ייִד שטאַרבט אַוועק און די ייִדענע בלייבט אַ וויסטיקע אלמנה און טויטשעט זיך קאָפּ אין וואַנט מיט דער חיונה און ניט לאַנג ציט זי נאָכן מאַנס טויט און די שבעי טובי העיר שטעלן איינפאַכע מצבות צוויי אויפן רימאַלאָווער בית־הקברות מיט קוים באַמערקבאַרע פה־נקברס און סחומש ייִנגל פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע און פאַלט אין ניויאָרק אַריין צו אַ לאַנדסמאַן וואָס אַרבעט אין אַ שאַפּ פון פרויענקליידער און ער הייבט אָן פאַרדינען גוט געלט און ער באַקאַנט זיך מיט אַ מיידל פון אַרום היימישן געגנט און זיי לייגן צונויף די אַנגע־

זאַמלטע פֿאַר טאָלער און די סטאַטיסטיק אין פּריוואַט שניידערשן אָרגאַן פֿאַרצייכנט נאָך אַ שניידערגעשעפֿט און עס גייט אַוועק אַ יאָר און עס קומט אַ מיידל און עס גייט אַוועק דריי און האָפּ! אַ יינגל און פֿינף און אַ מיידל און זיבן און אַ יינגל און דער פֿאָטער טראָגט יעדע וואָך אין באַנק אַריין די אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע דאָלער און אַמאָל טראָגט עס די מוטער אַוועק ווען ער איז פֿאַרלייגט מיט אַרבעט און די ציפֿערן אין באַנקביכל מערן און טוישן זיך און יעדע 1 פֿאַרוואַנדלט אין אַ 2 מיינט אַן אייגן ווינקל און איטלעכע 3 פֿון וועלכער עס ווערט אַ 4 מיינט אַ היים און יעדע 5 פֿאַרביטן אין אַ 6 מיינט אַ באַקוועם וווינונג און אַ 7 אין אַ 8 מאַכט דעם שניידער זיך פֿאַרקוקן אויף אַ עטלעך גאָרנדיק הויז מיט אַן אַפּטייק און בעקעריי און יאַטקע פֿון אונטן און אַ 20 פֿאַמיליעס איבער זיי און די 9ער ווי די נולן פֿאַרזיכערן אַ גרויסע געביידע מיט אַ נישקשה־דיק איינקונפֿט און די קינדער וואַקסן אונטער און די עלטסטע טאָכטער אין קאָלומביאַ שטודירט וואָקאַלע מוזיק אין אויפֿזיכט פֿון אַ באַרימטן פּראָ־פֿעסאָר און אַ טאָכטער באַזוכט האַנטער קאָלעדזש און אַ זון גרייט זיך אָפּפֿאָרן קיין פּאַריז זיך פֿאַרפֿולקאָמענען אין מאָלן און דער מיזינעק (פֿון וואַנען האָט ער זיך גענומען? אָבער דר. יאַנגאָראָדסקי האָט אויך געהאַט ניט מער ווי 4 פּעטעלקעס און דאָך 5 קנעפּלעך) און דער מיזינעק זאָגן מיר איז אַ גאַנצער יאַטעבעדאַם אין דעם בייסבאָל טיעם פֿון זיין הויכשול און די יינגסטע טאָכטער קוקט אויפֿן זייגערל איינגעפּאַסט אין דימענטלעך אויף אַ פּלאַטינום בראַנזעלעטל און באַמערקט אַז ס'איז שוין 10 מינוט צו 3 און דערמאָנט זיך אַז זי דאַרף באַגעגענען וועלוולען לעבן אַ מעדי־סאָן עוועניו האָטעל.

און דאָס קאָפּשפּילכל וואַקסט אומגעהויער און דראָט מיט „ליבע איז ליבע, ליבע איז האָס" („כגיי מיט מיין ליבסטער שפּאַצירן אין גאַס") און דראָט: איינשלינגען וועלוולען מיט זיין פֿיין געשווירן בערדל מיט זיינע ריינע לאַנגע פֿינגער. ווי ביי אַ באָביצע זאָגט מרס. צירלער — „ליבע איז ביטער, ליבע איז זיס" („כ'וואָלט וועלן מיין ליבסטער צעקושן די פֿיס"); ביי אַ באַרמהאַרציקער שוועסטער, מיסטער צירלער — „ליבע איז ווייס, ליבע איז רויט" („פֿאַר מיר איז עס לעבן, פֿאַר אַנדערע, טויט"). ביידע, מרס. און מר. זעט וועלוול גיין איבער דער גאַס מיט אַ הינטל אויף

אַ דין רינגיק קייטל אין דער צירלערס האַנט און עס פּאָלגט זיי נאָך דער שאָטן פון דער יוגנט („אַ גרויסער שליאַך. הויכע פּאַלמעס ציִען זיך פון ביידע זייטן וועג. פּונקט אַזוי לאַנג און גלייך, רייען נאָך רייען, שאָטנדיק פּאַרגייען, זייערע, אונדזערע, אַלעמענס טעג”). די פּאָרויסגייער פלעכטן זיך אַריין איינער דעם צווייטן מיט די גרייזגרויע האָר אויף זייערע קעפּ גליִענדיק ווי גענוצטע שפּיזלען איבער צעקנייטשטע ווי אָפּט אָפּגעטראָגענע פּנימער אין דער זון. די באַגלייטער רוימען זיך איין סודותדיקע דערקלערונגען וואָס מאַכן זייערע אויגן שמייכלען עראָטיש, אַפּאָקאַליפּטיש, קוריעז: און די ייִנגסטע טאָכטער באַמערקט אויפן זייגערל און דערמאָנט זיך: וועלוול כאַן לעבן אַ מעדיסאָן עוועניו האָטעל.

רייסט וועלוול איבער די אַזויפילמאָל אים איבערגעגעבענע דעטאַלן און לאָזט זיך האַסטיק גלייך פאַר זיך, פאַרנעמט זיך רעכטס גלייך פאַר זיך בייעסעקס ראָג אָרטשאַרד ווו ס׳קומט אַנטקעגן אַן אַלטיטשקער פון יענער זייט פּאַוויליאָן, אויף דער פּאַרק סימולירטער אַלייע, אָן אַ ביימל, אָן אַ גרעזל (ווען דער אַלטער סיואַרד זאָל אויפשטיין וואָלט ער געוואָלט צוריקגיין אין זיין רעכט אַריין). דער אַלטיטשקער האָט פאַרענדיקט דאָס הויזן־אין־אָרדענונג־ברענגען מיט ציוויליזירטן פאַרקנעפּלען, אָבער — אַז ס׳קנעפּלט זיך ניט! גיי און מאַך! האָט ער אונטערגעפירט אַ פינגער צו די האָרסטאַרטשנדיקע נאַזלעכער און כוואַליענדיק מיטן קאָפּ אַ פאָרסקע געטאָן. דעם האַרטן קאַפּעלוש, אָריגינעל פון שוואַרצן קאָליר, מער מתחתן געווען מיט די אויערן. אירלאַנדישע שפּיזלען רויטהאָר האָבן זיך פאַרקרייזלט אַרום דעניק, און די זוילן זיך נידערגעלאָזט אויפן באָדן. שטיקלעך באַוול אויפן מאַנטל הענגען שבעה נאָך דריי אַמאָליקע צירקנעפּלעך. גרויענדיקע שלייפן אַנטקעגן זיי דורכגענומען מיט ווינט און דער שפּאַלט פון הינטן האָט אויפגעלייזט די הינטערשטע פּאָלעס אין אַ ווייענדיקער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. אָרעם און פיס און נאַקן ברעגן געזוימט אין קאָטעסלעך פון צייטס אייגענער וועבעריי.

די פאַרפלוכטע ייִדן, שטאַמלען פאַרבלויטע ליפּן אין דינע פּאַסיקלעך רויט, די ציין אין באַוועגונג; ברויט און פּרוכט שקאַרמיצן אָפּפאַל האָבן זייער עובדא פון צעפּוילעניש פאַר זיי אָפּגעטאָן פ—י—ו—ט!

די פאַרפלוכטע ייִדן, די פאַרדאַמטע ייִדן, די יעזוס קרייציקער, ראַפּסאָדירט ער הייזעריק, פאַרשניאָשקעט, געזאַנגמעסיק. אָט גייט דער ראַ־

באַי, טייטלט דער אַלטיטשקער מיטן צעווירעטן פאַרמילצטן רעשט פון אַ נאָז אויף אַ ברומענדיקן ווערלוול, אַ ניי דערשינענער פּאָעמעס פּראָוואָקאַציע:

as he rose and fell
He passed the stages of his youth
Entering the whirlpool.

נאָך אַ קוואַרטאַל אונטער זיך, נאָכנאָכנאָכנאָכנאָך: אין אָרעאָל פון שנייזוניקן זונשניי ליגט רחבותדיק דער שטאָלצער אַרומגעקרויזטער מ. ע. ה.

אין אַ גאָלדבאַזוימטער ליוורי שפּאַנט אום מעסטנדיק די טריט אַ הויכער מאַן מיט אַ געזיכט: גרויסצוקיקע שטריכן ווי אַ פּעדעסטאַל פאַר אַן אויסערגעוויינלעך רויטער נאָז. עס רייט צו אַן אויטאָ, אַ בלישטשנדיק שוואַרצער לאַנדאָלעט מיט ווייסברוסטיקע פערד, אַ פאַרמאַכטער קאָליאַס. דער הויכער מאַן צעעפנט די טירלעך, האַלט אונטער די דאַמע ביי דער האַנט אָדער אַן עלטערן מענטשן אין אַ בראַזיליענהוט. פון האָטעל טרעט אַרויס אַ פּאָרל. דערזען זיי, רייט צו אַ מאָטאָר. דער הויכער מאַן עפנט דאָס טירל פון מאַשין. דער באַגלייטער פון דער דאַמע לייגט עפּעס אַריין דעם הויכן מאַן אין זיין מעכאַניש צעעפנטער האַנט. אַ פאַרבייגייערין מיט אַ שווערן קויש וואַרפט אַ בליק אויף דער דאַמע, מער ווי איינעם אויף איר באַגלייטער: איר אויבערשטע ליפּ טוט אַ ציטער. אַ פאַרבייגייער פאַרקוקט זיך אַ ווייל די גרויס אויף דעם באַגלייטער, שטעלט זיך לענגער אָפּ אויף דער דאַמע: דער געדאַנק וואָס האָט אים געעגבערט עטלעכע שעה צייט ווערט צערונען. דער הויכער מאַן אין דער גאָלדבאַזוימטער ליוורי מיט די גרויסצוקיקע שטריכן ווי אַ פּעדעסטאַל פאַר דער אויסערערדנטלעכער רויטער נאָז שפּאַנט אום מעסטנדיק די טריט. דערשמעקט: ניט קיין אַרויסגייער ניט קיין צופאָרער. גיט אַ מעכאַנישן דרוק צונויף דעם מעכאַניש צעעפנטן פויסט און שטעלט זיך אַוועק ביי דער וואַנט: פאַרשטאַרצט. אייך פוס ביי אים: ווי איינער פון די הינטערשטע פיס ביי אַ פערד ווען ס׳שטעלט זיך אַוועק: רוען.

ווערלוול כונכאַ וואַרט. און די יינגסטע טאָכטער באַמערקט אויפן זייגערל: דריי דרייסיק: ווערלוול כונכאַ — — —

ער וועט ניט פיל לענגער וואַרטן. ער וועט אַזוי שטיין און וואַרטן

ביז סוף צייט. עס ווערט אים קאַלט: וואַרעם: קאַלט. די ייִנגסטע טאָכטער האָט ניט פאַרויסגעזען, אפשר נאָך אַ לעקציע. און וואָס באמת?

קינדער לערנען. קינדער שפּילן.
קינדער האָבן פאַרגעניגן.
לערנט קינדער ווייל דורך לערנען
וועט איר ווען די וועלט באַזיגן.

אפשר קומען אויס צו שווער אייך
אייערע ערשטע טריט אין לערנען —
זייט זשע פלייסיק ווייל מיט פוילקייט
וועט איר עלטערן דערצערנען.

ווען דער שניידער ווייסט וואָס זיין ייִנגערע טאָכטער פּלאַנעוועט? וועלוול ווערט שיר ניט צעשאָסן פאַר געלעכטער: דיין טאָכטער, נאַר איינער לערנט דאָך. איך בין דער רבי אירער, ווי דעם אַלטיטשקן אירלאַנדערס ראַבאַי, מרס. צירלערס חברהמאַן —

אַרן זאָל אייך ניט וואָס ס'קומט אייך
ניט זייער לייכט אָן אַלץ אַצינד:
יעדער גרויסער וואָס זוייסט עפּעס
האָט געלערנט זיך אַלס קינד.

אָן גייט זי. אָפּגעלערנט, צייט זיך צו שפּילן.

קינדער לערנען. קינדער שפּילן.
האָבן פון דעם אַלץ הנאה,

טראַכט זיך יעדער פון זיי פאַר זיך ערגעץ אין אַ פאַרמאַכט חדרל ווי ס'לויערן פריידיקע אייביקייטן —

זיי געדענקען אַז דאָס לערנען
מאַכט זיי רייפער, מאַכט זיי ראוי

(פאַר שפּילן זיך מיט פייער, בלייבט אויסערן פערז). אינווייניק, אויף דער וואַנט, הענגט אַ דופּליקאַט פון אַן אויפשריפט אויף אַ טיר אין וויסענזאַ (פון לאַטייניש פעריאַד): אַלץ קומט און פאַרגייט נאָר קיין זאַך שטאַרבט ניט.

און וועלוולען האָבן די ווייסע ליילעכער דערמאָנט אין שניי.

דער בייטאָג איז געווען אַ זעלטן שיינער ווייסער טאָג: אַן אָנגעקליידטער אין ווייסן. דער טאָג איז געווען: אַ פּוראַר פון זונגימבן. דער זונאַפּאַז־פּעאָז האָט אָנגעפּירט אַ געפּעכט מיט די ווייסע שניישנייעלעך. צערעמאָניאַל. וועלוול כונכאַ האָט אין האַרצן געבעטן פאַר אַן אויסערגעוויינלעכער קאָנסומירונג: די יינגסטע טאָכטער נאָכאַמאָל מיט אים. אַרום זיי האָט וועלוול האַרצקלאַפּ געפּילט וועבט זיך אַ פאַנורגישער געזאַנג. פון ביימער דערבליטע ביז סקעלעטאַנישן. פון ערד שטיינגעפּלאַסטערטע ערד פאַרעקשנט שטייף אין פּראָסטפּריר. און ווי אַלץ אַרום האָבן פאַרדעקט מאַנטלען ווייסער שניי, האָט זיך פון אים געריסן אַרויס גראַציעזע מיסטיק צום רום, צו דער עפנטלעכקייט, זיין גאַנץ אומבאַוווסטזיין פון אינעווייניק געזוכט אַ דערלייז פון די דינע ווענטלעך־שפּאַרעס פון די געהירן און זיין פיינפילנדיק הערץ אין ברוסטקאַסטן האָט געפּליסטערט די קאַרדינאַלע שפּראַך פון בלוטראָפּעלעך, בלוטראָפּעלעך.

עס יאָגט אויף אים אַן אַ———— אַט וועט ער————
אַט נעמט ער———— זאָל די אויסדערוויילטע שניידערשע טאָכטער וואָס האָט אים געגעבן אַ געפיל ווי ענגלאַנד אַמעריקע אַ שפּראַך זיך פאַר אים אַנטפּלעקן, ווי דרוקשטאָף אין אַ ווירוואַר פון הוילגעוויקלטע געליעס; זאָלן די סטראָפן פון איר וועזן בליען פאַר זיינע געאיילטע היצבליקן; זאָל אַלץ צעגיין פאַר זיינע אויגן ווי דער שניי אונטער זייערע פיס; זאָל די וועלט פאַרזוכן זיין צאָרן, זיין פאַרצער, זיין געוואַגטקייט מיט איין וואָרט — אַ קאַרניוואַר.

וואָס גייט וועלוול לאָוועלאָס אָן:
לאַנג געוואַרט?
ס׳טוט מיר לייד ניט געקאַנט פאַרלאָזן פריער —
! —
איר זייט גערעכט, נאָר —

? —

נו, דאָס איז שוין —

... —

וואָס גייט וועלוול זשילבלאַז אָן:

דער מעטעמפּסיכאָז!

! ?

אָבער די צעשפּליטערטקייט פון כוונות?

? !

פאַרוואָס זאָל דער מאָטיוו זיין דער הויפּטמאָטיוו?

די טראַנססובסטאַנטירונג —

שוין ניט צו ריידן פון דער פראַגע וואָס אויסערלעכע באַשרענ־קונגען —

נאָך דעם געשפּרעך יאָגט אָן אויף וועלוולען אַן אַנדער רעאַליזאַציע: ניט נאָר כונכאַ, דער עקזאָטישער, און ניט נאָר האַרצקלאַפּ, דער קליינ־שטעטלדיקער, און ניט גאָטה, דער פּאָעטישער סטיגמאַט, נאָר אויך דער טרעמפּ אין פּאַרק האָט זיך וויארום צונויפגעהעפט מיט אים ווען ער איז דאָ פאַרבייגעגאַנגען דעם צענטראַל פּאַרק.

נאַט אייך אַ זשמענקע אינדישע ניסלעך. קנאַקט, נישקשה, דאָ אין פּאַרק וועט קיינער ניט באַמערקן באַזונדערס אויב איר וועט די שאָלעכץ האַלטן אין קעשענע פון אויבערראָק. איר ווייסט, דאָס גרינס דאָ דאָרט מאַכט מיך נערוועז. דער איינדרוק פון יוגנט. די מעגלעכקייטן זענען אָבער פאַרויס אונדז. מיר וועלן זיך דערלויבן צו דענקען, אַז עס וועט זיך אַנט־וויקלען אין מער אַדעקוואַטער רייפקייט, און דאָך. דער פרילינג וועט קו־מען מיט מער אָדער ווייניקער וואַרעמקייט, פאַרמאָלן דעם הימל מיט מילדער בלוילעכקייט פון עטלעכע שאָטירן צווישן 7 אין דער פרי און 7 אויף דער נאַכט און רעגנדיקער גערוכיקייט צווישן 7 פאַרנאַכט און 7 פרימאָרגן. נעמט נאָך אַ זשמענקע. גוטע ניסלעך. דאָ אין שאָטן זעט איר וועט דאָס בילד ניט אַרויסקומען זייער געלונגען. דער בחורטעס שיינע אייגלעך וועלן זיך טושירן. איר קענט ניט מיין בחורטע, נעלי די רויטע. איר קענט זי ניט? געלינקע שפּרענקעלעך, מיט אַ ביוסטל — פּע! אַ טראַ־גישער סך־הכל! אַך! אַך! אַרויס פון דער בעקעריי, פּעאָניע, פּעאָניעס ליב געהאַט, פּעאָניעס — נונו! פרעגט שוין ניט!

נאַט... נאָך. כ׳האָט גענוג. איינער אַ פאַרבייגייער. אַ גאַנצן זילבער־נעם טאָלער. יענער בעז איז מיט דעם ווי הייסט עס דאָרט צוניפגעוואַקסן. ניין, זאָל אייך ניט איינפאַלן אַזאַ געדאַנק, לעכערלעך! כ׳האָב ליב צו פילן אַ פול יונגבלוטיק שטיקל, מיט די פולע פאַיאַריעציין אַ קיצל טאָן איר אונטערן גלידערל! איך ווייס וואָס איר דענקט וועגן מיר, אַ נודניק, אָבער.

אוןביידע בלאָנדזשען איבער די וועגנשטעגן פון פאַרק. אים דוכט זיך: זי׳ט בלאָנדזשען אַזוי לאַנג ביז ס׳ט׳איר דערעסן די מאַנאָטאָנקייט פון איר ווייס: *) זיין רויט וועט ווערן אַ דערלייז פאַר איר. זי וועט אפשר

---

*) „וואַריאַציעס אויף אַ טעמע

פאַרנעם מיט דיין האַנט דעם שווערן גאַרדין
וואָס הענגט איבער דער קוים־צעפראַלטער טיר
זאָל דיך ניט אָפּשרעקן די געמישטע גרויקייט פון מיטיק
אין מיין לעבן פול מיט אומפאַרענדיקטע קאָלירן

דאָס שטייגל פון פויגל איז פאַרומרייניקט
דאָך האַלט איך עס ביי מיר אין הויז
גיב אַכטונג יעדע ווייל ס׳זאָל אַ פאַסיקע היים פאַרן פויגל זיין
די פינגער וואָס רירן אָן בלומען
רירן אָן דעם אָפּפאַל פון פויגל אין שטייגל
דער זשעסט פון האַנט וואָס גיט אַ בילדלעכן בליץ פון אַ ווונק
אויף גריכישן טערפּסיכאָר
באַגלייט דעם אָפּפאַל צום מיסטקאַסטן
זאָל אין דעם אויך פאַרייביקט ווערן אַ באַוועג פון אומשטערבלעכער שיינקייט
דער פויגל איז געניגט צו עסן
זיינע קערנער פאַר אים צוגעגרייט
גאַנץ פעריאָדיש באַפאַלט אים אַ דורשט
בין איך דער טרעגער פון קוואַלוואַסער פאַר אים
אַמאָל

זוערן שוואַך, נאָכגיביק, און: אַנטלייען אַ פינפערל... זי וועט זיך הייסן פירן ערגעץ. ער וועט. אין צענטראַל פּאַרק פונקט אַזוי געטריי ווי ער

ווען ר׳איז באַהערשט פון אַן עקסטרעמער עמאָציע
פון גליק
פון פּיין
דערשנאַפּנדיק אַ פליג
די קאַץ

עפנט זיך פאַר מיר דאָס שטייגלטירל
און כ׳דערזע דעם פויגל מיט זיינע פעדערן
קאָלירט אין שאַטירונגען פון רעגנבויגנפאַרבן
עפנט זיך פאַר מיר די טיר פון זיין האַרץ
איך שפּאַציר הנאהדיק אום אין די חדרים פון זיינע געפילן
פאַדקע אַרום דער שוועל פון זיין שפּילפויגלדיקן האַלדז
פאַרנעם די גערוישיקע שטילקייט פון זיין פּרימיטיווער מוזיק
די קאָמפּאָזיציע פּאַלט מיר איין איז ניט שלעכט פאַרפּאַסט
מיין אויג איז בלויז באַגרענעצט צו זען די נאָטן
אויפן פּיופּיטר
אין דער לופט
אין אומזעבאַרער טינט
אויף די בלעטלעך
פון דער פּאַרטיטור־מיסטעריע

איך הער אַפּריזער טרעלן פון נאָמעטענער
צעברעקלטע
וואן
אומקאָאָרדינירטע
די איינפאַכקייט ווערט וואָס אַמאָל אַלץ קאָמפּליצירטער
פיל פּלוצים ווי ס׳אַנדעקט זיך פאַר מיר דער איראַנפּלאַטאָ
כ׳שטיי ביים וויגל פון דער מענטשלעכער וועלט
גוט... בליק אַריין
ווּעסט מיך ניט זען בלויז

האָט זי געפֿירט אין נעפּל פֿון קונסטטעאַריעס, איצט פֿירט ער זי צום גאָלדענעם שיין פֿון לעבן מיט יעדן האַרצבאַוועג, מיט איר פֿינפֿערל, מיט

און בלויז זען מיט די אויגן
כ׳וועל פֿאַר דיר פֿאַרוואַנדלט
אין עלעמענטאַרע כעמישע לופֿטוואַסערלעך
דו קאָנסט מיטן אויעוי
גאָר ניט אָנגעשטרענגט אין דיין ווירפֿלשפּיל
פֿאַרנעמען די אורוואַלד סודות
מיך טראַנסקריבירטע
דו פֿרעגסט פֿאַרוווּנדערט:
,איז עס ער ?
ווּ איז דער גוף וואָס פֿלעגט מיך באַשטרעבן — די נאָז
אָפּגעווענדט פֿון מיר מיך דאָך דערשפּירן — די הענט
וואָס פֿלעגן מיינע הענט אומבאַוועגלעך אָנרירן — דאָס האַרץ
וואָס האָט געהלשט פֿון אָבצעסיעס — דער מוח
באַזעסן פֿון אַ אין־צירקל־קרייזנדיק געפֿיל — דאָס גאַנצע וועזן
זיינס וואָס פֿלעגט אָנדייטן: ס׳האָט — אַ גאָט
מיך פֿאַרוואַנדלט אין אן אייביק בענקעניש — אַ טייוול
מיך אָנגעשטעקט מיט אומבאַפֿרידיקטע רוינען — אין כעאָפּס
דעם מאַיעסטעטישן געמאַכט מיך דערשמעקן — מיין ברודער ?׳
יאָ:
אין מיר ווי אין דער מאַמאָנט ווילדערניש
פֿון אַנטיקוואַרן פּיראַמיד
רייסן זיך מיראַזשן צו דערלייז
איך זוך אויך און שריי ציינגעשטשעמט אַרויס
די שאָטנס — פֿון מיינע טויטע קיניגינס — איין קיניגין
דעם טראָן — פֿון מיינע רעגירער — איין רעגירער
די קרוין — וואָס וואַלגערט זיך אויפֿן שטילבאַרג פֿון אַ ווולקאַן
ווּ טויטע האַרצלאַוועס האָט דאָ ניט לאַנג פֿאַרזאָטן
דערשרעקסט זיך פֿאַר דעם אָנבליק? האָסט דאָך איינגעווילט צו וואַנדערן

יעדער רעגונגעמאָציע. איצט וועט איר אויפגערייצט בלוט האַלטן אין איין שטעלן פראַגעס און ער וועט פּרובירן ענטפערן (ניט איינמאָל, אַרום עקזאַמען־

באַקענען זיך מיט די אַנטיקן פון מיין האַרץ
זאָל עס דיר זיין ניט מער ווי טשיקאַוו: גראָד
ווי אַלטערטימער וואָס גייען ניט אָן דיינע געפילן
נאָר מאַכן דיך מישן די בלעטער אין אַ געשיכטע האַלב פאַרגעסן
זאָל אימפּולס דיר ניט אייגן זיין ווי נאָענט און הייליק געווען
איז אַמנונען זיין פאַרצערלעך שטרעבן נאָך תמרן
ווי העלאָאיז וואָלט גערן פאַרברעכנס באַגאַנגען און בלוט פאַרגאָסן
כדי צו האָדעווען דעם אינסטינקט־אומצוכטיקן אבעלאר
ווי ס'האָט דער געניגעזאַלבטער ווילאָן
דער דיכטער פון היידנטום געדינט דעם מאָנאָטעאיזם
ווי נעענטער צו אונדזערע טעג דער ניטווייטער טאָלסטאָי האָט געדראָט
מיט זעלבסטמאָרד אין פאַל סאָפיע בערס וואָלט זיין אָנבאָט אַנטזאָגן

כדערבליק ווי דיינע טירן צעפּראַלן זיך
און דו דערזעסט מיך מער און מער אין אמתן שיין
איך האָב אויס צייטפאַרטרייב צעעפנט די טיר אַזוי ברייט
זי זאָלסט דערבליקן אַן אָפּשיין פון מיסטאַט און מיסלינג אין מיין הויז
כהאָב פאַרטראַכט דיך צו פירן דורכן טונקעלן פּאָליש
אין אַ היכל ווו כהאַלט פון פרעמדע אויגן אַ רואָפּגאָט
אַ באָגדיכאַנדל
ניט געזוכט צו דערשרעקן דיך מיט דער דזשעקילהייד קאָמבינאַציע
וואָס הויזט זייט־ביי־זייט אין מיר
די צווייאיקייט איז אַלנג שוין פאַרטאָפּיעט און געמאַכט אַן אייניקייט פון מיר
די צווייאיקייט וואָלט דיך אויפגעטרייסלט
וואָס געפינסט ביי מיר אין הויז
איז ווי איינער שטעלט זיך אַוועק פאַר אַ צווייטן
הוט אין האַנט
און זיין שטים ציטערט: 'זיי געבענטשט!'

צייט, האָט ער זיך טיילוויז צוריק דערוואָרבן צו אַ ביסל מאַטעמאַטיק, געשיכ־
טע, ביאָלאָגיע, צוריק ביז צום מענטשלעכן טריב). עס וועט זיך מער ניט

ווי איינער לויפט אָן אויף אַ צווייטן אין רעש
און פלעט אים צו מיט אַ דרענגל: ,נאַ דיר דיין לוין!׳

איך לייג אַרויס פאַר דיר אַלץ וואָס כ׳פאַרמאָג
אויסגעטאָן פון קאָנוועגצן
מאַך דיך גאַפן מיט די אַנטפּלעקונגען און שטאַמפּ מיין חותם
אויף דיין באַאיינפלוסטער פסיכע
דו וועסט דערפון זיך שוין ניט באַפרייען,
וועסט איצט ווי אַ פאַראָרעמטע פּרינצעסין זיך שלייכן צו מיר יעדע רגע
אַ קלאַפּ טאָן אין טיר
סיגנאַליזירן מיין אויפמערק
און פרעגן:

׳מעג איך אַריינקומען? כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָך אַ שטילקייט
מיין האַרץ פרעסט די וואַכיקייט פון הויז ווו איך געפין זיך
ווו אייניקס מעג מען
אייניקס איז פאַרבאָטן
דער קורס פון מיינע געפילן איז איינגעאָרדנט
אין אַ פאַרדאַמטער ענגער ראַם
דערלויבט איז מיר די הייל פון 4 אויף 4
אין וועלכער כ׳דאַרף זיך באַפרידיקן אַרומשפּאַנען שטענדיק
ווי די 4 אויף 4 ווו כ׳וועל אַמאָל זיך באַפרידיקן צו ליגן שטענדיק
מיין אָטעם שטיקט אין לופט פון צימערן מיט פאַרהאַקטע טירן
נאָר צאַם פאַר ליכט
ווו פענצטער זענען ניט פאַר ליכט דער וועג
ווו סטעליעס זענען טעמפּ אומגעשאַליעוועט געהילץ
ווו דילן זענען מיט אומעטעפּיכער באַדעקט
ווו ווענט זענען טויטהויל

עפּענען אַ ווונדערלעך פּאָרמירט מויל מיט צוויי רייען פּערלציין (ווי אויפן העלדזל, אָדער די זייגערל־דימענטלעך, צוליב וואָס זיך זוכן די מי פון פּיל־אימאַזשקייט?) כדי אויסצוקלאַפּן אין דער קאַלטער לופט סכעמאַטישע דערקלערונגען ווערגן זאַכן וואָס גייען אים ניט אָן, גייען איר ניט אָן: זי דענקט בלויז אז זיי זענען פון עפּעס אַ באַדייט פאַר איר. ער וועט אויף אירע דערקלערונגען ניט דאַרפן מאַכן קיין דעטאַליזירנדיקע קאָמענטאַרן, באַלייכטן זאַכן וואָס וואָלטן געמעגט פאַרבלייבן אַזוי ווי די נאַטור האָט

אין אַ הויז ווו ס׳טונקט זיך זאַטע עכאָלאָזע רו
אַ הויז
אַ שטייג
פאַר פייגל
וועמעס פליגל
זענען אָפּגעוווינט פון פליִען — — — — — —

ביסט ס׳באַגרענעצטע אין מיר (און רגעס פון אַגאָנישן קלערן
האָבן מיך דערקונדיקט) וואָס איז פאַרוואַנדט
מיט דעם גערוך פון בלומעןביימער ערד און הימל

ס׳אייביקע אין מיר (דאָס דיקטירט מיר מיין ניטשטאַמלענדער
אינסטינקט: וואָס זוכט זיך איינצוראַמען אין דעם פויגלשטייגל
אין אַלטעגלעכער הצטרכות) אין גייסט וואָס קלעטערט
צום הייב און זוכט אים דורכצובויערן

און לייד און בענקעניש פון געפּאָטערטן נידערן און שטייגן
(דאָס חלומט זיך מיר יעדע נאַכט) וואָס קלעמט מיך אין דער
צוואַנג: פון פאַסיון גיין־און־קומען

מיין פרייד מיין רוישיק גליק
וואָס דערנערט מיין גייסט אַנטפּלעקט פאַר מיר
בייע האָריזאָנטן (דערמיט זאָג איך
אַלץ: וועגן זיך) און שייערט פון גלוט אָפּ מיינע מוח־געזאַנגען״

זיי גראָד געבאָרן. איצט, חלומט וועלוול העלד, וועט זיך איר מויל צע־עפענען אונטערן דראַנג פון זיין ענטוועדער אָדער. קיינע פראַגעס פון „אויסערלעכע באַשרענקונגען“, דער טראַנססובסטאַנטיר פון זיינע פאַרלאַנגען אין איר באַצוג און די האַרמאָנישקייט פון נעמענגעבן, אָט אַן אינטערעסאַנטער ענטפער אויפן געמיש פון „לאַבאָראַטאָרישע עלעמענטן“. קיין „צעשפליטער פון כוונות“! זי'ט זיך נישט נעמען מער גלידערן מיט איר זייגערל אויף דער האַנט, הוט אויפן געטאָקטן קעפל: „פאַר וואָס זאָל דער מאָטיוו זיין דער הויפטמאָטיוו?“

אָט אַזוי אַראָפּנעמענדיק די צוים פון אינסטינקט שטויסט ער זיך אָן אויפן דרייעק פון אַ מעטאַפיזישן ענטפער.

וועלוול שפּאַצירט אום מיטן טרעמפּ אין פּאַרק. שניי אַרום. זי. ביי זיין זייט.

גאָרקי, הערט ער זיך אַליין זאָגן.

אָ'העגרי, אַמענדירט זי אַמעריקאַניש שטאָלץ.

און זיין פּאַרדראָס וואַקסט.

ניט באַדאַרפט פאַרלאָזן דעם אַלקער. ניט באַדאַרפט אין אַ סומנעם אָוונט זוכן צעשטרויך גראָד דאָרט ווו זי האָט זיך באַוויזן פאַר אים ווייל־מעסיק — פון דאַן אָן: אַן אייביקייט מאָמענט. יאָ באַדאַרפט: לאָזן זיינע פאַרקרעמפּטע פיס אים פירן צו אַ טרימאָנט עוועניו וואַנדלערין מיט רעוואָלוציאָנערע ליפּן וואָס גיבן־זיך־נאָך מיט אַ רעאַקציאָנער אינסינויִרנדיקן נאָכטעם, באַצאָלן מיט אַ פּיזיטל פאַר דער פּריווילעגיע, איר לייב מיט דיינע הענט פילן ביז זיי ווערן צוגעווינט צו דער צעקראָכענער וויכקייט. נאָכדעם אַהיימקומען ניט ברענגענדיק מיט זיך אַן אומפאַרמיידלעכן גאַסט: בענקעניש, אַפּראָדיטע חלומות, פאַרסמטע געפילעכצן.

און דאָ וואַרפט זי אָפּטע בליקן אויפן זייגערל און ער האָט נאָך גאָר־נישט געזאָגט, אַ וואָרט ניט. און זי ווערט אומרויִק. טאַטעמאַמע־איבער־טראַכטן. עסן. לעקציעס צוגרייטן. עס שטייען אים פאַר די אויגן: /(פּירוועגט מיט אַ פּאָר מאַקסוועל פאַרישס),/ פאַרטרוימטער כניאָקעוואַטער לודוויג וואָן, /(פאַלשע געטאָנטע פּיאַנע),/ פלושענער דיוואַן. אויך, זעצט אַ פּאַרע פון נאָר וואָס אויפגעגעבענעם פּאָלומיסעק אויפן טיש אין עסצימער און אין מויל ווערט די צונג די צוגעטריקנטע אַביסל פּיפּיקער פון דעם פּאָרגעפּיל.

זאָלן זיך אינען אַזוי גוט זיין זעצן צום טיש.

אַ שוידערלעכער טאָג הייטע. געקויפט אַ פּאָר צעבראָכענע הייז־קעס. מיט די מאַקלאַרזשעס איז ניט אויסצוקומען.

פּאַפּאַ, מיסטער גאָטה האָט קיין באַגריף ניט אין ביזנעס.

טאַקע, וואָס באַדערסטו אַ מענטשן ווען זיי דאַרפן גאָר עסן.

הערן זי, כ׳האָב נאָך ניט געמאַכט קיין גרויסע אינוועסטמענטס, און מיט מיין פראַו זיך שטיל געפירט דאָס געשעפט, געווען אַ פּיל רויקער לעבן. דאָס יוראָפּישע לעבן —

וואָס שרייבען עפּעס די צייטונגען? זי קערן וויסן. זיי זענען דאָך זעלבסט אַ שרייבער, הער דאָקטער.

פּאַפּאַ, מיסטער גאָטה איז ניט קיין דאָקטער.

אָבער זי זענען דאָך אַ געלערנטער. וואָס איז דער דיפערענץ.

זי האָבן זיכער איין דיפּלאָמאַ.

אַך, צו זיין איין געלערנטער מאַן איז ווערט אַלעס אין דער וועלט. אַלעס.

שרייבעריי איז פון די איידלסטע פּראָפעסיאָנען. זייער און זייער איין פיינע.

איך שרייב ניט אין קיין צייטונגען. איך בין אין אַלגעמיין ניט קיין שרייבער. איך בין אַ שלימזל. פּרעגט מרס. צירלער.

יאָ, אָבער אינענס מיסעס איז זאָגאַר איין שלומפּערדיקע פראַו, מאָל איך מיר, זאָגאַר איין אַלגעמיינע פראַו, זאָנסט וואָלט זי פאַרשטאַנען וואָס שרייבער זענען פיר לייטע. ווען איך האַבע נאָר וואָס געלאַנדעט אין אַמע־ריקאַ, נו איין מאַן —

אַך, צו זיין אַ באָרדער ביי איינער מיסעס איז עטוואַס גראַוזאַם! אַלציינס ווי וואָס.

דאָס זאָגן זי בעקאָז זי זענען אַן איידעלער מענטש.

פּאַפּאַ, קאָמפּלימענטיר ניט מיסטער גאָטה אַזויפיל. ער וועט זיך אָנהייבן איבערנעמען.

נאָ, איידעלע לויטע זינד לויטער באַשיידן. זי וויסן ווי און וואָס און וואָ.

שרייבער זענען ניט קיין אידעלע לויטע. דאָס האָט איר אייך נומער איינס. זיי זענען שוין גאָרניט באַשיידן. דאָס איז אַ ביי־כלל. און לעצט: זיי הייבן ניט אָן צו וויסן ווי ווען און וווּ.

דאָס זאָגן זי בעקאָז זי זינד אין דער פּראָפעסיאָן.

קוים מיט צרות געלונגען צו פּאַקן מאָניקאָן (טייערער לעזער, דאָס איז דער צאַרטער יעזויִטישער נאָמען פון גאַליציאַנער שניידערלס טאָכ־טער וועמען זין און אומזין האָבן צווישן זיך צעטיילט אויף דער העלפט: פון די היפטן אַראָפּצו און פון נאַקן אַרויפצו) אין אַ ווינקל און איר שטיל איינגערוימט די עטלעכע מאַגישע ווערטער:

קאָנט איר מיר אַנטלייען אַ פּאָר דאָלער?

און אַוועק; אין גאַס ערשט אַריינגעבליקט אין דער דלאָניע. פון דאָרט אין פּאַפּירל. דער ליבע דערקלער: אַ צוואַנציק דאָלערדיק פּיזיטל!

היידאַ אין אַלקערל אַריין.

חלומען צום טאַקט פון מרס. צירלערס קרעכצן און זיפצן אין שכנישן חדר. און ווי נאָר ער האָט אַריינגעשטעקט די נאָז, „העלאָ!" הערט ער פון דער פלימעניטשקעס מויל וועגן וועלכן עס זענען דאָ פאַרשיידענע ראיות: די מוטער דרינגט אַז ס'איז נאַרמאַ טאַלמעדזשס. דער פּאָטער, אַ קונסטשטודירער פון פּאַרוועטס־ראַטאָגראַוויזורן, טענהט אַז „גיי שוין, גיי: ס'איז ווי ביי דער דזשאַקאָנדע. זאָלסט אַביסל ווייניקער גיין אין די מו־וויס און מער אַריינקוקן אין פּאָרווערטס — — — —".

פענטעאוס: ווערן די ריטואלן געפייערט בייטאָג
אָדער ביינאַכט?
באַקכוס: מערסטן ביינאַכט. פינצטערניש איז
הייליק.

אַן אַריינגאַנג גרויס גענוג שפּינוועבס צו ציִען פּאָר אַ קליינעם צייט־פראַגמענט: איבער די שטיגן. פון די שמאָלע פענצטער: געלע פּאַנאָראַ־מע: פאַרנאַכטשנייאָפּבליץ אויף צעגעסענע רערן פון דעכער. אויסגעהילטע חורבות — שפּענער — בלעטערלאָזע ביימער־צווייגן.

דער צייטפראַגמענט: גרוישטיל. אין וועלוולען שטילט זיך רעגונג. זיינע שפּאַנישע שלעסער פאַרהילט אין אַשיקער גרויקייט: קאָמפּראָמיס

פון בלוי אויף ברוין: צייט פראַגמענטן, קלענער, גרעסער, גרויס. הינ־טער די צעהורבעטע סקעלעטן: אומדעפיניטע אויפפאַסונג פון גרויקייט: קרייציקונג פון בלוי מיט ברוין. די חורבות ריפּן טרעטן אַרויס קלענער, גרעסער, גרויס: שאַרף פאַרשטאַרצטע שורות פון רויט אויף געל.

דער צייטפראַגמענט: אין צייטפראַגמענטן: קיין אָפּטויש. אַ לופט־אַבסטראַקציע: שניי אין און אַרום: שטילער. קוים קוים צעשפּליטערטער וויספער. די ברעמען טוען אַ הייב דעם צייטפראַגמענט אַביסל העכער, העכער צום שטערן. די האַנט ציט זיך פייניקלעך צונויף אין אַ קראַמפּ־האַפטן בליק: אַהין: פון יענער זייט שאַרף פאַרשטאַרצטע שורות פון רויט אויף געל.

די שפּענער טונקלען זיך אין די חורבות בייכער פון די סקעלעט־הייזער, בליצן אויף ווי רינג־געפּאַסטע אגאטן אויף אַ ווייטער פרוי־האַנט אין אַ מיסטעריעזן פינצטערציטער פאַר וועלוולס אויגן.

אָט די טראַגישע אַגאַטן, שימערירט בליציק אויף אַ פּייערל אין וועלוולס פיינגעדאַנק.

אָט די דינע העלצלעך שפּענער, פינקלען האָריזאָנטאַלע שורות מיט־נאַכטשיין אין וועלוולס פיינגעדאַנק.

אָט די . . . ————————

(„מיר זענען נודנע ווי ביכער": ביכער זענען לעבנעכאָלאליע.

שורות זיגזאַגן אין דער לופט וואָס דירעקטירן: דאָס אַהער, סצוויי־טע אַהין: ווערטער, נייך, אותיות: פינטל צו פינטל, ליניעס געהאַפּטע: פון כאַמעלעאָן ביז כאַמעלעאָן: „ווען מענטשן זאָלן זיין ביכער, וואָלט איך, געטהע, זיי ניט געלעזן.")

אין פאַרכשופטן אַדעפּטקרייז (אַדעפּט פון וואָס: פון געדעכענישן וואָס לאָזן זיך איינס סצווייטע ניט אויסרונדן, איינגעראָיעט זיך ווי מיאוסע קלעפּיקע ווערימלעך אויף אונדזער האָריק שווייסיק לייב? שלענגלט זיך וויסטיק אין וועלוולס פיינגעדאַנק.)

זאָל שוין געשען, און איצט פאַרשטייט וועלוול אַז ער לאָזט זיך אַוועק אויף איינער פון זיינע פאַרברעכערישע — פאַרברעכערישע: קראַנקגייסט־

אונטערנעמונגען, געשען אַז „איך װעל אױסטראַכטן אַ מיטל װי אַזױ פֿאַר־ציִען מײַנע לױזאַטעמדיקע נאַר בליציקע קינסטלערישע בילדלעכע לעב־לאָזע שײַנקײטן, שײַנקײטן זאָג איך, מײַנע פֿלאַנען צו פֿאַרװאַרפֿן בריקן מיט דער הילף פֿון אַ פּרעציזן טערמינוסקול, װעגן און מעסטן די מילי־מיליאָסן מיליגראַמען און מילימעטערס פֿון יעדן שטױבעלע, פֿאַרװאַרפֿן אַ ריזיקע שפּינװעבסבריק איבער דעם תהומיקן שטח: פֿון אַ חללדיקן קראַנ־יום אַריבער צו אַ קאָמפּאַקט שטענגל בלוטטרױבן, אַ האַרץ כלי, אַ פֿלאַן געציפּערט אין דינסט געצײכנטן אַרכיטעקטישן בלױשריפֿט: דאָ, אױפֿנעם חדר: רױטע װענט, רױטע טאַפּעטן האַרמאָנירנדיק מיטן רױט װאָס שלענגלט זיך דורך איר רעװאָלוציאָנער לײַב, דאָס באַשײדן (כאָכאָ) מײדלש װעזן מיטן הוט אױפֿן געטאָקטן קעפּל, װײס ביליק בײַטשל ־ פּערל אױפֿן אַלבאַסטערהאַלדז און בראַסלעטזײגערל מיט געצײלטע דימענטלעך אױף איר האַנט װאָס דער צײַטפּראַגמענט האָט אָפּגעשטעלט אין דער לופֿט, מיט אַ מאַך, דורך אַ מאַניע אױף דער װאָך ———————— ״

די געלע חורבה: אַ קרײַץ פֿון בלױ אױף ברױן.

„———————— דאָ װעט זי אַראָפּציִען פֿון זיך דעם ברױנעם מאַנטל און די יאַכינט אױגן, אָניקס אױגן, טאָפּאַז אױגן, פֿאָספֿאָר אױגן װעלן שימערירן מיט זײער אױסעראָרדנטלעכער מיטיקהימל שאַטירונג. און װײס װעט אָנבאַגעגענען װײס. און אורזין װעט פֿאַרפֿולן דאָס גאַנצע געפֿלאַנטע הױז מיט זײַנע צװײ װײסקײטן און פֿאַרטרײבן אַלע אַנדערע קאָלירן פֿון שװעל ———————— ״

דאָס פּיזיטל װעט באַצאָלן פֿאַר אַ דריטל זשורנאַל: דינו.

„ ————————און קאָליערן װעט זיך װײסשנײ אין ברודיקן געלן שײַן. און װײס אױף אַ באָדן פֿון רױטע טאַפּעטן אין אַ רױט חדר אין שפּאַנישן שלאָס פֿאַרבײַט פֿון אַ שפּינװעבסבריק פֿאַרװאָרפֿן אַריבער: צו אַ קאָמפּאַקט שטענגל בלוטטרױבן, אַ האַרץ כלי, פֿון חללדיקן קראַניום.

און אױס מיטן קראַניום.״

.... גרוילעכע כמאַרעס און אַ רוזקייט אין אויר... סוגעסטירט שניי. אין אַלקער איז אַריין די דינסט. מיט געהיטע טריט זיך דערנענט צום בעט. „ער שלאָפט נאָך". אַזוי פאַר זיך אַ מורמל. מיט דיזעלבע טריט צו צום קאָמאָד קעגן בעט. פאַרזיכטיק גענומען אין אָרדענונג ברענגען קינדערשע הויזן, העמדל און קאַפּאָטעקלע. אַנדערע זאַכן פון קינדערשן גאַרדעראָב. אין אַ קופקע צוזאַמענגעדרייט געלעגן. אויף אַ ווייל געבליבן שטיין ניט וויסנדיק וואָס ווייטער טאָן. ווידער צו צום בעטל. „שטיי אויף, יאָנטל". צאַרטלעך מיט די שפּיצפינגער אַנרירנדיק אַ קינדערש הענטל. געשעפּטשעט. דערזען יאָנטלען זיך רירן. פון מויל פאַרדומפּטע קלאַנגען. דאָס הענטל אויף קאָלדרע פאַרוואָרפן אונטערן בלאָנדן קעפּל. אין אַ רגע אויף. פאַרוואונדערט באַטראַכט די שפּאַלירטע ווענט. דערזען דאָס פּנים פון אַן אומבאַקאַנטער פרוי...

וועז די שטיפמוטער האָט.

... ס׳מענטשל האָט אַ הילכיקן סאַפּע געטאָן, דערציילט דער רבי, אַראָפּגעטרייסלט פון דער צעשויבערטער באָרד די לעצטע דרויבלעך און ווייטער גענומען דערציילן.

דאָס איז שוין פאַרגעקומען ערגעץ אַנדערשוו, ס׳איז גאָר אַן אַנדער מעשה. דער פריץ איז געשטאָרבן. די פריצטע האָט זיך אפשר אַ צוויי־דריי־מאָל דורכשפּאַצירט איבער דעם גאָרטן. איר ווייסט דאָך. ווינטער. די וועגן זענען געפלאַסטערט מיט שטיקער געפרוירענע בלאָטע. צוויי־לעך אין די ביימער האָבן געפּישטשעט ווי פאַרלאָזענע הינטלעך אין אַ זאַסטאַווקע. אַ פאַסטקע. אירע לעדלעך (עזריאליק, האָסט שוין ווידעראַ־מאָל געגעבן אַ נפוח? גיי וואַש זיך די הענט) פלעגן זיך שלעפעריקלעך אַראָפּלאָזן אויף אירע אויגן ווי עמיצער וואָלט זיי להכעיס געפּרעסט. געדריקט. נידעריקער. אַזאַ ביטער מזל. אַפילו אויף זיי איז אויך אַ רחמ־נות. (עזריאליק, לאָז אָפּ דעם עק ביי דער קאַץ, לאָז אָפּ, די גוי גמור!) די יונגע שרצים זענען זיך צעלאָפן. דער עלטסטער האָט כאַסליערו געהאַט (פרעג דעם רבין צי האָט ער אויך באַדאַרפט מאַכן אַ סיום ערב פסח און תשעה באב אויף מסכתא כלה) אין אַ כרך ערגעץ. דער הצפירה האָט דאַמאָלסט געשריבן. יאָנטלען קומט אויס פונקט ווי מ׳וואָלט זיינע אויערן אומגעלונגען פאַנאַנדערגעטיילט, גלייך ווי זיין כוח השמיעה וואָלט באַ־

שטאַנגען פון שטיק אויף שטיק פלאַכטע חלה אין דער שטיפּמאַמעס ערב שבת באַקן, אָדער: וואַטע אין אַפּטייק פאַרקויפט פון אַ גרעסער שאַכטל פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס אַ וויקל (פרעג דעם רבין ווער איז דער פּריץ), איינער פון יענע פון וועלכע מ׳דערציילט זיך אָן אין דער מעשה בג׳ אחים, וועמעס רייכטום איז באַשטאַנען פון מאַיאָנטקעס, וועמעס פּאַלאַצן האָבן פאַרמאָגט עשירות אין באַטרעף פון קרחס אוצרות. (עזריאַליק, דו מיינסט איך וועל זיך לאַנג מאַכן ליעלע פּאָליעלע מיט דיר?) וועמעס פערד זענען געווען פלאַמפּייערדיקע. ניט געוואָלט איינשטיין אין געשפּאַן. פון די קאָפּיטעס בליצט — (הערזשע זיך איין עזריאַליק, אויב׳סט ניט איינזיצן מיט גוטן ל׳איך פּרווון מיט שלעכטן. געדענקסט ווען די מאַמע האָט דיך פאַרקלאָגט פאַר צוגנבענען אַ פרייטיקדיקן פּידפּאַלעק? געדענקסטו ווי זי האָט געזאָגט ביים אַוועקגיין „ני זאַטשעפּאַיטע דיטינו״? דאָס הייסט איך זאָל דיך הרגענען ממיתן. שאַנעווע זיך, עזריאַליק, אלא ניט וועסטו ביי מיר ליגן אין היגערפּלעט!) ווי די מעשה איז געווען באַשריבן אין הצפירה, קינדער, איז עס וויזט אויס געווען אַזוי.

רב צאַליע האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אַרומגעטאַפּט דעם צעשפּיליעטן קאַמזויל, אַראָפּגעוואָרפן די פּאַנטאָפל, אַרויס מיטן טייטל און אָנגעהויבן מיטן קול פון זיין אייגענער ציג אויסטייטשן ישעיה צו גוטן. פון יעדער קללה איז געוואָרן אַ ברכה. רב צאַליע האָט פּלוצים אָנגענומען ס׳אויסזען פון אַלגעמיינעם רעצענזענט וואָס, אין דער שפּראַך פון קרילאָווס זיידן, אין דעם פּאַבלשרייבערס באַרימטן נעקראָלאָג, רעדט אַזוי צו זיין זון דעם יונגן קינסטלער: „גענוג! גענוג זיך געלערנט! מעגסט זיך שעמען אין טיפן האַלדז אַריין! דו דאַרפסט זיין אַ ייִדישער דיכטער! טאָרסט ניט וויסן צופילן!״ דער ייִדישער קינסטלער האָט זיך באַנוגנט מיט אַזאַ פּאָרשלאַג. במילא איז זיין ליבע צו ביכער ווי צו דער שפּאַנקע. טיעטיעטיע! ניט צוצוטרעטן איצט צו אים מיט קיין בוד! אָט טאַקע נעמט ער איך לייענען. אָט צעפּוצעדראַלעוועט ער זיך! און ער פאַרלאָזט זיך אויף רוסאָ. רוסאָ! אָט אַ גרויסער מענטש! געהאַלטן בלויז פון פּרימיטיוון. עך רוסאָ! אַ נערבע אויף דיר, רוסאָ! ער ווייסט דיין נאָמען אָבער דיך אויך ניט געלייענט. האָסט זיך אַליין אָנגעמאַכט.

הכלל, וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען, אין יענער צייט ווען מושאל טישנאר האָט אַפּעלירנדיק געפּרעדיקט אין די אַמעריקאַנער גאַזעטן פאַר

יידישע לעזער צו לייענען בלויז דאָס וואָס איז לויט זייער פאַרנונפט; מיט עטלעכע צוואַנציק הונדערט יאָר נאָכדעם ווי אַ געוויסער גריכישער באַר־באַר. אַ מטופל מסתם מיט גייסטיקע קינדער, האָט דערקלערט אַז דער פּרובירשטיין פון אַ געבילדעטן מענטש איז צי פאַרנעמט ער זיך מיט שווערערע ענינים ווי ער פאַרשטייט, אויסשפרייטנדיק אַזוינאָך דעם שטאָ־כעטן־שטח פון זיין פאַרנונפט; ווען מאַטילדאַ קורץ איז געווען אין אַלע אַנשטענדיקע קאַטאַלאָגן און אין ש. קורצן האָט נאָך געדרימלט דער פראָ־לעטאַרישער דיכטער; ווען דער נאָוועליסט פאַרסטער האָט אָנגעהויבן פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגן ראַפינירטע לייענער און רעגינאַ פערשטער האָט זיך נאָך אפשר געקוויקט מיט מאַמעליגע און פאַפשוי אין איר בע־סאַראַביער שטעטל און ניט פאַרדאַכטיקט אין זיך „פלער דע מאל" כוחות; אין יענער צייט אין אַ באַשטימט יאָר, פעסטגעשטעלטן חודש, זיכערער וואָך און געוויסן טייל פון מעת לעת האָט וועלוול זיך צעצוויפלט צי דער וועטער וועט אים דערלויבן אַרויסגיין אין גאַס. ער האָט צוגעזאָגט קאָ־לעגע בלאָשטיין (מיט בלויע אויגן און פאַסיקן האַרץ, אַ פאַטאַלע נאָמענט־לעכע באַגריגדונג) צו קומען צו אַ טיילווייזער זיצונג פון דער קאַדאווע־ריסטישער גרופּע.

קאַדאוועריסטן, טראַכט ער, וואָס נאָך?

עס גלויבט זיך נישט אַז ביי אונדז לעבט זיך אויס אַ שולע. אַ שולע, אַ שיטה ביי אונדז, ניט אַנדערש ווי ביי די אַנדערע אומות, הייסט נעמען דאָס ביסל קונסט, דאָס ביז־איצטיקע, צוברעגגען עס צו אַ רחבותדיקער געביידע (א. מ. ע. ה.), אָן טירן אָן פענצטער, פול מיט טאַראַראַם וואָס ווערט געבאָרן, בלעזלט זיך, און לעבט זיך אויס איינסצוויידריי אין אַ געוויס ווינקל אַרום איסט בראָדוויי ווו עס טראָגט זיך אַ הוהאַ פון פּרוכט און שווידערלעכן געשטאַנק אויף צעלעכצטע שטופּעגעלעך, אויס געשעפטן פון ווייבער־מענער־קליידער אין אויסגעפּוצטע וויטרינעס, פון אַ צענגאָרנ־דיקער געביידע, אַרכיוו פון בינטלעך הייבריוו פון לעכצנדיקע נשמות, נשמות ס'לעכצן נאָך ברויט, פּוטער, זויערע אוגערקעס, גראַמאָפאָנדלעך, אַוטאָמאָבילן, אייגענע הייזער, בילדונג און ליבע: פרויענליבע, מענער־ליבע, קינדערליבע, עלטערנליבע. די אַנדערע צייטונגגעשעפטן עקספּלואַ־טירן אַנדערע פאַרשטאַנענע אָפּגעשטאַנענע אויסגעשטאַנענע קעגנשטאַנדן פון דער טויזנטיעריקער מענטשלעכער פּסיכיק. דאָ, אָפּגעזען פון זעלטע־

נעם שמץ שאַצווערט האָדעוועט דאָס אומציכטיקע אַלט־בטלנישע מאָראַ־ניש־ליטעראַרישע מעכאַניש־אונטערמענטשלעכע רעפאָרמאַטאָריש־עגאָצענט־רישע אַפּאָסטאַטיש־מיטלמעסיקע מעגאַלאָמאַניש־אינטערנאַציאָנאַליסטישע לעקישעוואַט־נאַציאָנאַליסטישע פּראָפעסיאָנעל־אַלטרואיסטישע פאַנאַטיש־אידעאַליסטישע פּראַלעטקולטיסטישע (ריזלענדיק דינלינִיק פון יוניאָן סקווער) רויכלאָזנדיק־אָפּטימיסטישע זעלבסטרעקלאַמירנדיק־פילאַנטראָפּיס־טישע — ניט ערגעץ אַנדערש נאָר דאָ אין סאַמע רעכטן ברען פון דעם גע־מיש זענען די קאַדאוועריסטן אין אַ שיינעם צווישנצייט אַפּירמירט געוואָרן.

„מיר, די געהייליקטע אין אומזעליקן כאַאָס פון אייער אומפּאַראַנט־וואָרטלעכער עקזיסטענץ, קומען צו אייך, אָן רחמנות, מיט פּאַטאָס, אייך וואַרפן אין פּנים אַריין: שלעגערישע ווולגאַריאַנעס! גאַס־סאָציאַליסטן! שוטים־קאָלעקטיוויסטן! פּאַראַנאָישע באַלשעוויקעס! מעפּיטישע סינדיקאַ־ליסטן! מעכאַניש־געדאַנקלעכע פּעטיש־עוואָלוציאָניסטן! מאַסן־בילדונ־גיסטן! טאָלסטאָיאַנער, בערגסאָניאַנער, ניטשעאַנער, קראָפּאָטקיניאַנער, פּרודאָניסטן, שפּייענדיקע מאַזאָכיסטן.

„ניט נאָר אייך, אויסדערוויילטער פלעבעיאַנער אויסוואורף, נאָר אויך יענע מאַלפּעדיקע פוטוריסטן, סוגעסטיאָניסטן, חוזק־דאַדאַיסטן, קוביסטן, שווידערלעכע פּסיכאָאַנאַליסטן, וועגערישע ספּיריטואַליסטן, זשעדנע פּסי־כיאַטריסטן און שוים־שפּריצנדיקע מאָדערניסטן —

„אויך אייך הייסן מיר זיך אָוועקזעצן ביי די בלאַנדע צעבערס פון אונדזערע פּאַטעטישע קיכן, און טרינקען דער באַלעבנדיקן וויין, וואָס רינט אָפּ פון אונדזערע קאַדאַוועריסטישע שאַפּונגען, וואָס שטראָמט אָפּ פון צווישן אונדזערע שורות. שווינערייַ, איז דאָס פיינסטע, וואָס מיר קאָנען זאָגן וועגן מאַרינעטיס טאַקטיליזם, און דאַדאַ האָט זיך זעלבסט פאַר־טרעפלעך גוט באַצייכנט: גאַגאַ, גאָרניט, אבראקאדאברא, טשעפּוכאַ! זאָלן דעם איטאַליענישן רבינס פאַשיסטישע תלמידים טאַפּן שטיקלעך פּאַפּיר וואָס אויף זיי דאַרפן געשריבן ווערן לידער, און בעתן טאַפּן, פּאַקן די געהעריקע אָנונג פון קאָלירן, און עמאָציעס. קאַדאוועריזם, ווען ס׳קומט צום טאַפּן, האָט אַ פּאָרצוג: פון — געשלעכט, געשלעכט. קאַדאוועריזם, איז דער איינציקער אמתער, און ס׳מאַכט אויך ניט אויס אויב ליגנערי־שער, תמצית פון פּאַטעטישן שאַפן. זיין אויסדרוק ליגט אין פּאַגאַ־פּאַגאַ וואָס רעדט זיך אַרויס פּאַנגאַ־פּאַנגאַ (אַפילו פון אַ ניט־פּאַנפּעוואַטער נאָ־

ניע) ניט אַכטנדיק וואָס עס ליגט אויף אַ בנעימותדיק אינדזל, מיטן נאָ־מען טוטיליא, כאָטש סאמארקאנד קלינגט שענער. קאַדאַוועריזם איז אַ גאַראַנטיע פאַר דעם, אַז ווירדזשיניאַ דעיר איז דאָס ערשטע ווייסע קינד געבאָרן אין אַמעריקע, אין 1587, אין ווירדזשיניאַ. קאַדאַוועריזם איז אמת, אויב אַפילו סנאָר טאָרפינסאָן (ניט דער אָריגינירער פון די ליטווישע סנאָרערס), דער זון פון טאָרפין און גודריד קארסלעפני, איז דער ערשטער געבאָרן צו ווערן אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט (ווי די ייִדישע פּאָעזיע מיט אונדז), אין ווינלאַנד, דער ישוב פון איצטיקן מאַסאַטשוזעטס־לאַנד (וואָס גיט אונדז לעבעדיקע טעמעס מיט עלעקטריזירטע מענטשן), באַ־גרינדעט דורך לעיף עריקסאָן אין 1007.

„קאַדאַוועריזם, זאָגן מיר, איז די אורזאַך פון מענדעליס פּראָוויג־ציאַלן ייִדיש, שוידערלעכן וואָלינער ייִדיש, דעם גוייִשן יעדעש, אָדער אידאַש, בעלאָזאָרקער ליכטס יאַדיש, דעם אַרבעטער־פּירערס יודיטש, שלום עליכמס דורכפאַל מיט דער פאָלקס־ביבליאָטעק, אַנאַטאַל פראַנסעס (מיר זענען פאַר, צווישן, נאָך אַלעמען אַ־נאַציאָנאַל, ווי מירן עס באַלד גרינטלעך באַווייזן!) ערשטן פאַרליאַפּען זיך אין אַ ביליקער אַקטריסע, פּאָנטאָן, אַ ראַזירערס אַ טאָכטער, און ראַבלעיס געבורט אין 1553 און דעם פאַרבאָט פון זיינע ווערק צו צירקולירן היינט־צו־טאָג.

„אַלץ, וואָס ווערט שורשדיק געטאָן, (איינגעטאָן, אָפּגעטאָן, אויסגע־טאָן,) פון אונדזערע, און עמעצן אַנדערשס, הענט, איז קאַדאַוועריסטיש, און, דערפאַר, עכט. אַמווייניקסטן קאַרפּאַטיש אָדער שלייענדיק. אַלץ, וואָס איז ניט זוכה צו דערגרייכן דאָס שאַפערישע ווילזיק פון אונדז אָדער עמעצן אַנדערש, איז אומקאַדאַוועריסטיש, אַקאַדאַוועריסטיש, אַזוי צו זאָגן. שעקספּירס אָפּטרייסלען זיך פון קאַדאַוועריזם האָט אים געמאַכט צו ווערן אַ פּלאַגיאַטאָר פון געדאַנקען, אינצידענטן — שטעלעס גאַנצע פון זיינע פאַרלויפער און פאַרלויפער. מאַליער וואָלט ניט געוועז באַדאַרפט אָפּשרייבן גאַנצענע סצענעס, ווי זיי שטייען און גייען, פון איטאַליענישע קאָמעדיעס ווען ער זאָל זיך געווען אונטערוואַרפן דעם קאַדאַוועריזם. פּאַוף, וואָלט ער זיך געווען דערטראַכט צום קאַדאַוועריסטישן, האָט ניט גע־דאַרפט קומען צו דער שטופע פון שענדלעכן מתוודה זיין זיך: „איך האָב

זיך באַנוצט גאַנץ פריי מיט אַלץ וואָס כ׳האָב געלייענט״. אַלפרעד דע מיוסע און היינע וואָלטן ניט געווען געהאָדעוועט אַזאַ עזותדיקן נאָכאַמער ווי אָען מערעדיט אין זיין „ליוסיל״. און סטוירן וואָלט זיכער ניט באַדאַרפט אָנקומען צו פּאַרצייטיקע שרייבער, כדי אַרויסצוקריגן פון זיי די בעסטע פּאַסוסן פאַר זיין „טריסטאַם שענדי״, און ערשט אַליין באַשולדיקן בוירטאָנען אין פּלאַגיאַריזם. אַפּילו ד׳איזראַעלי, אַן אונדזעריקער באמת, מעג פּאַררעכנט ווערן צווישן דעם ביליקן מין: זיין באַרימטע רעדע וועגן וועלינגטאנען איז דער סובסטאַנץ פון טיערס אַרטיקל איבער מאַרשאַל סאַן־קיר. טשאַרלז ריד באַנוצט זיך פאַר זיין „וואַנדערדיקן יורש״ מיט סוויפטס אַן „אנשטענדיקן שמועס״. דע קווינסי וויזט קלאָר ווי קאָל־רידזשס הימן איז אַ פּאַראַפראַז פון אַן אומבאַקאַנטער דייטשער פּאַר־פאַסערין, פרעדעריקאַ בראַונס „שאַמוני און זונאויפגאַנג״. בענדזשאַמין פראַנקלין האָט דערקלערט לאַגאַנס איבערזעצונגען פון „דע סענעקטוטע״ פאַר זיינע. פראַנקלינס עצות איבער שכרות זענען אַנטנומען פון דזשערעמיא טיילאָר. לאָנפעלאָס אַן איבערזעצטער מעטרישער פראַגמענט פון אַנגלאָזאַקסיש איז ווערטערלעך די אַרבעט פון דעם גייסטלעכן קאָניבעיר. טאָמאַס האַרדי האָט אַרויסגעלקחנט אַ גאַנץ קאַפּיטל פון „דזשאָרדזשיא סצענעס״, אַ האַלב פאַרגעסן ווערק פון אַן אַמעריקאַנער הומאָריסט, און מיט אומבאַדייטנדיקע ענדערונגען עס אַריינגעפלאָכטן אין זיין „טראָמפּעט מיידזשאָר״ און דאָס אַלץ איז די אורזאַך פון אַקאַדאַווערישן צוגאַנג צו דער קונסט. אונדזער אייגענער קאַדאַווערים פירט אונדז אַזוי ווייט צו דער בלויער שוועל פון איינציקן קינסטלערישן מיניאַנצן אמת, אַז מיר קאָנען אַפילו ניט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז דעם גרעסטן טייל אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן זי אַזוי קינסטלעריש פאַרוואַנדלט, איז לייכט צו געפינען אין אַ זעלטן אַמוזאַנט ביכל „ליטעראַרישע קוריאָזי־טעטן״, אַגב דאָס לעצטע איז אין תוך אַן־אום־ניט־קאַדאַווערישע... אאזו.״

ממנו, הנ״ל.

טא!

פאַרוואָס זעט מען אייך ניט? אַזוי לאַנג שוין ווי כ׳האָב ניט געזען קיין איינציקן אינטערעסאַנטן מענטשן, לויטער קאַדאַוועריסטן! און איר ווייסט דאָך ווי כ׳האַלט פון זיי, פאַרלירט אַ קאַדאַוועריסטישע קרובה ביי דער טיר אַריינלאָזנדיק ווערלוולען.

אָ, ווערלוול גאָטה, שוין לאַנג אייך ניט געזען. שלום! ווו ווערט איר עס פאַרפאַלן?

מען זאָל עס אייך אַמאָל אָנזען אין קאַפע.

גאָטה איז דער איינציקער פון אונדז וואָס בויטיקט זיך ניט אין דער קאַפע ווי אַ נערוון־לאַקסאַטיוו.

מיר האָבן נאָרוואָס געהאַלטן אין שמועסן מכוח דעם וואָס אין יידיש זענען שוין דאָ פּרווושטיינער פון אַ ליטעראַרישן קולט וואָס זענען דער טייל פון רייכטום וואָס אַ שפּראַך בויט פאַר זיך מיט דעם בלי פון פאָלק און ווערט דאָס הויפּטגוטס דערגרייכנדיק די רייפקייט אין זעניט פון פאָלקבלי, אַנטפּלעקט זיך פאַר דער וועלט ווי אַ נייע נאַטור־געשאָנקענע זון.

פּאָעזיע, למשל. מיר האָבן שוין זיכער גוטע לידער. פאַרמאָגן מיר שיינע?

וואָס איך וואָלט וועלן וויסן איז: ווו ליגט די קראַפט אין אונדזער שאַפן? ווו הייבט זיך עס אָן אויב ניט מיט אונדז?

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. איך האָב פיינט די פוילע שטיק. יוד למד פרץ איז אונדזער יידישער לאַמאַנאָסאָוו. געוויס אַ דאַנק דער צייט אין וועל־כער פּרץ האָט געלעבט איז ער געווען מער אייראָפּייער ווי דער עליזאַ־בעטישער קולטור־טרעגער. דידאַקטיק, טרוקענע און מענטשנפאַרצערנ־דיקע, איז אין פּרצס ערא געווען אויסגעשפּילט, פאַרשטויבט אין בוכוואַרג אויף די פּאָליצעס געלעגן. עקספּלואַטירט האָט ער אַן אינטערעסאַנט פעלד, דעם נעאָ־חסידיזם.

אַנטקעגן וואָס ברייעסטו דאָס, ווער דאַרף עס?

איך זאָג עס קעגן דעם וואָס מיר ווילט זיך וויסן אָט־וואָס: קענען מיר, די געקומענע, בויען דערויף עפּעס? איז מעגלעך פאַר אונדזערע דיכטער, פאַרכאַפּט אַזוי אומדערוואַרט אין פּסיכאָז פון 20טן י. ה., געפינען דעם אָפּגעריסענעם, געפּלאַצטן פאָדעם וואָס האָט זיך אין דער „נעכטיקער יידישער אַטמאָספער" פאַרלאָרן מיט פּרצס טויט? אָט וואָס איך מיין!

ווו איז אַסמאַן, אבן?

ווּוּע? אַ געלעכטער! שוין ניט רעדן פון שרייבן, שרייבן, איז דאָך יצחק ליבוש פּרץ געווען אַ פּערזענלעכקייט. און די שאַפונגען פון פּערזענלעכקייטן אין אַנדערע לענדער, ביי אַנדערע פעלקער, ווערן פאַרגעזעצט דורך נייע שאַפער אויף וועלכע ס'פאַלט ווי טראַדיציאָנעל דעם פאַרלויפערס ליטעראַרישער מאַנטל.

אונדזער ליטעראַטור איז אין דער, ווי אין וואָס פאַראַ היניכט, ניט ענלעך צו אַנדערע.

וואָס הערט זיך מכּוח שלום עליכמען? עפּעס אַ טעאַריעלע?

כ'מיין ניט קיין געלעכטער. שלום עליכם אין כתרילעווקע (יעדער פון אונדז האָט די ערשטע קאָנטשאַפט מיט אים געשלאָסן אין כתרילעווקע), איז געווען אַן אַנדער געריכט ווי דאָס, וואָס מען דערלאַנגט אונדז דאָ אין ביבליאָטעק — — —

וואָס, דו האָסט ניט קיין אייגענעם שלום עליכם?

לאָז ריידן: ...אין ביבליאָטעק פאַר די טירן פון וועלכער דער קאָסמאָפּאָליטישער באַנאַנע־פעדלער קוויטשעט אויס אין איטאַליעניש די פרייזן, און אַנטקעגן בלאַנקט אַזוי שרייענדיק דעם קינאָגראַפס ביליקער רעקלאַם וועגן היינטיקן לייוונט־שפּיל. דאָרט, אין אַלטן כתרילעווקע, האָבן מיר געפּילט, משיג געווען דעם אמת שפּרודלענדיק אין זיינע זאַכן ווי פון אַ פרישן שטיינקוואַל. דאָ אָבער, מיט דער באַן אָן פערד טאַקע אויף אַן אמת, ניט קיין קלויז און בלאַטצייטונג סענסאַציע; מיט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון זיינע ביכער: עטוואָס מער ווי חלום און עטוואָס ווייניקער ווי פאַרגאַנגענהייט, לאָזן זיך די ברילליאַנטענע פאָלק אמתן ניט אַזוי אינטענסיוו מערקן. מיר ווילן זיך שפּיגלען אין די וואַסערן און זען אונדזער אָנבליק אין זיי. און זאָל עס געזאָגט ווערן ווייל ס'איז מעגלעך: דערפאַר וואָס מיר קוקן אויס ניט ווי מיר וואָלטן וועלן אויסזען, גלויבט

זיך אונדז, אַז דער חסרון איז דעם שאַפּערס, ניט דעם לעזערס. דאָך, זיינע קלייניקע זאַכן, ווי מעשות פאַר יידישע קינדער, אַ שטייגער, וועלן עפּעס געבן, און אפשר זייער אַ סך, דעם דיכטער, וואָס וועט זיין גע־נויגט צו גיין טריט ביי טריט און ווייזן אונדז די עוואָלוציע פון דעם פאַרבענקטן יינגל מיט זיינע כתרילעווקער אידעאַלן און אינטערעסן אין אַן אינטעליגענט מאָדערן שניפּישאָק. די צרה איז, וואָס די צייט איז ניט סטימולירנדיק דערויף. עוואָלוציע איז אין קיין געביט ניט דער מאָ־טיוו איצט. אויך אין בלוט פון ליטעראַטן איז רעוואָלוצע דער הויפּט־מאָטיוו. אונדזער דור קינסטלער וועט, קאָנטיק, ניט נעמען שלום עליכמען און זיין מאַטעריאַל פאַר אַ ווייטערן ליטעראַריש לאָגישן אַנטוויקל.

פיין. פיין. ביסטעך אַ גאַנץ נישקשהדיקער לעקטאָר. כ׳האָב עס קיינ־מאָל ניט פאַרדאַכטיקט אין דיר. איצט דערלאַנג אונדז עפּעס מכוח די־נעזאָגנען אָדער מענדעלין. איינער פון זיי האָט זיכער באַדאַרפט באַהאַנדלט ווערן פאַר פּרצן און שלום עליכמען.

גוט, אָבער געדענק, ברודערקע, דאָס: אַזוי ווי די לעצטע צוויי זע־נען דירעקט און אומדירעקט פאַרבונדן מיטן זיידן, און דינעזאָן איז באַוענט געשטאַנען צו פּרצן און דער איינפלוס פון איינעם אויפן צווייטן איז, כאָטש אומבאַמערקט, אין זייערע שאַפונגען — — —

דו ווייסט, באַנוצסט אַביסל צו אָפט דאָס וואָרט שאַפונגען!

האָסטו מיר אַ דאגה — — — ווי כ׳האָב געזאָגט איז דער איינ־פלוס געגאַנגען ווייטער ווי אין זייערע פּערזענלעך־מענטשלעכע באַציונ־גען. דערפאַר דאַרפן מיר זיי אייגנטלעך ניט באַטראַכטן אין דער לעקציע אָדער אָפּהאַנדלונג, ווי דו רופסט לגנאי מיין שטעלונג, ווי אַ פענאָמען. און דאָך איז עפּעס פאַראַן צו זאָגן וועגן זיי אַזוינס וואָס איז נאָר טיילוויז געזאָגט צו ווערן מכוח די אַנדערע. מענדעלי האָט געשריבן קינסטלערישע זאַכן, און ערנסט גענומען פאָרם, ניט קוקנדיק דערויף וואָס אויף זיינע ווערק, ווי אַ גאַנצס, ליגט אַ מאַסאָווע ווי אויך אַ מאַסיווע אַלאַי. און דאָס וואָלט אים באַדאַרפט אַוועקשטעלן נעענטער צו אונדז ווי די יינגערע יידישע קלאַסיקער.

דאַנקען גאָט וואָס דו האָסט אויסגעלאָזט דעם הומאָר און הומאָר־לאָזן עלעמענט פון דער מענדעלי־פּרץ אָקאַזיע.

דאָס לאָז איך צו משה גראָס. ווען מענדעלי וואָלט נאָר ניט געווען

טראָגן די לאַסט פון מדריך וואָלט ער, קאָן זיין, אין אַ צייט ווען און אַן אַטמאָספער ווו עסטעטיק אין שאַפן איז די דירעקטע אַקציע קעגן באַלאַסט פון אידייען, אונדז געווען געגעבן אַ רייכן מאַטעריאל פון שפּראַך־איבונג, וואָס ער האָט אונדז, גלויב איך, ממילא געגעבן, כאָטש ווער קוקט זיך דען אום דערויף! אַזוי בלייבט ער אונדז אָבער פרעמד. דאָך ווילן ליבהאָבער פון יידיש, אַלטן יידיש, וואָלינער יידיש, פאָלקלאָר, אים לייענען נאָך אַ לאַנגע צייט. עס וועט נאָך פיל נעמען, פונדעסטוועגן, ביז מען וועט מענדעלין — זיינע זאַכן און זייער ווערט פאַר אַ צוקונפטיקער ראַסאָווער יידישער קולטור — „אַנטדעקן".

אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, וואָס זשע ט'טאַקע זיין? האַ!

וואַרט, ביסט נאָך ניט פאַרטיק מיט מיר. זאָל דער ראָמאַן שפּראָצן אין מאָדערנעם יידישן לעבן, כ'מיין מער ווי אין דער ליטעראַטור, וואָלט מען געמוזט באַהאַנדלען טעמעס צייטמעסיק, ניט דינעזאָניש, ניט ספּעקטאָריש. אָבער זייערע הילצערנע העלדנס איינציקלעך וואָלטן געמוזט באַנוצט ווערן פאַר מאַטעריאַל. איז אָבער די שיינע פּראָזע, דער ראָמאַן, די לאַנגע דערציילונג ניטאָ נאָך ביי אונדז. ווו ניט ווו שלאָגט זיך דורך דער פּראָזע־פראַגמענט, אַ מיקראָסקאָפּיש בילדל, אָבער דאָס ווייסט ביי אונדז איטלעכער אַז קיין ווערטפולע ראָמאַניסטן זענען נאָך ביי אונדז ניטאָ.

איך מוז זיך זען מיט אָפּאַטאָשון, ראַבאָיען, כאַאימאָוויטשן און אַשן, שוין ניט צו ריידן פון האַראָנטשיקן, זינגערן, פוקסלען, וואַרשאַווסקין און די אַנדערע ליבינקאָבריגבאַשעוויסמאַסטבוימראַקלעווינזאַראָמבאַדייקסלעפּשטיינגעלבוימסעגאַלאָוויטש און טאַקע רייזענען און ראָזענפעלדן און אויסגעפינען — — —

קינדער, וואָס האָט איר זיך צעבעבעט וועגן דער פּראָזע? ווער דאַרף זי? זענען מיר פּאָעטן צי ניט? דאָס ליד, גאָד דעמיט!

זעט איר, פאַרן ליד קאָן קיין פאָרלויפער ניט זיין. פּאָעזיע איז די ווילדע פרייע געבענטשטע בלומע, וואָס ווערט געבאָרן איבערנאַכט און דאָך לעבט זי איבער אַלע גרעסטע פּראָזעס. דער דיכטער וואָס האָט נאָר וואָס פּראָקלאַמירט ליבע צו דער גאַנצער וועלט מעג אַ האַלבע שעה שפּעטער זי משלח זיין צום טייוול. אוןביידע צוגאַנגען — ווונדער איבער ווונדער! — זענען אמת פּסיכאָלאָגיש אינהאַלטלעך פון קינסטלערישן, יוסטיציא פּאָעטיקאַ, שטאַנדפּונקט, פאַרשטייט זיך, אויב נאָר. דאָס איז געוויס

דער זין, פאַרוואָס לידער נויטיקן זיך ניט אין קיינע פאָרלויפער כדי פאַר־וואָרצלט צו ווערן אין אַ פאָלקס קולטורעלן באַוווסטזיין. ספּאָנטאַן, אומ־פאַרטראַכט, מיט אַ באַלאַנסירן ניט פון די געהירן, נאָר וואָס קומט פון האַרצן, שפּרייט זיך דאָס ליד איבער דעם דיכטערס פאַנטאַזיע און פונקט אַזוי שפּרייטן זיך די ווערטער ווי פייגל איבער דעם פאַנטאַסטיש ווייסן פּאַפּיר. אין אַנדערע ווערטער: בעת פּראָזע איז באַטראַכטע, אויסגערעכנטע אַרבעט ט״יילווייז, אַרבעט וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם שרייבערס אַלמענטש־לעכן אינטעלעקטועלן באַוווסטזיין און קינסטלערישער סטימולירונג, איז פּאָעזיע אַ מעדיום פון שאַפונג וואָס איז דורכויס אינדיווידועל ביז צו נאַקעטקייט און האָט גאָרניט צו טאָן מיט פאַרגאַנגענער קולטור. דער־פאַר, אויף וויפל מיר ווייסן, דאָס בליִען פון פּאָעטישער קונסט ביי פּרי־מיטיווע פעלקער אין קינדערשן פעריאָד פון זייער עקזיסטענץ. און וואָס פּרימיטיווער דאָס פאָלק, אַלץ סובסטאַנטיווער זיין פּאָעזיע — אַלע: ביבלס, וועדאַס, מאַהאַבאַראַטאַ, אַלץ פערזענלעכער און אומפּראָגראַמער.

מיר שיינט אַז דזשאָן סטואַרט מיל האָט אין דער פראַגע אויסגע־דריקט איינע פון זיינע שאַרפזיניקסטע מיינונגען. לויט אים וואָלט געווען אַ רחמנות, פּאָעזיע זאָל זיין אָן אויסנאָם אין דעם גרויסן געזעץ פון פּראָגרעס וואָס האַלט אָן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. פאַר וואָר ווי ער דענקט, איז עס ניט. די מאַשינעריע פון אַ ליד איז ניט ווינציקער להוט אויסגעבעסערט צו ווערן ווי די מאַשינעריע פון אַ באַוול־פאַבריק. טאָ פאַרוואָס פאָרט זאָל דאָס ליד רעטראָגרעסירן צו איינהאָרנען ווען די באַוול־מאַשינעריע קערט זיך ניט צוריק צו פאַר־ארקרייטס צייטן?

וואָס הערט זיך, אויב אַזוי, מיט מאָדערנער פּאָעזיע ווו איינער זעט אין דריי־דימענסיאָנעלער פאָרם, דער צווייטער אין ווינקל, גראַדיקע פאָרמען, דריטער אין קוביסטישע (כ׳מיין ניט „קוב, קוב, קוב״); פערטער, עמפּירישע, און דער, גראַד אין וואָרטיסטישע, גרונדיקע דער — — —

אָט די צעטיילונג אייערע דערמאָנט מיך אָן אַן אַנדער שווינעריי, וואַסילי קאַנדינסקיס רעאַקציעס צו מוזיק איבערפאַלבט מיט קאָליר. אַ פלייט איז ליכטיק בלוי; טיפבלוי, אַ וויאָלאָנטשעל; אַ צעדונערטער קאָנט־ראַבאַס, בלוי פון נאָך טיפערער שאַטירונג; דאָס טונקלסטע בלוי פון אַלע, אַן אָרגאַן. אָט האָט איר אייך „די קונסט פון גייסטיקער האַרמאָניע״.

קונסט דאַרף זיין אַ לויבגעזאַנג צום לעבן, און ווי אַנדערש קאָנען מיר דאָס לעבן לויבן? אָבער קונסט אָן קולטור איז ווי אַ בייגל אָן אַ לאָך. דער לאָך איז זייער זייער נויטיק צו דעפינירן די אינערלעכע ראַנדן פון בייגל. אָן ס׳לאָך איז דער בייגל אַ פלעצל. און קולטור פאַרצווייגט די זיכערקייט פון דער אומזיכערקייט פון די באַגרינדעטע איבערצייגונגען.

ווייזט אויס אַז דורך דעם לאָך אייערן איז אָסקאַר ווײַלד דורכגעשפרונגען ווען ער האָט באַשטימט דעם וואַנזין פון שיינקייט־פאַרגעטערונג. ער האָט זיך אָבער צעדראַפּעט די קינסטלערישע הויט אין פאַרדאַרטן טייג פון בייגל. זיין בייגל איז געווען אַן אַלטגעבאַקענער, אַ גריכישער.

אויסוואַרפן איינעם אַז ער איז דער בלאַנדזשענדיקער גייסט פון נעכטן וועט אונדז אַליין אָנטקעגן קומען. מירן זען מאָרגן ווי אָריגינעל מיר זענען היינט געווען.

אויב קונסט איז אַ לויבגעזאַנג דעם לעבן דאַן זענען לעאָפּאַרדי, בייראָן, היינע קיין קינסטלער ניט.

מען קאָן זיין קינסטלעריש אויף אַלע אופנים. מען קאָן זיך פאַרבן דאָס פנים ווייל עס געפעלט די פאַרב, און מען קאָן דעסזעלבע טאָן ווייל ס׳געפעלט ניט דאָס פנים. די הויפּטזאַך פון קונסט־שטאַנדפּונקט איז ווי די עובדא ווערט דורכגעפירט. ניט די סימפּאַטיע צו פאַרב אין ערשטן פאַל און ניט דער ווידערווילן אין צווייטן זענען וויכטיק. דער אָביעקט איז די אורזאַך. דאָס סוביעקטיוו־דורכגעפירטע איז די קונסט.

כ׳ן אייך זאָגן: אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען זשע? ווען כ׳פאַרשטייען אַ לעק. אָבער ס׳מאַכט ניט, ווי יענער האָט געזאָגט: אַזוי לאַנג ווי כ׳קאָן דיכטן מיינע פּאָלקס לידער מאַכט מיר ניט אויס ווער ס׳פאַרנעמט זיך מיט דער נישטיקער קריטיק.

אָט׳ל כ׳אייך פאָרלייענען אַ פּאָר לידער פון אַ בחור אַזש פון סיאַטל, וואַש., וואָס האָט זיי אַריינגעשיקט פאַרן זשורנאַל. און דער בחור פאַרלאַנגט נאָך מיר זאָמיר זיך באַמיִען אים זיי צוריקשיקן אויב זיי געפעלן אונדז ניט. הערט קוואַטש.

„די צייטונגען האָבן אַנומלט געשריבן
אַז פּרעזידענט ווילסאָן איז אין צירק אַוועק

פאַרווילן זיך. נו, האָבן זיי אים געריבן
אַ מאָרדע — חושך איז געווען! וועלט־עק!

זיי האָבן געטענהט: אויב ער זוכט צייטפאַרטרייב
פאַרוואָס איז ער אין קאָנגרעס אַזוי זעלטן געווען
אָבוואָל ער האָט ליב חיות? דערפאַר מיט זיין ווייב
האָט ער אין צירק אַריין באַדאַרפט זיי גיין זען?

די באַנדע איז ווילד. זיי שטורמען און „קיקן"!
דערפאַר אָבער דענקט מען, אַז אין אַ יאָר צייט
אַרום וועט מען חיות אין קאָנגרעס דאַן שיקן,
אין צירק אַריין אָבער, די קאָנגרעסלייט!"

נו, אָבוואָל, ווי געפעלט אייך אַזאַ פּועט?
ער האָט פאַרבלאָנדזשעט. ער האָט אַוודאַי געשיקט אַ פּאָר ערנסטע לידלעך ע"פּ טעות אין „קונדס".
נו, און „קיקן" אַרט אייך גאָרניט?
מע, מיר קאָנען עס „אָפּאָדערן" פאַרבייצוגיין.
הערט ס'צווייטע. דאָס איז לויט זיין מיינונג עכט קאַדאָוועריסטיש.

„פּלטיאלס האַרץ

מיין האַרץ איז גרויס.
כ'האָב איצט פאַר דעם די בעסטע מאָס געפונען.
דו שפּאַצירסט דאָרט אום,
און אַנדערע,
יונג און שיין ווי דו.
און סי נאָך גענוג פּלאַץ פאַראַן
פאַר אַנדערע, קינפטיקע.
ווי האָסטו מיר געקאָנט פירוואַרפן
אַז איך בין אַ שמאָלהאַרציקער?"

נו, דאָס איז שוין זשעניאַל.
אָבער ווי פּאַסט זיך עס צום ערשטן?

(„וואָס פאַראַ טשיקאַווער פויגל דער פּראָש זיינען.
ווען ער זיצט, שטיי ער, כמעט.
ווען ער גייט, פליט ער, כמעט.
ווען ער זינגט, וויינט ער, כמעט.
ער האָט ניט קיין געהירן, קוים וואָס.
ער האָט ניט קיין וויידל, קוים וואָס אויך.
ער זיצט אויף וואָס ער האָט ניט, כמעט.")

הערט איר, קינדער, אַז איך הייב אָן באַטראַכטן וואָס ס׳עט ווערן פון דער יידישער פּאָעזיע נאָך אונדז, וואַרפט עס מיך אין אַ דראָזש. מילא, מיר וועלן שוין פאַרבלייבן אין דער פּאָעזיע, אָבער — ווייטער, נאָך אונדז — — — ?

האָט עמעצער באַמערקט ווי דער פּאַלגוטש אין זיין קונדסדיק לידל פלעכט אין שורה אין דער צווייטער? ווער עמעס איינפלוס קאָן דאָס זיין?

דאָס, האָב איך מורא, האָט ער געירשנט דירעקט פון שעקספּירן. דאָס אַלץ.

און איך קאָן אייך באַווייזן, אַז ער איז צווייטמאָל אַזוי די גרויס ווי שעקספּיר.

אַדרבה, ווי אַזוי?

אָ, דערביי מוזט איר מיך נאָכפאָלגן טראָט ביי טראָט. אונדזער פּראָוושטיין וועט זיין די מאַטעמאַטיק, וואָס אייניקע קריטישע לצים ווילן זי מאַכן פאַר אַ באַזע אין דער קונסט־אָפּשאַצונג. אָבער איר מוזט מיר צוגעבן פון אָנהייב כאָטש, אַז ער און שעקספּיר זענען געגליכן איינס צום אַנדערן. דאַן לאָמיר אָננעמען אַז שעקספּיר איז X און ער איז A, דאַן פאָלגט:

$$A = X$$
$$A^2 = AX$$
$$A^2 - X^2 = AX - X^2$$
$$(A+X)\ (A-X) = (A-X)X$$
$$A+X = X$$
$$A+X = A$$
$$2X = 1A$$

דאָס הייסט אַפילו מער ווי דאָס. איינס איז צוויי. איז, הייסט עס, ניט קיין ליגן די מעשה וועגן דער מאַשין, ווו פון איין זייט וואַרפט מען אַריין אַן אָקס און פון דער צווייטער פאַלן אַרויס פּראָטעסטירטע וועק־סלען. אָבער דאָס איז אַן ענין שוין נישט פאַר מאַטעמאַטיקער נאָר שוס־טערשן באַנקירער.

איר זייט נאָך ניט פאַרטיק. איצט גיי איך דערלאַנגען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. גרייט זיך. אַ בראָנזווילער פריילין.

„גאָט האָט אַ שטעקן אַזאַ

זעסטו ווי ס׳פאַלן ביים שכן די רינדער,
די שאָף גייען אום אין אויסגעדאַרטער פעל,
דאָס ווייבס זיינס געשטאָרבן, געשטאָרבן די קינדער,
זיינע באַקן געזונקען, די אויגן — שטאַר, געל.
אַ וווּנדער?
גאָט האָט אַ שטעקן אַזאַ.

זעסטו דאָס הויז דאָרט אַרום מיט אַ פּאַרקן,
ביים שוועל — לייבן־פערד אין קאָליאַס איינגעשפּאַנט,
און קינדער וואָס שפּילן מיט ניאַניעס אין גאָרטן,
ער אַליין, ברייט און פעסט ווי די וואַנט.
באַקאַנט?
גאָט האָט אַ שטעקן אַזאַ.

די זון גייט ניט אויף און ניט אונטער
סאַי פרילינג,
סאַי זומער,
סאַי אָסיען,
סאַי ווינטער,
סיידן —
גאָט גיט אַ מאַך מיט אַ שטעקן אַזאַ.“

איר מעגט אייך לאַכן פון מיר, אָבער איך מוז צוגעבן, אַז פאַר אַן אָנפאַנגערין איז דאָס ניט קיין שלעכט ליד.

טאָ וואָס־זשע וועסטו זאָגן מכוח אַזאַ אומגעקעפּלט מייסטערווערק?

„אין אייך חוואַלעס וואַלט זיך
מיר וועלן עפּס זעהן!
עס ווילט זיך ווישען פין וואַנען קומט איהר
אינד וואו זייט איהר גיוועז!
וועלכע קראַפט מיט אייך אַזייא שטאַרק יאָגן!
האָט איהר אינז עפּס אַ שיקרעט ציא זאָגען!
אָבער אַזייא שנעל וויא איהר צים ברעג קומט!
ווערט איהר שטיל אינד אין גאַנצן פערשטוממט!
עס פאַלען מיינע בליקען
טיפער אינד טיפער!
אינד איהר חוואַלעס יאָגט
אַלץ גיכער אינד גיכער!
אינד מיר מענשען אויך לייפען אינד יאָגען!
אָבער ווען מיר צים ברעג קומען,
האָבען אייך ניט וואָס ציא זאָגען!
קלאַראַ סאָהן
אַטלאַנטיק סיטע״

ווי געפעלט עס אייך, האַ?
מיר קאָנען דאָך ניט דערוואַרטן צו קריגן אַזעלכע גוטע לידער ווי מיר שרייבן.
טאָ הער דעם ווייבערשן אויסגוס.

„כ׳האָב זיך...

כ׳האָב זיך היינט אַרויסגעצויגן
פון מיין אַלטער וווינונג.
ראַש און פריילעך איז מיין אַלטע היים געווען.
רק איך אַליין בין שטענדיק אַזאַ אומעטיקע.
אַזוי, אַז וואָס פריילעכער אַרום הויז,
וואָס מער די זון האָט געשיינט

און די ביימער צום הויז האָבן לוסטיק געשעפּטשעט,
אַלץ גרעסער אין מיר איז דער אומעט געוואַקסן,
די טויטקייט מער און מער
אין האַרץ ביי מיר זיך צעשפּרייט.

כ׳האָב זיך היינט אַריינגעצויגן
אין אַ שפּאָגל נייער וווינונג.
קאַלט און טונקל איז אין הויז,
אַרום — קאַלטע הויכע הייזער.
קיין גרעזל אַ מייל ווייט אַרום ניט צו זען.
קיין זונשטראַל קאָן מיין הויז ניט דערגרייכן.
איך זיץ מיר איינזאַם אין מיין צימער
און בליק אַרויס צו דער פאַרשטאַרטער אַלטער וואַנט
פון אַ הויז דאָ־לעבן.
און פרייד און לוסט אין מיר צעוואַקסט זיך
און פאַרשפּרייט זיך
און פילט אָן מיין וועזן.
און וואָס כמורנער אַרום הויז,
וואָס טונקעלער די שאָטנס ווערן,
אַלץ גרעסער מיין פרייד דאָ צעוואַקסט זיך,
אַלץ ליכטיקער, לוסטיקער ווער איך.״

מיט איין וואָרט, די דאָמע איז אַ גאַנץ לוסטיקע.
האָסט איר אַדרעס?
מילא, פון דרוקן איז אָפּגערעדט.
אפשר ט׳זי געבן צושטייער אויפן נייעם נומער?

דערויף דאַרפן מיר זי אויף אַ כפּרה. ווען דער קינפּטיקער בראַנדעס וועט שרייבן וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור וועט ער דעם ״קאַדאַווערייסט״ פּונקט אַזוי פאַרצייכענען ווי דער בראַנדעס, וואָס פאַרצייכנט אין ״יונג־דייטשלאַנד״ קאַרל גוצקאָווס ״פאָרום פון זשורנאַל־ליטעראַטור״, כאָטש ס׳איז נעבעך אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכטל מיט 70 שבעה־זיצנדיקע אַבאָנענטן. ניין, מיר דרוקן עס ניט, מעג אַפילו ״דער קאַדאַווערייסט״ אונטערגיין.

פאַרוואָס?

פאַרוואָס, פאַרוואָס, ס'טו געהערט? דערפאַר וואָס כ'האָניש' אויף דירה־געלט.

קינדער, קינדער, אַלע מייסטער זענען אַמאָל געווען פּועלים. גע־דענקט ירמיהוס ווערטער אין אָנהייב פון זיין קאַריערע: „איך קאָן זיך ניט אויסדריקן דען איך בין נאָך יונגו!" אַריסטאָטל איז אַמאָל געווען פּלאַ־טאָס שילער.

אָבער מיר מוזן אויך געדענקען וויסטלערס ווערטער, אַז קונסט הייבט זיך אָן מיט אומענדלעכקייט און קאָן דערפאַר קיינמאָל ניט פאַרענ־דיקן... רעסירן.

(לאָמיר נאָך עפּעס נעמען אין זין.

„דער זילבערשוואַן, וואָס האָט קיין נאָטע ניט געזונגען לעבנלאַנג,
ווען דער טויט האָט אים גענענט, האָט זיין שטילן האַלדז צעשלאָסן,
זיין ברוסט דאַן אָנגעלענט אַנטקעגן ראָרן־ברעג
און אַזוי געזונגען, און מער ניט ווי דאָס מאָל, זיין ערשט און לעצט געזאַנג:
'צושליסנדיק די אויגן מיינע, זעגן כ'זיך, אָ טויט, פון אַלע פריידן,
וואָס איך האָב גענאָסן.
מער געגנדז ווי שוואַנען, מער שוטים ווי חכמים אויפן לעבנס שטעג.' ")

איר רעדט פון קאָדענזאַס פאַר טראָמבאָנען. פאַרגעסט ניט, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט פליפּערץ.

„איך בין אַנטשלאָסענער דערפאַר וואָס אַלע האָבן מיך געלייקנט ווי איך וואָלט זיין ווען אַלע וואָלטן מיך אָנגענומען." אָט אַזוי דונערט וויהיטמאַן אויף זיין טראָמבאָן.

קינדער, ווען עמעצער, אַ זייטיקער, זאָל אייך הערן, וואָלט ער גע־דענקט אַז די גאַנצע זאַך וואָס אונדז אינטערעסירט איז קיבעץ און לצנות און עגאָיזם. סיידן אין צוגאָב נאָך — קונסט, אַרום וועלכער מיר דרייען זיך ווי ווערעם אַרום אַן איטאַליענישן קעז — אָבער, ס'לעבן — — — —

איר ווייסט ווען כ'באַטראַכט די פּראָבלעם פון דעם אָרעמען דיכ־טער, אַ טרעטיאַקאָווסקי, דאָליצקי, אַלפרעד נאָיס, דריקן זיי זיך איינפאַך

(טרעטיאַקאָווסקי — איינפאַך?) אויס איבער אַלגעמיינע זאַכן עטוואָס בעסער ווי דער געוויינלעכער בשר־ודם. דער אָרעמער דיכטער פּאָעטיזירט ניט דאָס זעלטענע, ער ווערסיפיצירט פּשוט. נידערט ניט אַראָפּ אין די קאַדאַווערישע טיפענישן, טאַראַבאַכקעט זיך אויפן אויבערפלאַך ווי אַנדערע ביז אים. ער האָט ווינציק קינסטלערישע פערזענלעכקייט. האָט צו טאָן מיט לעבעדיקע נאָר אומפונדאַמענטאַלע זאַכן. דער רעזולטאַט פון זיין ווערק ווייזט ניט אַרויס די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס ס'טראָגן אין זיך די ווערק וואָס ער שאַפט. אַ גרויסער קינסטלער גיט זיך אַליין. ער פאַרלירט קיינמאָל ניט זיין אידענטיטעט אַפילו אויף אַ רגעלע. ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אוצר פון אַ פערפעקטועלער זון, וואָס האַלט אין איין שיינען און אילומינירן — — —

נאָך אַמאָל מוז איך אייך איבערשלאָגן אין מיטן. איך זאָג: דאָס לעבן! מיר זענען ווייט פון דערווירקלעכקייט. די צרה איז וואָס מיר רעכענען זיך ניט מיט פאַקטן. דאָס איבעריקע גייט זיך זיינוועג. קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. אין ערגעץ. אַלץ איז דאָס זעלבע. די קליידער מאָדעס, יאָ — זיי האָבן זיך געענדערט. פּאָליטיק, לאָמיר זאָגן — אויכעט. אפשר, דער אויסלייג. אָבער מיר, מענטשן? ליבע? טויט? דאָסזעלבע. קיין קוצו של יוד ניט געמינערט. דאָס לעבן אונדזערס איז דאָס אַלט אָנגענײטעוועט פייער, וואָס גייט אָן מיט דער עקסיסטענץ, אַזוי נודנע ווי פליכט, אָבער ווי פליכט אַזוי נייטיק, מיט אומגנאָד, אַזאַרטמעסיק, פלעכטנדיק זוי וויינריב, צופנדיק, דרעשנדיק, יעדע מינוט פרישצאַפּלדיק, טעסנדיק, אין קראָקע, אונטער קראָקוועס, בוכטשענדיק, בוצקענדיק, קלויצנדיק, אַ כאַפּטוענדיק ביי די ליטקעס, מיט פּופּיקגרימעניש, פּראַטשענדיק מיטן פּראַלניק, מאָרדעווענדיק, בריענדיק די קנעכל, דליבענדיק אין האַרצן, דרייענדיק אונדז אויף דער זשאָרנע, אויפּסיליענדיק קשיה נאָך קשיה, אומעטום אַן אַכפער, אָן רחמנות, געפּאָטערנדיק קיינעם ניט, מיט גראַטעס, מיט געוועקסטן באָדן פאַר ברעכן הענט און פיס, מיט קראַפּיווע, מיט שלאַנקע שיינקייטן און טולבעס, מיט זאַסיקעס פאַר מאַזאָליעטע הענט, מיט פאַרגלאָצטע אויגן, מיט שטיינער פאַר קעסט, מיט בלייערנע הימלען, קאַמאַרינסקעס און מאַמאַנטאָווצעס, מיט קולות וחרמות, מיט ביימער זשיוויצע, מיט פּאָווידלע, רויגן, מאַקעך, מיט פּיזשאַלעס, קעלישאָקס און גלאָמפּן. פּיטשנאַסע פון געוויטער דאַרפן מיר זיך גאָר אַוועקזעצן לייזן

רעטעניש. וועמען האָבן פּאַראַיבל, און פאַרוואָס? און אויף וואָס? דערויף איז פאָפּאַקאַטעפּעטל אַ ווולקאַן, ער זאָל גרימזשען, באַפּייפן און פאַרלאָ־ וועןן אויף וואָס די וועלט שטייט. דערויף זענען דתן ואבירם — דתן ואבירם, זיי זאָלן פאַרראַטן. אָבער אונטער אַלע אומשטאַנדן זענען מיר ניט אונטערוואָרפן קיין נייעם פּראָצעס. מיר זענען ענלעך צו די באַרימטע ווענעציישע בראָנזענע פערד, וואָס זענען אַרומגעשלעפּט געוואָרן איבער גאַנץ אייראָפּע, איטלעך מאָל פון אַן אַנדער זיגער. וויצליפּוצלי, מאַליוטאַ סקוראַטאָוו און ישו זענען געווען אונטערוואָרפן דעמזעלבן פּראָצעס פון לעבן און טויט. דאָס וואָס לעגענדעס האָבן זייערע פּרצופים צעאַנדערשט האָט מיט זיי ווי מענטשן גאָרניט צו טאָן.

וואָס מיינסטו מיט לעבן און פאַקטן? די זאַכן זענען דאָך אין אַלגע־ מיין עפּעמער. די לעבנס־אמתן, וואָס זענען אַזוי וויכטיק היינט, זענען קאָמיש און אַבסורדיש מאָרגן, וואָרים זייער פּינקטלעכקייט באַציט זיך צו אַווירקלעכקייט וואָס איז אויסער אונדז און ניט אין אונדז, אין אונדזער פּסיכאָלאָגיע וואָס איז אַ לעבנדיקע און אַ טוישנדיקע. אין אונדזערע מו־ חות שאַפן זיך די ווירקלעכקייטן. און ווען עמעצער קומט מיט אַ נייעם מעטאָד פון איבערשאַצן געוויסע לעבנסקראַפטן, שאַפט ער מער נאַטיר־ לעכע ענדערונגען ווי די נאַטור־כוחות אַליין וואָלטן ווען געקאָנט טאָן. און לויט דיין מיינונג איז אונדזער גאַנצע עובדא שפּורלאָז פאַרזונקט! אָבער, הער. הייבסט אָן רעדן מכוח לעבן, פאַקטן, ווירקלעכקייט, און דערלאַנגסט כמו רעטאָריק?!

— מיר איז בכלל אַ וווּנדער וואָס איר מאַכט זיך דאָ אַ גאַנצן צימעס פונעם לעבן. אָט די גוואַלדיקע מציאה אייערע לעבן איז ניט אַזאַ פויגל־ דיקע נאַטור־נאַרם אַז ס׳זאָל זיך אונדז לוינען אַריינצולייגן אונדזער גאַנצן פּאָעטישן קעז אין איר איינציקן קניש. איר האָט דאָ אַזויפיל אָנציטירט אַז כ׳פיל זיך ניט באַקוועם צו ברענגען נאָך אַ טויטע ציטאַטע, אַ שוכן עפּרדיקן עדות, ניצקין, מיט זיין אָביטער דיקטום, אַז דאָס לעבן איז דער נאַטורס אומנאָרמאַלסטע דערשיינונג. טאָ נעמט אַ וויסנשאַפטסמאַן פאַר פּרעציזסטער טעאָריע — נעמט דזשאַן בראַון —

— וואָס אַ שטייגער האָט דזשאַן בראַון פון האָרפּערס פּעררי און שקלאַפנבאַפרייאונג רעפּוטאַציע צו טאָן מיט קינסטלערישע און וויסנ־ שאַפטלעכע לעבנס־טעאָריעס?

— איך רעד פון אַן עלטערן דזשאַן בראַון, אַ גרעסערן „דזשאַני“, כאָטש פּאָפּולער אַ ווינציקער רעפּוטירטן דזשאַן בראַון. איך מיין דעם זאָגענאַנטן דזשאַן בראַון פון 18טן י. ה., וועמעס ברונאָנישע סיסטעם האָט פאַראורזאַכט אַזויפיל דיספּוטן אין יענער צייט, אַז אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך זיין טויט האָט אַן אַרגומענט צווישן ברונאָנישע און ניט־ברונאָנישע סטודענטן אין געטינגען אוניווערסיטעט פאַראורזאַכט דאָס אַרויסרופן אַ ראָטע האַנאָווערישער אַרטילעריע צו אונטערדריקן די היציקע דעבאַטע, דער זונדערבאַרער פּרעלוד צו זיין גאַנצער טעאָריע אין מעדיצין איז, אַז „דאָס לעבן, אַן און פאַר זיך, איז אַן אומנאַטירלעכער צושטאַנד“, אַז קראַנקהייט און די אורזאַך וואָס פירט צום טויט זענען אַ סך נאַטירלעכער*).

איך מיין גאָר עפּעס אַנדערש, און ס׳טוט מיר לייד אויב מיין פאָרשטעלונגקראַפט איז אַזוי קאָלירלאָז ווי מיין זאַצבוי. איך מיין אָט וואָס. מיר זיצן דאָ און קאַלופּען זיך די געהירן איבער מיינונגען, אונטערשאַצן אַנדערע, זיך שטעלן מיר אַוועק אין מזרח־וואַנט מיט אונדזער אַקטיוויטעט. אָבער נעמט ווער פון אונדז אונדזערע אייגענע פּראָדוקטן, ניט ווי עסטעטיק, נאָר ווי אַ שפּיגל פון אונדזער אומגעבונג, ווי אַ סייסמאָגראַף פון די לעבנציטערס וואָס מיר אַליין מאַכן דורך? זיכער האָבן מיר שוין באַדאַרפט אַוועקוואַקסן פון די האַוסטאָן סטואַרט טשעמבערליניזמען וועגן דער סכנה פון דער מענטשלעכער ראַסע צו לעבן מיט ווייסנשאַפט אָן פּאָעזיע און מיט ציוויליזאַציע אָן קולטור; און די בראַנדעסיזמען, אַז דער גרויסער קינסטלער קאָן געבן אומווירדיקס אָבער קיינמאָל ניט קיין איבעריקס; און פון די אַטיטודיניזירנדיקע ווײַלדיניזמען, אַז צו זיין נאַטירלעך איז צו זיין וואָרשיינלעך, און וואָרשיינלעכקייט איז אומקינסטלעריש; אַז דאָרט ווו קולטורעלע מענטשן דערשנאַפּן אַן עפעקט כאַפּט דער קולטורלאָ־

*) „אַן אַנדער אינטערעסאַנטע און באַרימטע פּערזענלעכקייט פון זיין צייט איז געווען John Brown (1735-1788) וועמעס Brunonian System האָט פאַראורזאַכט אַזויפיל דיספּוטן, אַז 22 יאָר נאָך זיין טויט האָט אַן אַרגומענט צווישן ברונאָנישע און ניט־ברונאָנישע סטודענטן אין דעם אוניווערסיטעט פון געטינגען אַרויסגערופן אַ ראָטע האַנאָווער אַרטילעריע צו אונטערדריקן די היציקע דעבאַטע... אַ וואונדערבאַרער פּרעלוד צו זיין גאַנצער טעאָריע אין מעדיצין איז דער סטייטמענט אַז „דאָס לעבן איז אַן און פאַר זיך אַן אומנאַטירלעכער צושטאַנד“ (ד. ה. קראַנקהייט און די אורזאַך וואָס פירט צום טויט זענען נאַטירלעכער“) p. 327, “The Human Body”, Logan Glendemning.

זער אַ קאַטער; אַז קונסט דריקט גאָרניט אויס חוץ זיך אַליין; אַז אַ גרויסער קינסטלער דערפינדט אַ טיפּ און דאָס לעבן נאָכאַמט אים אין אַ פּאָפּולערער אויסגאַבע; אַז עסטעטיק איז העכער ווי עטיק, ווייל זי געהערט צו אַ מער גייסטיקער ספער. לאָמיר זיך ניט נאַרן; עס איז אַ סך לייכטער צו ריידן מכוח וואָגיקע ענינים ווי צו ווערן טעטיק אַרום זיי. צו שרייבן געשיכטע איז אַ סך לייכטער איידער צו מאַכן זי. און וואָס סוף־כל־סוף טוען די מערסטע קינסטלער אויב זיי לעבן ניט פון קיין חכמות? איינער גיט זיך אַ זאָג אַפּ „ווען די מאַלפּע האָט פאַרלאָרן איר דורכגעטריבנקייט איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מענטשן״. דער צווייטער ענטפערט אויף דער פראַגע „וואָס איז אַ קינד?״ — „אַן עקספּערימענט״. און צוויי קאָנטינענטן ווערן צעשאָסן פאַר געלעכטער. אַ דריטער מאַכט זיך זיין אייגענעם פּירוש: „אַ קינד איז אַ קוש דערפירט צו אַ ראַציאָנאַלן שלוס״. דער גיט זיך אַ זאָג, „קריטיק פון אונדזערע צייטמענטשן איז ניט קיין קריטיק; עס איז אַ שמועס״. „קריטיק איז אַ שפּאַציר צווישן מייסטערווערק״. „די בעסטע פּרויען, ווי די בעסט־רעגירטע לענדער, האָבן ניט קיין געשיכטע״.

לעכערלעך. ליטעראַטור איז, פאַרשטייט זיך, ערנסט. אָבער אַ ווערטל באַדאַרף זיין וויציק. וואָס האָט איינס צו טאָן מיטן צווייטן? איך גלויב, אַז מיר באַצוועקן אין עצם אַלע איין און דעמזעלבן ענין. מכוח וואָס מיר, אדמס קינדער פון טאַט און אויסדרוק, קריגן זיך, איז דעם בעסטן וויאַזוי דעם ענין פאַרווירקלעכן אָדער אויסדריקן. ווען חלילה וחס אונדז באַפאַלט אַלעמען היינט דערזעלבער דראַנג און מיר וואָלטן זיך געאייניקט אויף דעם וויאַזוי וואָלט געווען אַז אָך און וויי ווי נודנע צו אונדזער גאַנצן אָנגאַנג. אדרבה, לאָמיר הערן. וואָס איז, לויט דיין דעפיניציע, אַ מענטש און אַ קינד דערהויפּט אין באַצוג צו מאַלפּעס, קריטיק און פרויען?

ס'הייסט? אַ מענטש איז אַ קינד און אַ פרוי איז אַ קריטישע מאַלפּע. דער אמת, פאַרשטייט זיך, איז, אַז זיי דעפינירן זיך אַליין.

איז דאָס, לויט דיר, האַלטן אויג וואָך אויף געשעענישן? דאָס איז מער אין איינקלאַנג מיט די רעאַליטעטן פון אומגעבונג? שוין ניט צו רעדן פון דעם קאָנסערוואַטיוון דזשאָן סטוּאַרט מיל פרויען־שטאַנדפּונקט.

כ'ווייס ניט. דאָס ווייס איך יאָ: מיר זענען ניט געבאָרן צו דעפינירן. מיר זענען דאָ עפּעס צו טאָן.

עמעצער האָט געזאָגט, מיר זענען ניט געבאָרן צו זיין גליקלעך. מיר זענען דאָ צו זיין גרויס. דאָס, זעסטו, געפעלט מיר מער.

נו, סטרינדבערג האָט אַפילו פאַרוואַנדלט גליקזעליקייט אין אַ פאַר־ברעכן, אָבער בעת דו רעדסט פון זיין גרויס, רייד איך פון זיין איינצל־אַרטיק. אָט וואָס איז דער אונטערשייד!

אָבער אין דעם באַשטרעב פון אוניק, אָדער נאָך אוניקן, איז דער ענד־ציל: פאַרגעניגן, גליק. און אַלט ווערן מיר דאָך פון דעם אייביקן גליק־זוכן.

גליק, פאַרגעניגן. ווער וועט זיך עס לאָזן ערנסט זוכן די אוטאָפּיעס ביי היינטיקן טאָג?

מען זוכט זיי. מיט ליכט זוכט מען זיי. אָט, למשל, האָט מען געלעקט די פינגער פון בעלאַמיס „הונדערט יאָר שפּעטער״, דזשעק לאָנדאָנס „די רויטע פּלאָג״. נו איצט שעפּט מען נחת פון וועלסעס ניטגעשטויגנקייט.

איך ניט. איך האַלט בלויז פון וויליאַם מאָריסעס, ווייל ער איז אַ דיכטער. בעלאַמי איז אַ פּראָווינציאַל. לאָנדאָן אַ בויאַן. און וועלס — אַ וויסנשאַפטלעכע טענדעוואַרענדע. בלויז דיכטער קאָנען זיך פאַרגינען אוטאָפּיעס. ווייל זיי מאַכן סיזיוי גאָר ניט אויס. ס׳איז די דיכטונג — דאָס אײנגאַנצן.

יאָ, ער איז גערעכט. מיר זוכן צו לייזן די פּראָבלעם נאָר אויפן קונסט־געביט, ניט אין טאַט און ניט אין פּאָליטיק.

ווייסיך, ס׳הייבט זיך ניט אָן. אויב מיר זאָלן זוכן אַזאַ נאַרישקייט צו באַגיין וועלן מיר מוזן אָנקומען אויפסניי צו נאַרישע ווילדיניזמען, אַז דאָס 19טע י. ה., למשל, איז באַלזאַקס דערפינדונג און אַז טורגעניעוו האָט אָנגעהויבן און דאָסטאָיעווסקי פאַרענדיקט די ניהיליזם־פּיקציע; און אַז האַמלעט איז דער וואָרער געפאָטער פון דעם פּעסימיזם וואָס כאַראַקטע־ריזירט דעם מאָדערנעם געדאַנק בעת שאָפּענהויער האָט אים ניט מער ווי אַנאַליזירט, דאָס אַלץ. און אַז שלום אַש האָט אויסגעטראַכט דאָס קווי־לערגעסל און אַז די דריי גרעסטע פרויען פון 19טן י. ה. זענען באַלזאַקס וואַלערי מאַרנעף, פלאָבערס עמאַ באָוואַרי און טאָלסטאָיס אַנאַ קאַרעניני. ניט אמת, און אפשר אַפילו ניט אַזוי וויכטיק ווי אַז דאָס 19טע י. ה. האָט אונדז געגעבן מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״ און דאַרווינס ווערק און אַז די דריי גרעסטע פרויען פון דעם געגאַנגען י. ה. זענען אַזוינע וועמעס נעמען האָבן אונדז גאָר קיינמאָל ניט דערגרייכט, כאָטש סאָפיאַ קאָוואַלעווסקאַיאַ, גלויב

איך, איז איינע פון זיי. און דאָס קוילערגעסל איז אַ טריִומף פון אָנשטענ־דיקייט איבער קונסט. איך זאָג נאָכאַמאָל: ווער עס ווייסט ניט די וויכטי־קייטן פון לעבן ביזן פּאַריקן י. ה. כולל, ווייסט ניט ווו ער איז אויף דער וועלט, קינסטלעריש און קריטיש — לעבעדיק אַזוי צו זאָגן.

אין איין בלעטל פּאָעזיע קריגן מיר מער פון דער גאַנצער צאַצע דיינער, לעבן, ווי פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן אָדער אָפּהאַנדלונגען וועגן זיי.

ווען דאָס זאָל אַזוי זיין וואָלט יעדער ייִדישער דיכטער געווען דער אינטעליגענטסטער און פאַרשטאַנדיקסטער מענטש אין דער וועלט. ווייל וואָס וואָס — פּאָעזיע לייענען מיר.

שאַ, אַזאַ פאַרשוין ווי רענאַן וועסטו טרויען? לויט זיין מיינונג איז באָסוועלס „דזשאָנסאָן" מיט טויזנט בוכבלעטער טונקעלער ווי פּאַול אַנט־פּלעקט זיך פאַר אונדז אין אַ פּאָר בריוו זיינע.

זיכער. אָבער לאָמיר פריִער זיין אין רענאַנס בחינה פון קאָנען, דורך געניטקייט, קריטישער וויטאַליטעט און וועלט־און־לעבן־און־אידייען צע־גלידער, אַרויסלייענען פון בריוו, אָנגענומען אַז דער בריוונשרייבער איז אַ מענטש וואָס קאָן זיך און האָט וואָס צו אַנטפּלעקן, דאָס וואָס אין די בריוו ליגט. עס איז זיכער צו באַוווּנדערן רענאַנען ווי פּאַולן. אָבער ווער פון אונדז גרייט זיך צו צום קאָנען אַ נאָש טאָן אין אַזאַ געלעגנהייט? אַריס־טאָפאַן איז זיכער קלאָר און דורכזיכטיק אין זיינע קאָמעדיעס. אָבער ניט שטודירנדיק די „גלאָסן" פון זיין צייט וועלן דיר פאַרלאָרן גיין טויזנט וויכטיקע פאַרשטענדענישן ווי שיינקייטן און מען מעג זאָגן, אַז אָן דעם קאָן מען מיט דעם זעלבן נוץ לעזן שמ"רן שטאָט אים. עס איז אַ גאָט־פאַרדאַמטע ערנסטע אַרבעט, און אָפּגעזען פון אַלעם אַנדערן, איז עס אַרבעט. פאַרזוכן מיר דאָס?

מיר פּרוּוון זיך ווינצלען. עס מאַכט ניט אויס וואָס מיר ווינצלען זיך ניט איבער פערזאָנען. מיר טרייבן שפּאַס איבער געדאַנקען. און די אור־זאַך, ווי עדוואַרד מור האָט זיך אויסגעדריקט, וואָס דער גרעסטער טייל מאָדערנע קולטור איז אַזוי אויבערפלעכלעך איז די, וואָס דער גרעסטער טייל אירער באַשטייט פון פּליאַטקעס, ניט פערזאָנפּליאַטקעס, נאָר אידייענ־פּליאַטקעס. דאָס איז אַ חוש־צופרידנשטעלונג, ניט קיין געדאַנקענדעראָ־בערונג.

אָבער הער, דו ווילדער פּיפּערנאָטער, מיט ווערטער קאָן מען דאָך אַפילו אַזאַ פאַקט ווי טויט פּאַרלייליען, איינוויגן. דו מיינסט עס איז אַ מינדערוויכטיקע אורזאַך, יענע, צוליב וועלכער פאָנטענעל האָט פאַרדאַמט קריג? — זי אונטערברעכט געשפּרעך. דיין לעבן־און־פאַקטן־און ווירק־לעכקייט מאַטיווירקאָוקע שאַפּט דיר מסתם אָנשטענדיקערע און וויכטי־קערע אורזאַכן: בלוטפאַרגיסונג, צענישטשונג, פאַרברעכן קעגן אידעאַל פון אייביקן פרידן. אויב אַזוי, ביסטו דאָך אַ ידיקלייביקער מאַטעריאַליסט. מיר דאַכט, אַז דער גאַנצער זין פון דיין לעבנספאַרטיידיקונג איז אַ חושים־פאַרטיידיקונג לגבי די געדאַנקען דורכויס.

עס הייבט זיך ניט אָן. „די חושים זענען אַלמאַכטיק; גרעסער ווי די חושים איז דער מוח; גרעסער ווי דער מוח איז די פאַרנונפט; אָבער אַפילו פאַרנונפט איבערשטייגט ער".

ער? ווער?

ער. און ידאָס דאַרף דיר גענוגן. ביסט דאָך אַ פּאָעט!

נו איצט מוז איך שוין אַרויסרופן דעם טייוול צו הילף!

„באלאגי לאקא באשאגע
לאמאק קאגי אשאפגע
קארעליאָס.
לאמאק לאמעק באשאליאָס
קאבאגאגי סאבאליאָס
באריאָלאַס.
לאגאָזאַטכא קאביאָלאס
סאמאגאק עט פראמיאָלאס
גאראגיא."

גוט, דאָס איז דיין ער. אויב דו קאָנסט אים באַנוצן פאַר אַ רעשטאָ־וואַניע פאַר דייך העכסטן דראַנג, ווי אַן אָנלען. אויב דו געדענקסט ענט־פערט דער טייוול אָפּ סאלאדינען. ער באַווייזט זיך תיכף ומיד. איך קאָן מיר פאַרגינען זיצן און וואַרטן אויף דיין פּראָפּאָנענט. איין זאַך געדענק: דאָס לעבן האָט אים גורם געווען. איצט זייט איר אַ טייל איינער פון צווייטן. איר קאָנט קאָקעטירן מיט וויץ און טאַקט און דאַן זיך פאַנאַנדערשיילן. רעזולטאַט? ער וועט ווייטער אַרומוואַנדרעווען אין מענטשלעכן איינלעבעניש.

זוי אַלע גרויסע זאַכן, ווי אַ סטראַשידלע און מוראדיקע קאַריקאַטור, דו אָבער וועסט מוזן זיך אונטערוואַרפן דער פאָרם פון צאַם און אָנשטענדי־קייט וואָס מיר מוזן פּאַראַדירן, ניט לגנאי, די מיזערנע פּאָר יאָר פון וועלט־קאַפּאַראַציען. אייערע, דיינע און טייוולס, אינערלעכע ווערטן וועלן זיין ווייטער, ווי ביז אייער־צוזאַמענקום־מאָמענט, פאַרשיידענע. בעת ער וועט זיך ציילן זיינע זיגן איבער אַן אַנדער ער, עמעצן אַנדערש ער, גאָט אפשר, וועסטו זיך פּאַרנעמען מיט דעם גריכישן זיג ביי מאַראַפאָן. ווען ער וועט מעדיטירן איבער דער דערפינדונג פון שוואַרצע פלעדערן און פּע־כיקע קלויען, וועסטו צאָלן צינז דער דרוקעריי־דערפינדונג. אַנטקעגנ־שטעלן דעם שוועבל פון זיינע נאָזלעכער וועסטו די אַנטעקונג פון דאַמף. קיין אָרגאַניזאַציע פון מאָדערנער דעמאָקראַטיע וועט זיך אָפּטמאָל פילן אונטערשטעליק לגבי זיין קאָנקורענץ מיט נאָך אַן אימפּערישער מאַכט פון פּרינצלעכע כרובים און שרפים. אָט, אָט, און ער הייבט אָן אונטער־הינקען אַנטקעגן דיין גייסטס געבורט אויפבליץ פון אוניוועראַלן פרידן. און דער סובסטיטוט פון אינדוסטריאַליזם און הומאַניטאַרקייט אנשטאָט דער אַלטער סיסטעם פון קאָנקורירנדיקער זשעדנעקייט, כמעט דער לעצ־טער פּאַקטישער זיג דיינער, פירט דיך צוריק צום סאַמע אָנהייב פון ווערטן בעת דער טייוול לויפט זייט ביי זייט מיט דיר אין דעם לעבנס מאַניעזש. איך ווייס ניט צי כ׳האָב זיך געראָטן אויסגעדריקט אָבער ס׳איז ניט קיין פייערווערק, דערפאַר אַרט מיך ניט אויב ס׳האָט ניט אויסגעשאָסן אין אָנוועזנקייט פון גאַנצן עולם.

אויב דו זוכסט פּאַקטן טאָ נאַ דיר, כאָטש כ׳הייב ניט אָן וויסן וואָס דו וועסט אָנהייבן טאָן דערמיט: אין 1905 האָט די ערד געוויגן 5,272,000,000,000,000,000,000 טאָן. איצט מאַך פּאָעזיע דערפון.

בנאמנות, דאָס איז די גרעסטע און פאַרכאַפּנדיקסטע פּאָעזיע וואָס איך האָב געהערט צי געלייענט פּאָר דער לענגסטער צייט.

איך זע אַז דו אַליין פּאַלסט אַריין אין שפּיל, און דיין ענין האָט גע־זאָלט זיין, לויט דיין אייגענעם אויסדערוויל — לעבן. איך שטים צו. אַנומלט באַגעגן איך אַן אַמעריקאַנער דיכטעריןָ. פון אונדזערע יאָרן. זי ווייסט אַביסל פון אונדזער אַרבעט. מאָלט איך, די ערשטע פראַגע וואָס זי האָט מיר געשטעלט איז געווען: „פאַרוואָס זעט מען ניט אייערע זיטן אין די ווערק פון אייער יונגן דור? כ׳האָב געלייענט אַ פּאָר איבערזעצטע

לידער און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז איר, ייִדן, זייט — מיר אַמעריקאַנער. איז אייער לעבן טאַקע ניט אַנדערש פון אונדזערן? אויב אַזוי איז אַ שאָד! עס וועט זיכער פעלן אַן אויטענטישער רעקאָרד אין דער קונסט!״ כ׳האָב זיך אַליין געהאַלטן אין איין פרעגן נאָכדעם: וואָס אַ שטייגער מיינט זי, און אויב איך ווייס וואָס — איז זי גערעכט? קאָנען מיר האָבן ייִדישע טעמע, ייִדישן אינהאַלט, ייִדישע פאָרם? נאַטירלעך האָט זי מיר ניט געשטאָכן די אויגן מיט די נביאים, מיט ביבל ווי אַ פּאַסאַן. אויף אַזויפיל, פאַרשטייט זי, זענען מיר באַגלייך אָוועק אָדער פאַרבלאָנדזשעט ווי איטלעכע אומראַסאָווע ליטעראַטור. זי איז, צופעליק, איינע פון די פיינסטע יונגע דיכטערינס, פון די קולטורעלסטע. אויב זי האָט ניט געקאָנט איינזען אַז מיר ווי זיי זענען גליקלעכערווייז אין דער בחינה פון יענער פונקציע פון ציוויליזאַציע וואָס בויט אויף ווערטן וואָס באַציִען זיך אויף קולטורבאַזן, אַז זאַלבאַנאַנד קאָנען מיר פאַרנעמען מוזיק און באַאָבאַכטן מאַלעריי און לייענען ליטעראַטור, און אַוועקגייענדיק פון מאַטעריעלע ווערטן, קאָנען מיר אין קיין פאַל ניט קומען צו דעם שטאַנד, ווו מאַטעריעלע קאָנקורענץ זאָל אַיין צד באַוועגן דורס צו זיין דעם צווייטן, — איך זאָג, אויב זי האָט ניט איינגעזען דעם פּראָגרעסצוג און די ווינטשנסווערטיקייט פון אַזאַ אומפאַרשיידנקייט, טאָ וואָס באמת איז דער גאַנצער טאַראַראַם?

מען מוז צוגעבן אַז עפּעס אַן אמת ליגט אין דעם ראַסאָוון שטייגער פון צוגאַנג צו קונסט, כאָטש מיר שטרעבן היינט אַלע צו אינטערראסאָווער, בעסער געזאָגט קאָסמאָפּאָליטישער, מיט איין וואָרט אַ־נאַציאָנאַלער קונסט. אָבער אין אופן אויסדרוק ליגט פאָרט דער שליסל פון ווער עס דריקט זיך אויס, פריער אין לעבן, שפּעטער אין קונסט. נאָט אייך אַזאַ ביישפּיל. אין דער אוקראַינישער ליטעראַטור לעז איך מכוח דעם ווי אַז אַ מאַן שלאָגט דאָס ווייב האָט ער זי ליב. דאָס איז דער אומגעקינסטלטער און „טרוקענער״ אויסדרוק פון אַ קינסטלער וועמעס ראַסע איז כאַאָטיש, סומנע, פעלדערדיק, טייכיק, נאַטור־עמאַציאָנאַליזירט. און ווי דריקט זיך אויס דער ענגלישער קינסטלער מכוח דעמזעלבן סימפּאַטישן קעגנשטאַנד? „ווען אַ פרויס פּנים איז באַפּוצט מיט אַ סיניאַק ביים אויג איז עס אַ זיכערער באַווייז, אַז איר הערשערס ליבע איז נאָך ניט פאַרגאַנגען אין אייזקאַלטער אינדיפערענטקייט״. אַז אַ ייִד רעדט פון ליבע אין באַצוג צו דער פּסיכע, פאַרוואַנדלט זיך דאָס עראָטישע אין זעליקן, גייט דער שיין אויף שוין ניט

נאָר פון אַן אַנדערער פאָרם, נאָר פון אַ קאַרדינאַל אַנדערשדיקן אינהאַלט: עס פּאַסירט אַן אָביעקט טוישונג, אַ מאָראַל־אונטערשטרייך; דאָס קינד פאַרנעמט דער פרויס פּלאַץ. ווו זשע איז די אַלגעמיינקייט? אין טרויזם פון דעם טריאַדס באַרבאַרישקייט. איטלעכע ראַסאָווע קונסט באַקעמפּט כלומרשט איר פּאָלקס ספּעציפישן חסרון. אָבער אין ענדציל שטרעבן אַלע צו דער איינהייטלעכער פּולקאָמקייט. אויסראָטן דעם ידים־איבערפּאַל אין איטלעכן פון די פאַלן.

און איך געפין גאָר אין דיין משל, אויסער אָן אַן עק אַנדערע לעכער, אַן אַנטי־גאָטהייט. כמו שכתוב: דער, וועמען גאָט האָט ניט ליב, האַלט ניט פון מוזיק. און אַ דייטשישער גאון וואָס פאַרשטייט זיך אויף די זאַכן דריקט זיך גאַנץ קלאָר אויס אין באַצוג צו דער פרוי: מוזיק איז דער שליסל צום ווייבערשן האַרץ.

טאָ וואָס האָט עס צו טאָן מיטן געזאָגטן?

וואָס הייסט? אַ בייטש כוואָשטשעט. אין דעם איז נאָך אפשר צו זען אַן אָנדייט אַז אין אָרקעסטער פון די אַלטע צייטן זענען בייטשן געווען גאַנץ פּראָמינענטע קלאַנג־פּראָדוצירער. אַ מערכה, קיינער פון די מאָדערניסטן האָט נאָך ניט פאַרפּאַסט „די בעל־עגלהשע סימפאָניע". פרעה האָט, דאַכט זיך, מיט דער מאָנאָטאָנער מוזיק פאַרזיסט דאָס געהער פון זיינע יידישע ליימפּאַרמישער, שטרויקנעטער און ציגלמאַכער.

טאַקע ווי איך טענה: מיר זענען אַזוי אַלט היינטיקע צייטן, אַזוי ציניש, אַזוי האַרצלאָז, דער גרעסטער עניו ווערט ביי אונדז אין די סאָפּיסטישע פּאָדלע הענט פאַרוואַנדלט אין חוזק און לצנות.

קאַפּויר. מיר איז ניט איינמאָל איינגעפאַלן אין געדאַנק אַז אונדזער דור איז קראַנק מיט דעמענטיאַ פּרעקאָקס. סוף־כל־סוף זענען מיר פאָרט יונג. אויב מיר רעדן צופיל פון געדאַנקלעכקייט איז עס אפשר דערפאַר, וואָס מיר זענען עמאָציאָנעל צעטרייסלט. אָבער אַ גוטער סימן קאָן זיין דאָס, וואָס מיר זענען אַזוי אינדיפערענט צו אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער אויסערלעכער וועלט. דערפון — צופיל אינטראָספּעקטיוויזם. פון פאַראַנאָיע, וויל זיך האָפן, זענען מיר אַלע פריי. כאָטש ווער טראָגט זיך עס ניט אַרום מיט דער דעלוזיע פון גרויסקייט און אַז „מע לאָזט ניט"? אָבער חלומט ווער פון אונדז אַז ער איז אַ קרבן פון אַ פאַרשווער? כאָטש

דאָ און דאָרט איז צו באַמערקן ווי פּרימיטיווע פּסיכאָלאָגיע נעמט די אויבערהאַנט.

אויב איר מיינט מיך ווייל איך איר זאָלט וויסן זיין אַז איר מעגט דערויף אַרויפקלעפּן וואָס פאַראַ משונהדיקע טערמינען איר ווילט אַליין, אָבער: ווי מיר לעבן אויף גאָטס גאָרער וועלט אַזוי גלויב איך: אַז איך בין געניאַל, אַז מען פאַרגינט מיר ניט, און איך פייף אויף פּרימיטיווער פּסיכאָלאָגיע פּונקט ווי אויף וועלך אַנדערער.

רעגט זיך ניט אויף. ניט דאָס מיין איך. איך מיין אַז צייטנווייז זענען מיר אַלע להוט צו ווערן אויפגערעגט, אַריינפּאַלן פון עקסטאַטישער שטימונג אין דער מעלאַנכאָלישסטער. „הונגער" ווי אַ מאָטיוו האָט געמעגט פאַרהעלטנישמעסיק פאַרקלענערט ווערן ווי וואָס פאַראַ אורזאַך אין מאָדערנעם לעבן, אָבער „געשלעכט" איז גראָד פאַרשאַרפט געוואָרן אונטער מאָדערנע עקאָנאָמישע אומשטאַנדן. פאַר אונדז דיכטער, צופעליק, קאָן אַ נעווראָז זיין אַ גליק ווייל מיר פאַרוואַרפן אַזוינאַך קינסטלעריש אַ בריק פון ווירקלעכקייט צו באַגער. אָבער מיר ווייסן מער ווי ווער, אַז דאָס איז דאָס געשלעכטלעכע אין אונדז. אָט לאָמיר אָנהייבן מיטן קינד. עס הייבט אָן מיט דעם פאַרגעניגן־פּרינציפּ. עס מוז אָבער שנעל נעמען אין אַכט אַנדערע פּונקט ווי זיך אַליין. די אונטערדריקטע פאַרלאַנגען ווערן צוריקגעשלאָגן צום אומבאַוווסטזיין, דער גרויסער פּסיכישער רעזערוואָר ווו די דראַנגען וואַקסן ווי אויף הייוון ביז זיי ווידערשיינען אין נייע און ערגערע פאָרמען. דערפאַר איז נישטאָ קיין דערשיינונג אָן אַ זין, אָן אַ פאַרוואָס, אין אַ וועזנס האַנדלונג אָדער וואָרט. אַפילו אַ זשעסט, אַן אומבאַוווסטזיניקער באַוועג מיט אַ גליד, האָט זיין פאַרבאָרגענעם באַטייט. שוידערלעך? אָבער דאָס אַלץ איז דער קאַמף פון און פאַרן לעבן. אַנטלויפן דערפון קאָן מען ניט. רעאַליזירן אַלע פאַרלאַנגען איז אוממעגלעך. איטלעכער פאַרלאַנגטביים לעבן עפּעס אַזוינס וואָס די ווירקלעכקייט האָט אים פאַרלייקנט. און דער אופן וויאַזוי מיר אָרדענען איין, אויב ניט האַרמאָניזירן, די אַנטווישונגען איז דער פּרינציפּ וואָס דעטערמינירט אונדזער לעבן. פרויד זאָגט „לייג אַלץ אַרויס אויפן טיש". טאָ לייג איך מיינע ציגאַרעטן אויפן טיש. ווער וויל רויכערן?

נו, וואָס האָט איר דאָ מחדש געווען מיט אייער לעקציע איבער פּסיכאָלאָגיע? וואָס קערן מיר זיך אָן דערמיט? מיר האָבן צו טאָן מיט קונסט.

— פאַרשטייט מיך קלאָר. איך הייב ניט אָן צו טראַכטן אַז איך בין עפּעס מחדש מיט מיין קוק. אויב מיר ווילט וויסן, צווייפל איך אַליין אין יעדן בליק וואָס איך דריק אויס. איך האַלט פון פּסיכאָלאָגיע אַ וועלט, אמת, אָבער מיר חלומט זיך אַז יונג איז גערעכט ווען ער זאָגט אַז אַ פּסי־כאָלאָגיע וואָס באַפרידיקט נאָר דעם אינטעלעקט, קאָן קיינמאָל ניט זיין קיין פּראַקטישע פּסיכאָלאָגיע, ווייל — זייער פּשוט: דער סך־הכל, די טאָטאַליטעט פון דער געזינונג, אָדער דעם שכל, קען קיינמאָל ניט אויפ־געכאַפּט ווערן פון דעם אינטעלעקט אַליין. (דער אינטעלעקט אַליין קען קיינמאָל ניט אויפכאַפּן די טאָטאַליטעט פון געזינונג (mind).

אָבער מיר דאַרפן זיך זעלבסט העלפן און אַרויסשלעפּן, אַרויסקאַלופּען, אַרויסדלובען דאָס אומבאַוווסטזיניקע פון זיין באַהאַלטעניש, כדי מיר זאָלן זיך קענען ראַטעווען, אַמאָל קעגן און אַמאָל מיט אונדזערע אינסטינקטן. דער אומבאַוווסטזיין איז אין אַלגעמיינע פאַלן אומגינסטיק, אָדער אַ סכנה, ווייל מיר זענען ניט שווה־בשווה מיט אים, און אַזוי געשעט אַז מיר זענען אַנ־טאַגאָניסטיש און אָנגעדראָדלט אויף אונדזערע אייגענע אינסטינקטן. אָבער ווייטער גיי איך ניט אַ שפּאַן, און וועל ניט פּרוּוון דיפערענצירן צווישן אַ פּערזענלעכן אומבאַוווסטזיין, אַן אומפּערזענלעכן אָדער אַ סופּער־פּערזענ־לעכן יאַט וואָס איז אויך באַקאַנט ווי אַ קאָלעקטיווער באַוווסטזיין. דאָס וועט אונדז אַריינשלעפּן אין די הויכע פּאַרפּלאָנטערטע פּסיכאָלאָגישע מהותן, כאָטש עס לאָקט מיך זייער צו ספּעקולירן אויף דער טעמע, דער־הויפּט ווען איך דערמאָן זיך אַז דער קאָלעקטיווער שליאַך האָט צו טאָן מיט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס טעאָריע פון זיין האָבן צוויי מאַמעס.

„מיר דאַרפן דיפערענצירן צווישן אַ פּערזענלעכן אומבאַוווסטזיין (דער פּערזענלעכער אומבאַוווסטזיין פון וועלכן איך רעד אויך אַלס „אונטערבאַ־וווסטזיין" אין קאָנטראַסט צום אַבסאָלוטן אָדער קאָלעקטיוון אומבאַוווסט־זיין, אַנטהאַלט פאַרגעסענע געדעכענישן, אונטערדריקטע, — אומיסטן פאַרגעסענע — ווייטוענדיקע געדאַנקען, אַפּערצעפּציעס וואָס ווערן אַמאָל באַצייכנט ווי אונטער דער שוועל (סובלימינאַל), דאָס הייסט, סענזאָרישע פּערצעפּציעס וואָס זענען ניט געווען שטאַרק גענוג צו דערגרייכן דעם באַוווסטזיין, און, ענדלעך, אינהאַלטן וואָס זענען נאָך ניט רייף פאַר באַ־וווסטזיניקייט.) און אַן אומפּערזענלעכן אָדער סופּער־פּערזענלעכן אומבאַ־וווסטזיין. וועגן דעם לעצטן רעדן מיר אויך אַלס דעם קאָלעקטיוון אומ־

באַוווּסטזיין, ווייל עס איז אָפּגעטיילט פון דעם פּערזענלעכן און גאַנץ אוני־ווערסאַל. ווייל זיין מהות קאָן מען געפינען אין אַלע געזינונגען, און דאָס איז וואַרשיינלעך ניט דער פאַל מיט פּערזענלעכן מהות״ (contents (דער קאַלעקטיווער האָט צו טאָן מיט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס טעאָ־ריע פון זיין האָבן צוויי מאַמעס)

ד״ר יונג „דער פּערזענלעכער אומבאַוווּסטזיין״, קאַ־פּיטל 5 פון עסיי „דער אומבאַוווּסטזיין אין דער נאָר־מאַלער פּאַטאָלאָגישער געזינונג״ (mind).

„אין אַלע אַלגעמיינע פאַלן, איז דער אומבאַוווּסטזיין אומגינסטיק אָדער אַ סכנה ווייל מיר זענען ניט שווה־בשווה מיט אים און אַזוינאָך זענען מיר אַנטאַגאָניסטיש צו אונדזערע אינסטינקטן״.

„אַ פּסיכאָלאָגיע וואָס באַפרידיקט נאָר דעם אינטעלעקט קאָן קיינמאָל ניט זיין אַ פּראַקטישע פּסיכאָלאָגיע זינט די טאָטאַליטעט פון דער געזינונג (mind). קאָן קיינמאָל ניט אויפגעכאַפּט ווערן פון דעם אינטעלעקט אַליין (ד. ה. דער אינטעלעקט אַליין קאָן קיינמאָל ניט אויפכאַפּן די טאָ־טאַלקייט פון דער געזינונג״ (mind).

ד״ר יונג: „דאָס פאַרשטיין פון דעם אומבאַוווּסטזיין״ קאַפּיטל 8 פון עסיי: „דער אומבאַוווּסטזיין אין דער נאָרמאַלער און פּאַטאָלאָגישער געזינונג״ [mind].

איך האָב אייך פריִער געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אויך אין זין האָבן די ווירקלעכקייט. ווען ס׳קומט צו אַ צוויי־מאַמעדיקער טעאָריע גלויב איך אַז העגעל איז פאָרט גערעכט: אַלץ וואָס איז פאַרנונפטיק איז ווירקלעך, וואָס איז ווירקלעך איז פאַרנונפטיק. מיר מוזן אונטערזוכן אונדזערע אייגענע מאָטיוון לאַנג לאַנג איידער מיר דערביוון זיך צו דעם אונטערגרונט פון פרעמדע. די רייכסטע אינסצענירונג, די מאָדערנסטע ציקלאָראמעס צו־זאַמען מיט דעם נייסטן שבנייסטן פּאָרטוני־סיסטעם קאָנען דעם עצם ענין, די פּיעסע פון לעבן, בעסער ניט מאַכן — אויך ניט ערגער. נייערט איר דאַרפט קענען די פּיעסע אויסערהאַלב דעם טעאַטער, אָפּגעזען פון די ברעטער. סוף־כל־סוף וועט דער האַפּט פון אַ געדיכט זיין דאָס געדיכט אַליין. אַלע רייד אַרום, צו גוטן ווי קאַפּויר, מאַכן ווינציק וואָס אויס. עס וועט פאָרט פאַרבלייבן דאָס שמאַלץ וואָס איר האָט פאַרווענדט אויפן פּאָעטישן קניש. דאָס וואָס די ענגלישע פּרע־ראַפאַעליטן זענען זיך געוועזן

דם־שונאים און געלעבט צווישן זיך ווי קעץ און מייז, און דאָס וואָס זיי זענען פאַר דער עפנטלעכקייט אַרויסגעטראָטן אין דער זעליקסטער האַרמאָנישקייט האָט ווינציק וואָס צו טאָן מיט דעם ווערט אָדער אומווערט פון זייערע ווערק. צו זיך גופא האָבן זיי געמוזט זיין אמתדיק. צו נעמען שעלי. „מיין לעבן איז אַ דורכפאַל. פּיקאָק זאָגט אַז מיין פּאָעזיע באַשטייט פון פוסטע און וויסטע חלומות, און לעי האָנט דענקט ניט אַז ס'איז גוט גענוג פאַר דעם „עקזאַמינער". דזשעפערסאָן האָג ברייעט אַז די גאַנצע פּאָעזיע איז קוידערישער זין, און אַזוינאָך אומזין. איטלעכער דאַרף פרווון עפעס צו טאָן. פּאָעזיע איז געווען די מאָדע פון מיין צייט און איך האָב מיר אויסגעמאַרכט מיין פאָרשטעלונג־קראַפט צו זיין אַ דיכטער. איך האָב געשריבן, און די קריטיקער האָבן מיך אַראָפּגעריסן ווי אַ שאָדנווינקל־וויזיאָנער, און מיינע פריינט האָבן געזאָגט, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות אין מיין באַרוף... איך וואָלט ליבערשט האָבן געווען זיין אַ מאַטראָס." פּאָעזיע אַזוינאָך, כאָטש אַ פּריוואַטער עסק, פאַרדינט טאַדל, און זאָל מען!

איך זע ניט דערין קיין טראַגעדיע. דאָס איז דער טיפּ מענטש וועמען גאָרקי מיינט ווען ער זאָגט, אַז „וואָס בעסער, ריינער און פאַרנונפטיקער דער גייסט, אַלץ ווינציקער ענערגיע האָט ער צום לעבנס אַחריות, וואָס מער ער פייניקט זיך און ווי שווערער ס'לעבן איז פאַר אים... כאָטש ער ווייטיקט אַזויפיל פון דעם געפיל וואָס פאַרלאַנגט עפעס בעסערס, האָט ער פאָרט ניט קיין כוח צו באַשאַפן די אומשטאַנדן". ערגעץ מאַכט דאָ גאָרקי אַ טעות, אָדער בעסער געזאָגט, דריקט ער אויס אַן „אינטעליגענטישן" אמת. די וואָר איז, אויב ער איז אַ מענטש פון געפיל, ווי ער דריקט זיך אויס מכוח זיין ספּעציפישן גייסט, קאָן ער אפשר פאַראומגליקן אַ גאַנצע וועלט ניט רעאַליזירנדיק אַפילו קיין פּראַקטישע ממשותדיקייט פון אַ גראָשנדיקן ווערט, שרייבט ער אָבער פּאָעזיע, מאָלט בילדער, שאַפט מוזיק; אויב זשע ער איז עמאָציאָנעל, עפנט ער אַ קלייט, איז ער אַ בערזנשפּעקולאַנט, גליקלעך פאַרהייראַט און גבאי אין שול אָדער סטאַראָסטע אין קלויסטער.

מיך אינטערעסירט די פראַגע פון עמאָציע און געפיל. איך זע ניט קיין נפקא מינה.

דער חילוק איז אַ גוואַלטיקער. קיין דיכטער איז ניט געפיללאָז. געפיל הייסט ראַציאָנאַלקייט, וויסן וואָס יאָ און וואָס ניט. עמאָציע איז בי־

ליק, סענסאַציאָנעל. דער גרעסטער טייל פון אונדזער דיכטונג טראָגט עס ווי אַ פּאַטעטישן אַטעסטאַט.

צו זאָגן אַז עמאָציע איז ביליק איז כלל אַ באַהויפּטונג. ווען ניט די עמאָציעס, ווו וואָלט איר געגומען אייערע געפילן?

נו זיכער, אַלץ וואָס ער, ער, ער, און ער דאָ און אַלע דאָ זאָגן זענען בלויז באַהויפּטונגען. זיי מיינען עפּעס פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט זיי אויסגעדריקט. אָט באַטייט פאַר מיר אַן אַבסורד טאָלסטאָיס באַהויפּטונג וועגן וואַגנערס ניבעלונגליד ווי אַ פאַלשע קונצמאַכערייקע פון אַזאַ לע־פּישקייט אַז ס׳איז ערשט גוואַלדאָוונער אומזין. דזשאָרדזש מורס מיינונג וועגן לאָנגפעלאָ און לאָעל, און ספּעציעל זיין פאַרגלייכן וויסטלערן מיט ראַפאַעלן און מיקעל אַנדזשעלאָ. נו ווערט דען מור אויס קינסטלער דער־פאַר? אָדער טאָלסטאָי? מער ניט, טאָלסטאָי, דער גרויסער קינסטלערישער שטאַט פון „קריג און פרידן״, איז אין זיין „וואָס איז קונסט?״ פאַרוואַנדלט אין אַ סאַן־מאַרינאָ, אַ לעכערלעך רעדוצירט קליין שטאַטל. און מור פון „עוועלין אינעס״ און „אַווע, אַטקווע, וואַלע״ איז אין דעם פאַל איינגע־שרומפּן צו אַ צווייט קינסטלעריש פּיציניאַנטשיק שטאַטל, אַנדאָראַ. סאַן־מאַרינאָ און אַנדאָראַ זענען זיך טאַקע באַקאַנט ווי שטאַטן, נאָר אויף לאַנד־קאַרטן פון וויכטיקע אייראָפּעיִשע שטאַטן וועט איר זיי ניט געפינען.

אָבער דריי ניט דעם ספּאָדעק, מיר רעדן דאָך וועגן עמאָציע און געפיל — — —

לויט מיין מיינונג איז דער אונטערשיד צווישן עמאָציע און געפיל: אַ יידענע פון 220 פונט און אַ מיידל פון, נו, לאָמיר זאָגן, אַ הונדערט פופצן אָדער צוואַנציק.

איך וואָלט געגעבן אַ מין רעצעפּט פאַר די געפילן צי די עמאָציעס, ווי דו ווילסט זיי דאָרט אָנרופן. נעם צוועלף אונצן מיושבדיקייט, אַ פונט באַשטימטקייט, אַ פאָר זערנעס שכל־הישר, צוויי אונצן דערפאַרונג, אַ היפּשן צייטקוואַל און דריי קוואַרטירלעך קילע באַאָבאַכטונג. צעשטעל דעם געמיש איבער אַ צעגליט פייער פון נאָכדענק, פאַרזיס אָדער זויער־צו מיט געשמאַק (לויט דער פאָדערונג), מיש עס מיט אַן עסלעפל פעסימיזם אָדער אָפּטימיזם (לויט דער פאָדערונג), לייג עס אַוועק אויפן גרענעץ פון הארץ און קאָפּ, פאַרפראָפּ עס מיטן קאַרעק פון קינסטלערישקייט. און דו וועסט שנעל אַרויסקריגן דיין קונסטווערק. איינקויפן די מעדיקאַמענטן קאָן מען

אין אַפּטייק פֿון געשייטקייט, בשכנות מיט פּאַרנונפּטיקייט, אויף דער גאַס פֿון אָנשטענדיקייט.

דאָס ווינציקסטע וואָס איך קאָן זאָגן מכוח דיין עסקולאַפּ איז, אַז ער איז אַ פּאַרטאַטש אין מעדיצין. דער אָרעמער אַפּטייקער איז ניט צום געפינען אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס. די אַפּטייק פֿון געשייטקייט איז פֿאַר־האַקט מיט עגאָצענטרישע ברעטער; פּאַרנונפּטיקייט, דער אייטלדיקער שכן, איז פֿאַרשפּינוועבט פֿון לייכטזין. די גאַס פֿון אָנשטענדיקייט איז אַ נעסט פֿאַר אַלטע ווייבער פֿון די זיבן קונסטגעשלעכטן. קינדער, מיר גייען ווייַ־טער אַוועק פֿון אונדזער אינטערעס: לעבן. מיר מיינען אַז מיר קאָנען זאָגן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל פֿאַראורזאַכן אַן איבערקערעניש אין איטלעך אַרט דענקען, אין יעדן ווענד פֿון געמיט. און צו זאָגן עפּעס ווינציקער ווי דאָס האָט באמת ניט ווערט געזאָגט צו ווערן.

די צרה איז וואָס ביי יעדן פֿון אונדז קומט אַ צייט, אַ ווייטיקדיק געפֿיל פֿון הבל הבלים, די רעאַליזירונג פֿון לעפּישער אוממעגלעכקייט צו דערקלערן אונדזער פֿאַרבאַרגנסט ווען, אַפֿילו צו אַ פֿריינט, אַ מיטטראַכ־טער, מיטנאָכדענקער, מיטטוער. ער נעמט אויף אונדזער פּאַרטרוי, אָבער פּונקט אַזוי גיך ווי מיר האָבן, דאַכט זיך, געזען אויף זיין געזיכט דעם שמייכל פֿון פֿאַרשטענדניש, הייבן מיר ערשט אָן צו באַגרייפֿן ווי וויט מיר זענען פֿון אונדזער שותּפֿותדיקן באַנעם. מיר דערזעען, פּלוצים, די בריק וואָס פֿאַלט אין כּרעש איבערן תּהום פֿון אונדזער איינפֿאַרשטענדניש, און גלייכצייטיק קומט איבער אונדז די רעאַליזאַציע אַז די בריק איז אויף אייביק צעמזיקט און אירע חורבֿות וועלן קיינמאָל פֿון אונדז ניט ווידערגע־בויט ווערן. אונדז ווערט גאַנץ פּיין איבלדיק די ניט־צוגעפּאַסטקייט פֿון פֿריינטס שליסל צו אונדזער שלאָס. און פּאַרוואָר, די קינסטלעכע וועלט פֿון באַוווסטזיניקער „מאַטיווירעקע" ווערט דאַן אַ נויטווענד. ערשט דאַן פֿליסט צוביסלעך אַריין דער שלום פֿון זייטיקע אומשייכותדיקע עלע־מענטן אין דער איינפֿאַרשטענדניש. און קאַפֿויר, צו באַטראַכטן, וואָלט דאָס גאַנצע צוזאַמענלעבן ניט געווען קיין שווידערלעכע זאַך ווען דער אינטוי־טיווער דראַנג זאָל זיך אַרויסרייסן אין זיין מאַכטיקן שטראָם און פֿאַר־פֿלייצן יעדע מעגלעכע סטעזשקע פֿון קאָמפּראָמיסלעכן געזין? אַזוי, אַז דער קאַמופֿלאַזש איז אויך אַ נויטווענד. מיר מוזן פֿאַרגעסן אַז מיר זענען קעמפֿנדיקע באַטאַליאָנען קעגנער, איטלעכער פֿון אונדז מיטן צווייטן, אַז

אַפילו אין האַרמאָנישער פריינטשאַפט, אין ליבע, אין צוגעבונדנקייט, איז דער אַנטאַגאָניזם ערשט דער פאַרשמעלץ. אויב מיר זאָלן דאָס שטענדיק האָבן אין זין, און וועלן זיין „אַבסאָלוט טריי זיך אַליין", וואָלטן מיר גע־מוזט פאַרענדיקן די טעג אין אַ משוגעים־הויז.

אויב ס'איז אַ פראַגע פון פאַרטיידיקן זיך אין אַנגעזיכט פון „אַבסאָ־לוט", און קעגן דעם „אַבסאָלוט", קאָן דער עסק דערפירט ווערן צו אַן אבסורד, אפשר צו דעם חכמענען זיך קעגן וועלכן דו שטייסט אַזוי פעסט איבערצייגט. אָט האָט אַ געשיקטער עדיטאָריאַלניק אַנומלט פאַרטיידיקט די סענסאַציאָנעלע צייטונגען אויף דעם סמך אַז סענסאַציע איז דעם הימלס מעטאָד: די שענסטע זונפאַרגאַנגען זענען געל.

דערפאַר בין איך דאָך, אויב ס'איז זיך אַזוי אויסצודריקן, קעגן הימל. פראָ ערד. דאָס לעבן. פריער דאָס ביאָלאָגישע, די דערקונדיקטע, די דער־פאַרענע פאָרמען זיינע, דאָס מער־ווייניקער באַשטימטע, פעסטגעזעצטע. מען קאָן לייכט פאַרדאַמען אונדזער פאָעזיע פאַר איר ברילִיאַנטקייט, אינ־טערעסאַנטקייט, שפּעקולאַטיווקייט, אין געדאַנקען און מיינונגען, אויב ס'איז אָפּוועזנדיק פילבאַרקייט און דענקערישקייט. די צרה מיט אַ סך מאָדערנע פּאָעטן, וואָס זענען פּאָעטן, איז זייער אייטלדיקייט איבער זייער אינטע־לעקט, באַנוצן זיי אָבער ניט דעם אינטעלעקט מיט שטאָלץ.

אָבער וואָס בלייבט צו טאָן, אין דער דיכטערשער סכעמע, ווען דאָס לעבן, דיין אַזוי מיזאָם פאַרטיידיקט לעבן, שטעלט זיך קאַפּויר, דערוועקט ניט די אָנגעגעבענע מעלות צו רעגונג? ...

וואָס? דאָסזעלבע וואָס מען האָט געטאָן פאַרצייטן, מיט דער אימ־פּאָרטירונג פון העטערעס, פּרויענפריינט, דאָרט ווו זיי זענען ניט געווען. אַמאָל קאָן צווישן גאַנצן אָפּפאַל פון אינדיפערענטע מעטרעסעס אַריינ־פאַלן אַ רויזגעזיכטיקע רהאָדאָפּסיע, אַ סאַפּאָס אַ ברודער זאָל זיך אין איר פאַרליאַפּען, און סאַפּאָ אַליין זאָל אָנהייבן שיסן מיט פּאָעזיע.

איך שטים צו — טאָ ווו זשע נעמט מען ערגעץ אַ רהאָדאָפּסיע?

ניין, מען דאַרף פריִער אָסעקורירן אַ סאַפּאָ. מיט די רהאָדאָפּסיעס ווימלט עס אין אַלע קלימאַטן און צייטן.

נאַטירלעך דאַרף מען פריִער צוגרייטן אַ באָדן, איבערבויען אַלץ אַרום. צו וואָס קאָנען קיין דיכטער ניט ברענגען?

יאָ, אַפילו צום פייער. ווינציקסטן, צו פליאַטקעס. אָבער דאָס לויט

מיין מיינונג, איז גלייכער צו לאָזן פּאַר די ווייבער אויף די פּיצינעס און צו די ליטעראַטור־טומטומס וואָס זענען ענלעך צו דיין דערמאָנטן עדי־טאַריאַלניקס שענסטן זונפאַרגאַנג. און דאָס וואָס דו זאָגסט „איבערבויען", וואָס זענען מיר, נבוכדנצרס צי אווגוסטן, איבערצובויען אונדזערע בבלס און רוימען? מיר זענען ניט קיין באַקעמפּער: דיכטער, אָט וואָס מיר גלויבן אַז מיר זענען!

יאָ, אָבער געדענקט וואָס פּאַראָ וווּנדער זייערע איבערגעבויטע שטעט זענען געוואָרן!

ניין, איך גלויב פּונקט פאַרקערט. ראַדיקאַלע דענקער דאַרפן קוקן אויף דער גאַנצער וועלט —

ראַדיקאַלע דענקער ווייסן ניט פון קיין „מוזן" און „דאַרפן" אין וואָס פּאַראָ באַצוג — — —

מיר דאַרפן באַטראַכטן די גאַנצע וועלט איצט ווי די „מעדעס" פון עקבאטאנא האָבן געקוקט אויף נבוה. מיר זענען די מאגן, אַ באַזונדער שבט. לאָמיר זיך אַנקליידן אין ווייסן, עסן גרינצייג, שלאָפן אויף שטרוי, פאַרזען די זון און די פייערעלעמענטן ווי גאָטהייט־סימבאָלן און נאָכפאָלגן זאַראַאַסטערס פּערצעפּטן.

שעלי, זאָגסטו, האָט באַהויפּט אַז זיין ווערן אַ פּאָעט איז ווייל ס'איז געווען די מאָדע דאַן? גלויב איך אים ניט. ווי אַ פּאָעט יאָ, נאָר די ווער־טער, אויב ס'איז נאָר אַזוי ווי דו גיסט איבער, זענען די ווערטער פון אַן אַנטוישטן פאַרביטערטן מענטשן. דעם מענטש גלויב איך ניט, דעם פּאָעט מיטן גאַנצן האַרצן. „דער פּאָעט וואָס וווינט דאָ בשכנות איז אַ וויץ, דער פּאָעט אין זיין פּאָעזיע איז גלאָריע". מיר געפעלט אַז דאָס אומגליק איז וואָס מיר האָבן קיין מעצענאַטן ניט. קרעזוס איז ניט בלויז געווען אַ רייַ־כער מאַן, וואָס האָט זיך פאַרווילט מיט טענצערינס. ער האָט אויך גע־זוכט ס'פאַרגעניגן צו פאַרווילן זיינע געסט מיט עזאָפּס דעקלאַמאַציעס פון עזאָפּס פאַבלען. און ווען דו רעדסט פון בבל ווי אַ וווּנדער ווייס איך ניט צי מיינסטו דאָס בבל פון צירשטיינער, טעפּיכער מיט געהאַפטע אומ־געשטויגענע חיות אין די רייכע פּאַלאַצן, אירע פאַרגרעסערונג־גלעזער, זונזייגערס, צי רעדסטו פון דער שטאָט וואָס האָט איר ליטעראַטור גע־דרוקט אין קונעי־פאָרם אותיות אויף ליים־לוחות געבאַקענע אין אויוון.

אויב איר ווילט אָפּטיילן די „הייליקע" ליטעראַטור פון אַלעם אַנ־

דערן אין דער פּאַרצייטיקער וועלט און דענקען אַז מיר זענען אַזוי פֿאַר־וווּלגאַריזירט געוואָרן אין דעם ליטעראַטור־פֿרט, מאַכט איר אַ טעות. מסחר, זינט די גרעקן און די פֿיניקער, איז שטענדיק געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט מאַטעמאַטיק און ליטעראַטור. און געשעפֿט, ווי ליטעראַטור און אויך מאַטעמאַטיק, האָט אין אַלגעמיין פֿאַראורזאַכט מער לוקסוריעזקייט און מער וויסן. ס׳איז שווער אָפּצוטיילן דעם דורכדרינג פֿון פֿונקציע און אַקטיוויטעט. פֿאַרוואָר, עס איז דאָס „גראָבע״ מסחרשע לעבן וואָס האָט אַרויסגעהאָלפֿן דער גריכישער ציוויליזאַציע אין איר קונסט. פֿאַר דיכ־טער וועט שוין קיינמאָל ניט זיין קיין עסק צו קוקן אויף זיך ווי די גריכן אין עגיפּטן, אָדער ווי יידן פֿאַרצייטנס האָבן זיך באַטראַכט פֿאַר אויסדער־וויילטע, און אַלץ אַרום פֿאַר נישטיק. אין אַלגעמיין קוקט די וועלט אויף אונדז דיכטער מיט פֿאַרדאַכט, אָפּגעזען פֿון דער קנאה צום הייליקן פֿייער אין אונדז. דאָס מוז זיין זינט די גריכישע אַראַטאָרס האָבן זיך באַשפֿעט מיט פֿאַרקויפֿן זייער שיינרעדנעריי צו אַ פּערס, כדי אָפּצושוואַכן דעם פֿאָלקס ווידערשטאַנד אַנטקעגן דעם שונא.

און זעט פֿונדעסטוועגן, זינט אַלעקסאַנדריע האָט רויִנירט די אַפֿינער, האָט זייער שטאָט געמעגט אויפֿהערן צו פֿונקציאָנירן קאָמערציעל, איז זי אָבער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אוניווערסיטעט —

— יאָ, און סאָקראַט האָט באַדאַרפֿט אויסטרינקען זיין גלאָז גיפֿט; פּלאַטאָ האָט געמוזט רעזערווירן „ריינע פֿאַרנונפֿט״ פֿאַר געציילטע און פֿאַרוואַסערן זי מיט „אַנטפּלעקונגען״, פֿאַר דער מיטלמעסיקייט פֿון זיינע תלמידים; אַריסטאָטלען איז באַין־ברירה פֿאַרבליבן צו ראַטעווען ס׳לעבן מיט אַפּריכטן גלות —

— און ווערן אַלקסנדרס לערער. דאָ קומט איר נאָענט צו אַ פֿאַר־נונפֿטיקן ראַנד. ווייל נאַטירלעך האָט דער נייער זיגער געוואָלט אַ נאַש טאָן פֿון ציוויליזאַציע. האָט ער איבערגענומען די קאָמערציע פֿון שונא, איז ער געווען באַרייט צו פֿילאָסאָפֿיע. דאָס וואָס איך טענה. עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט פֿאַר דיכטער וועט אַלץ ראַטעווען. גיי, אַז מען דאַרף מאַכן אַ לעבן!

קינדער, איר האָט, דאַכט זיך, היפּש צעפּלאָנטערט געשיכטע. זאָל אייך פּוקידיד קומען וואָרגן, מיין באָבעס דאגה! דאָך, אַז איר האָט שוין דערמאָנט אַריסטאָטלס נאָמען וועט אייך ניט שאַטן צו געדענקען, אַז זיין

פילאָסאָפיע איז געווען באַזירט אויף עקספּערימענט און פאַקט. און דאָ הער איך עפּעס אַזוינע שמאַלזיניקע פּעדאַנטן וואָס ווייסן ניט וואָס זיי ווילן. איר וועט מיר אַנטשולדיקן נאָר איר קאָנצענטרירט זיך אויף קיין זאַך ניט. איר זייט טאַקע אַביסל ענלעך צו די אַלעקסאַנדרישע גרעקולי־פּעדאַנטן. אייער אַסטראָנאָמיע איז אַסטראָלאָגיע. אייער מעדיצין — מאַ־גיק, אייער געאָגראַפיע — מיפיש, אייער כעמיע — אַלכעמיע, אייער פּי־זיק — מעטאַפיזיק. כ'האָב מורא אַז מיר פּראָווען דאָ היינט אַ נייעם פּרווו צו געפינען דעם „עליקסיר וויטע" און דעם „פילאָסאָפישן שטיין". רעדט איר פון לעבן, טאָ רעדט זשע פון לעבן. איר רעדט פון שלעכט אינפאָר־מירטע ביכער און צייטונגס־אַרטיקלען און פּעקאַליק־נביאים און פּאַליש־חריפות. פאַקטן, קינדער, פאַקטן און ניט קיין פאַרצויבערטע העספּערי־דישע גערטנער.

אויב פאַקטן, איז שלעכט; וואָס זענען מיר: פּאָעטן צי פּאָטשטנ־טרעגער?

מיר זענען שקלאַפן פון קאַלענקאַר און פּאַפּיר און געגילטע רוקנס און בלעטער, טויטע, פאַרשימלטע, אויסגעדראָשענע. סיידן —

סיידן וואָס — — —

סיידן כ'ווייס אַליין ניט וואָס. געווען כאָטש דערמאָנען קלעאָפּאַטרען, אַספּאַזיען, לעסביען. דיכטער זייט איר? פאַרפּליסנעטע פּיפּערנאָטערס זייט איר! לעבן! פאַקטן! וואָס זענען פאַקטן? מערעזשעס, זאַבובאָנעס!

איך וואָלט גאַנץ פיין פאַרדייט אַ סעראַגליאָ פון עטיס נעטיס עניס זשעניס!

וואָס האָמיר זיך צעבעבעט? מיר האָבן אַלע ווערט אַ טראַסט אין דיאַפראַגם!

קינדער, איר רעדט, מיר רעדן און אַלע האָבן פאַרגעסן איין זאַך: פּאָעזיע איז עקסטאַז. דאָס וואָס מיר זוכן צופיל צו באַווייזן אויף אַנדערע אופנים באַוויזט גאָרניט!

ווער פון אונדז האָט שוין, דאַכט זיך, דעם פּונקט אויפגעבראַכט. ניט נאָר פּאָעזיע נאָר יעדע פאָרם קונסט. און איך בעט זיך ביי אייך, לאָזט מיך צוגעבן: לעבן אויך. ווו עקסטאַז ווערט זשענערירט איז דאָ פּאָעזיע אין יעדער פאָרם. ווייל וואָס איז עקסטאַז? דערהייבונג: ביי די פיס וואַלגערט זיך די וואָכיקע טראַנטע פון אַ קאַפּאָטע. אָט האָט איר אייך אַריסטאָטל.

אַריסטאָטל און קראַטשע און וואַלערי. לאָמיר נאָר אין אַכט נעמען אַז פון גרויסן עקסטאַז זאָלן זיך אונדז ניט אַראָפּלאָזן די פלידערן אויך. כאָטש פערזענלעך דענק איך, אַז מיר מעגן אונדזערע קאַפּאָטעס, אונדזערע „מייקענד־פּאָול״ פּיזשאַקן אויך אויפהאַלטן אויף די פּלייצעס. אויב ביי אונדז וועט בעתן אויסטאָן ניט אַרויסטאַרטשן קיין קויטיק לייבצודעקל וועט זיך אין דער גאַנצער גלאָריע פון איבל אַרויסווייזן אַ „ביווידי״. איר פאַרגייט אַביסל צו ווייט מיט דעם עקסטאַז אין לעבן ווי אַ קונסט. אַפּילו אייערע עקסטאַז־געטשקעס טראַקטירן, דוכט, בלויז אויסדרוק ווי קונסט. אמת, קונסט איז הויפּטזעכלעך ליריש. איך וויל אָבער האָבן אַז יעדער געדאַנקלעכער אויסדרוק איז דורכגעזאַפּט מיט דעם אַרביטראַרן אויסדרוק וואָס איז ליריש אין איטלעכער מאַניפעסטאַציע. אָט זיצן מיר און רעדן — נאַרישקייטן. מיר בוכצען זיך קאָפּ אין וואַנט. אָבער אונדזער זוכן, ניש־טערן, איז ליריש, ווי ווייט מיר זאָלן ניט גיין קעגן פּאָעטישער צעקראָכנ־קייט און קינסטלערישער ווייבערישקייט. און דאָך פאַלן מיר אַליין אַריין, טאַקע צוליב און מחמת פּאָעזיע, אין אַזעלכע שטימונגען אַמאָל, וואָס כאָטש זיי זענען קעגן שכל־הישר, קעגן געשיכטע, קעגן לעבן, קאָנען מיר זיך נישט העלפן צו באַטראַכטן די לעכערלעכקייטן פאַר פּאָעזיע אין געגנדזנ־פּיסלעך. 35 פּוריטאַנער אויף דער מעיפלאַור־שיף און 37 אַלטעגלעכע פאַרשוינען, „פּרויען און ניט־פּוריטאַנער״, דערציילט קאָטאָן מאַטער, דער פּוריטאַנישער אינקוויזיטאָר. אָבער ס׳איז די 35 פּוריטאַנער, די שיפּפירער, וואָס האָבן געחתמעט די ערשטע קאָנסטיטוציע אונטער דער אָנפירער־שאַפט פון אַ גאָטפאָרכטיקן מאַן מיט אַן אונטערגעשאָסענער באַק. נו, וואָס איז דער דעטאַל, דער לעצטער, ווו גאָט און ביקסנשרויט באַגעגענען זיך און רעזולטירן אין קאָנסטיטוציעס? פאַר דער געשיכטע — פרייד מיט אומגליק. פאַר מיין פילבאַרקייט, עפּעס אַ פאַראומערטער געגנוס, וואָס איך דערוויל רופן פּאָעזיע. און אייניקע פון מיינע מיטמענטשן וועלן גאָר באַ־הויפּטן אַז פּוריטאַניזם איז רעליגיעזע באַרבאַרישקייט, אַלייך אַ פּראָטעסט קעגן אַ פרי־ערדיקער רעליגיעזער טיראַניע, גאָטפאָרכטיקייט — אַ נאַריש־קייט, און אַ צעקאַליעטשעטע באַק — אַ רחמנות. איך כאַפּ גלאַט אָן איינ־צידענטן וואָס פאַלן מיר איין. מענטשן האָבן חתונה. מאַן און ווייב קומען זיך צונויף. אָבער ווען איך הער אַז בען דע קאסער, פון שפּינאָזאָס אָפּ־שטאַם, און אַ אינדישע פּרינצעסין פון האָ־נאָ־נע־גאָס דיכן, האָבן גע־

מאַכט אַ ליבע־צוזאַמענקונפט, איז עס פאַר מיר פּאָעזיע. די גאַנצע געשיכטע מיט אירע דעטאַלן איז אפשר פיקטיוו. אָבער די דעטאַלן זענען טראַנסצעדענטאַל איבער דער זאַך. די פּאָעזיע וואָס איז אויף דעם אופן פאַראורזאַכט איז אימאַנענט.

הייסט עס אַז דאָס לעבן מיט אירע „אומווירקלעכקייטן" קאָנען יאָ זיין פּאָעזיע? גאַנץ קאַרל סאַנדבורג איז אויף אַזאַ אופן לעבנספּאָעזיע. זיין „לינקאָלן" נאָך אפשר מער ווי די לידער.

יאָ, אָבער מער ווי סאַנדבורגס „לינקאָלן" איז דער לינקאָלן פּאָעזיע איבער וועלכן דער שיכפּוצערישער עסקאַדראָן פון עפּעס אַ סקווער האָט זיך אַנומלט צעפּאַטשט. איטלעכער פון די איטאַליענישע „לויפערלעך" האָט, לויט אַן אַלגעמיינעם אָפּמאַך, אַן אַנדער פּרימאָרגן געפּוצט דער סטאַטועס שיך. און איינער פון זיי האָט זיך עפּעס אַ פּרימאָרגן פאַרגנבעט און גענאַשט פון דער שיכפּוצערישער פּריווילעגיע ווען זי איז גאָר געווען דער כבוד פון אַן אַנדערן. יענעם טאָג איז געשעפּט פאַרוואָרפן געוואָרן. אַלע סקווער־פאַרבייגייער האָבן פאַר קיין געלט קיין שיכפּוצער ניט געקאָנט קריגן. דער עסקאַדראָן האָט אויסגעקעמפּט די רעכט פון איר אייגענער יינגלשער ווערטערלעכער קאָנסטיטוציע, פון איר פּוריטאַנישקייט, פון איר פּריווילעגיע צו פּוצן די שיך פון אַן אידעאַל.

אין אַנדערע ווערטער, לויט דיין באַגריף, איז לעבן דאָס וואָס קאָן זיין בלויז טיילווייז אמת, און ווי אַ גאַנצע מסוכן־פאַלש, אָבער פּאָעטיש צונויפגעשטעלט. „ראשית זאַמל צונויף דיינע פאַקטן און דאַן צעמזיק זיי ווי דייך האַרץ גלוסט". דאָס האָב איך מיך פשוט געפּרוווט ווייצלען. דו מיינסט צו זאָגן, אַז פּאָעזיע איז דער מאָמענט פון אַ שטימונג ווען שאָטירונגען פון אַלערליי זאַכן וויקלען אַרום מענטשן און קעגנשטאַנדן ביז אַזאַ גראַד, ווען זיי הייבן אָן אַליין אָננעמען אַ פאָרם פון אומאָפּהענגיקער עקסיסטענץ.

איך דייט אָן אויף יענעם מאָמענט, ווען די אָנדייטן אונטער די ווערטער אָדער דעם פּאַסיר זענען זיך לחלוטין מיאש פון געדאַנקלעכן אויסטייטש און פאַלן אַריין אין דורכזיכטיקן שטראָם פון נעפּלהאַפטיקייט. אָבער ס'איז שווער צו דערקלערן. די צרה איז וואָס מען קאָן אָנכאַפּן וואָס פאַראָמנין ווערטער און זיי אַזוי קינסטלעריש צוזאַמענהעפטן אַז זיי זאָלן שאַפן אַ קינסטלעכע טעאָריע. און אפשר איז עס בלויז מעא קולפא!

דער גרעסטער קינסטלער, זאָגט היינע, איז דער, וואָס קאָן מיט דער קלענסטער צאָל איינפאַכע סימבאָלן אויסדריקן די גרעסטע צאָל וויכטיקע זאַכן. אָבער צוריק צו דער פראַגע פון קונסט ווי לעבן, אָדער אין לעבן. האָט אַנאַטאָל פראַנס געטראָפן מיטן פינגער אין הימל ווען ער האָט געזאָגט אַז „ליטעראַטור, גרויסע קונסטווערק, זענען ניט מער ווי טרוימען פון קראַנקע מענטשן?״ קומט אויס, אַז דער פאָרם־שאַפער, דער סטיליסט, האָט סוף־כל־סוף אויך געגרעדט מכוח קונסט אין טערמינען פון אינהאַלט? ווייל ווי קאָן פאָרם זיין קראַנק אָדער געזונט?

פאָרם איז אויך אינהאַלט. דאָס וואָס דו האָסט פריִער אָנגערופן „פאָרם פון אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ״ האָב איך פאַרשטאַנען בלויז ווייל דו האָסט גערעדט מכוח דעם אין באַצוג צו „קעגנשטאַנדן און מענטשן״. אין אַנדערע ווערטער, פאָרם איז דער רעזולטאַט פון פסיכאָפיזישע רעאַקציעס צו אָביעקטיווע סטימולן. עס מאַכט ניט אויס וואָס דאָס פיזישע איז אונטערוואָרפן דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, און וואָס אַנטוויקלונג מיינט אָפּטויש; און פסיכיק וואַקסט, און וואַקסן באַטייט פאַרמערונג, צוזאַמענפלעכט, צעלנגעוועב, געבוי אויף געבוי. ווי קאָן דאָס זיין די רייד פון פאָרם ווי אַן „אויסערלעכע״ זאַך צום מאַטעריאַל וואָס הייסט „אינהאַלט״? ביידע, אי די פיזיק, אי די פסיכיק, אי אַנטוויקלונג, אי וואַקסן, זענען דינאַמיש. אויסערלעכער דינאַמיזם ווי אינערלעכער דינאַמיזם — אין אַנדערע ווערטער, סיי באַוועגונג, סיי טענדענץ, ווערט פאַרוואַנדלט אין פאָרם און אינהאַלט. ביי איין קינסטלער איז איינס „אורזאַך״ און דאָס צווייטע „ענדציל״, ביי אַן אַנדערן, קאַפּויר. אָבער דערביי העלפט שוין אַרויס דעם קינסטלער דער סטיל, דער גאַנצער עפעקט וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט פון פאָרם און אינהאַלט, אַנטפּלעקנדיק די איינצלאַרטיקייט פון קינסטלער.

די פּסיכאָלאָגיע פאַרמאַטערט מיך. עפּעס פאַרשטיי איך יאָ, און ניט. אָבער מיר דאַכט אַז אויף אַלע אייערע רייד קאָן מען ענטפערן מיט האַמלעטס שפּרוך:

“My thoughts fly up, my words remain below.
Words without thought never to Heaven go.”

און געסילוקט. פּאָעזיע איז געפיל. פּאָעזיע איז געדאַנק. פּאָעזיע איז וויאָלעטשטראַלן. פּאָעזיע איז — פּאָעזיע. אויב איר ווילט איז פּאָעזיע אַפּיקורסות פון אַן עכטן פאַרזוך וויסנשאַפטלעך צו פאַרטייטשן די וועלט; אָדער

— אַ סיסטעם, טראָץ אַלע אירע נעגאַטיוויקייטן, פון אַלטעגלעכן לעבנס־זין, צו דינען פאַר אַ פאַרשכורונג ווי וואָס פאַראַ אומבאַגרינדיקטע אָבער וואַניקוואַרטיקע פילאָסאָפיע. דער דיכטער מוז אָבער פאַרגעסן ס׳לעבן, די פאַמיליע, זיין מיטגלידערשאַפט אין געזעלשאַפט. דער קינסטלער דאַרף פרי׳ער פאַר אַלעמען זיין — אינדיווידו, לאַנג נאָך איידער ער איז קינסטלער.

מיר איז דאָ איינגעפאַלן אַן אַנדער זאַך. מיר רעדן דאָ מכוח אַלערליי פראַגעס און מיט זעלטענע אויסנאַמען, האָבן מיר געצויגן עסטעטישע פאַר־גלייכן בלויז פון די ליטעראַטורן ביי די אומות־העולם. ווו זענען מיר, אונדזער קולטור, אונדזער יידישע קונסט?

דאָס דאַרפן מיר ערשט אַליין שאַפן. אפשר אונדזער גרעסטע טראַ־געדיע דאַרף אויך זיין פאַר אונדז דער גרעסטער סטימול. ווער האָט זיך אַלגעמיינלעך אָפּגעגעבן מיט דער עסטעטיק פון אַיין יידישן קינסטלער? ווער האָט פּאַרוועגדט די מי אויף אַ שטודיע פון דער שייכות צווישן דעם טעאָרעטישן גייסט און דער פאָרם פון פרצס ווערק? ווער האָט זיך פאַר־נומען מיט דעם באַצוג פון שלום עליכמס מאַטעריאַל צו זיין פאָרם? האָט עמעצער געזוכט זיך צו פאַרטיפן אין אַ גרינטלעכן פאַרגלייך פון די פסי־כאָלאָגישקייטן פון מענדעלעס ווערק מיט זייער קאָנסטרוקציע? און איז עס ניט חידושלעך צו באַטראַכטן אַז דער פולקאָמסטער כאַראַקטער ייד ווי אַ מענטש און ייד — איז היינעס אַלטער דינער היאַצינט, און קיין איין יידישער קינסטלער האָט קיין פולקאָמען יידכאַראַקטער ניט געשאַפן. סיידן טיפּ? כ׳ווייס אַז פאַר דער לעצטער מיינונג מיינער קומט מיר סקילה, שריפה, הרג וחנק מיטאַמאָל. אָבער. ווען איך באַטראַכט דעם צושטאַנד פון כאַאָס און צע־פוילעניש אַרום, אונטער וועלכן איטלעכער פון אונדזערע קינסטלער האָט געשאַפן, איז מיר אַ גרויס ווונדער וואָס זיי האָבן צוגעטיילט זייערע ווערק דאָס קלענסטע ביסל ענערגיע. ווו קאָן מען דאָ זוכן אומאויפהערלעכן דינאַמיזם? צום קונסטלייטערן דאַרף מען זיין אַן איינווווינער פון באַרג סיני, אָדער פון די אַלטע העלענישע בערג אין יאָניאַ פון וואַנען האָמער האָט אַראָפּגעזונגען. נאַטירלעך אַז דער וועלטס ווייטיקן קומט שוין זאַראַטוסטראַ זוכן אין טאָל.

טאָ וואָס הערט זיך מכוח דער אַלטער פּראָבלעם שעקספּיר? ווו איז זיין באַרג?

טיפּיפיצירט ער דאָך טאַקע ניט דאָס טיפּסטע, אָדער העכסטע — נאָר דאָס רייכסטע, ווי קאַרלייל וויל האָבן געדעכטיק. זיינס איז דאָס האָריזאָנטאַלע, געוואַגטע, פון ברייטן פאַרנעם — גוט; אַ צווייטנס, אָבער שוין אַ באַרגמענטשנס, פון אַרום גליל — איז דאָס פערפּענדיקולאַרע, געוויסנהאַפטע, סכנהדיק פאַרצערלעכע. דאָס דריטע — — —

מיטאַמאָל האָט זיך עפּעס ווי אויפגעלייזט די אינטענסיווע שטימונג פון רעדן, טענהן, רויכערן, טרינקען קאַלטע טיי. ווער איז איינגעשלאָפן. ווער — אַהיימגעגאַנגען. און וועלוול האָט פאַרנומען אַ ליאַרעם, אַ שטורעם, אַ געוויטער, אַ בליצן און דונערן, געבײדעס זענען איינגעפאַלן, די שטאָט איז געווען אין אַן אויפגעבראָכענעם אָרגאַזם פון צישענדיקע וועזנס. אַ באַלקן איז אויף אים אַראָפּגעפאַלן און ער האָט געהערט ווי בעתן ווירוואַר האָט געמיינער חוזק פון אַ נאָענטער מיט נסים שטיינגעבליבענער חורבהס דאָך געצילט פאַלנבויגן נאָך פאַלנבויגן פון אורינירנדיקן פאַלוס און ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט.

וואָס איז דאָס פאַראַ שפּילן אין טאַבלין, האָט אים מרס. צירלער אויסגערעדט, און די פלימעניטשקע ביי דער זייט האָט אים אַ שנאָל געטאָן אין נאָז אַריין: — מאַכט שוין אַ גאַנג, לאָמיר שוין זען ווער נעמט די לעצטע „האַנט״?

ער האָט צוגעגעבן אַז ער האָט דאָסמאָל פאַרשפּילט אי דאָס גוטע צענטל אי דאָס גוטע צווייטל, אי די פיר טייז, און מיט קיין קאָרטן זיך אויך ראַטעווען ניט געקאָנט.

דער קראַניום וווטיקט: ווערט אויסגעפּילט מיט פלענער: אַנדערע ווי גאָר די געציפערטע אין דינגעצייכנטן אַרכיטעקטישן בלווישריפט.

און אויס מיט דער האַרץ־כלי. עס רייסט זיך אָפּ אַ טרוים, ווערט צעקוועטשט און אויסגעזויגן דורך די ענערגישע ליפּן פון צייטפראַגמענט און די גאַנצע זאַך ווערט באַשאָנקען מיט אַ פּערמאַנענץ וואָס יובלט און גליקזעליקט אין וועלוולס נשמה.

און ער זינגט אויס אויף זיין אופן ביי זיך אין אַלקער, צום טאַקט פון פּרוי צירלערס קרעכצן און אכצן, אַ נייעם ריטואַלגעזאַנג פון פאַרצווייטע געפילן. ס׳גילט אַזאַ שוואַרציאָדערדיקע שאָלעכץ: ליבע. און אינעווייניק אַ ווייסע יאָדרע: טויט. און נעענטער איז וועלוולען איין רגע דער געבראַזג פון שאַרפע לאָפּעטעס אויף בית־הקברות ערד, צוויי אויף צוויי,

אַן אייביקער אָפּרו, געדאַנק פון אַ ודוי: אַ פאַרענדיקטער ציקל פון צייט־פראַגמענטן: איינס... איינס... אייביקייטן.

און די צווייטע רגע לויפט אויף ווען ווען ווי אַ פאַרווירטע בשורה־טרעגערין און רוימט אים איין שטיל אין אויער: אַ מעשה פון אַ בלײַענ־דיקער ווערבע ביי אַ טייכלברעג מיט נאַרציסן פאַרגרעזלט אַרום און אַ זיס זשומען פון זשוקלעך, בינען פון אַ נאָענטער האָניקנעסט, גליפליגלעך אין מיידלשער פאַרחלומטקייט.

און ס׳קומט ווען וועלוולען אויס גאַנץ קוריעז ווי אַלע טיפע קאָנצענט־רירטקייטן אין אים אויף דריבנע צייטפראַגמענטן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ איינטעמפּאָ באַוועגלעכער צייטשטרעקע.

דורך די שאָטנדיקע שפּאַלטן פון די חורבות־סקעלעטן טאַנצן אויף־פייערן באַבלומטע און באַלאַדענע מיט שיטערער ריח־פּראַכט.

און זיטערגעלעכטער, און האַרפּעפרייד, און דינזיידמורמל שטייט פאַרגליווערט אין דער לופט. און ברינדיזי זיסע גערײדערייען.

וועלוול שטרעקט אויס זיין קראַמפּהאַפטע האַנט און אילוזיווע באַרי־דונגען לייזן אים אויס פון צייטפראַגמענט וואָס האָט פאַרפלאָכטן שפּינ־וועבס ביים אַריינגאַנג: איבער די שטיגן.

פון די שמאַלע פענצטער: געלע פאַנאַראַמע: שפּעטנאַכטשניי־אָפּבליץ אויף צעגעסענע רערן פון דעכער, אויסגעהילטע חורבות־שפּענער און בלעטערלאָזע ביימערצווייגן.

אין וועלוולען רעגט זיך אַ שטילקייט: דער צייטפראַגמענט. די אַשיקע גרויקייט הילט אויף, ווי אַ מאַרגנטוי איבער אַ געשפּענצשטאָט, זיינע שפּאַ־נישע שלעסער. אַ קאָמפּראָמיס פון בלוי אויף ברוין: צייטפראַגמענטן: גרויס, קלענער, קליין.

אָפּטויש: צייטפראַגמענטן: אין אַ צייטפראַגמענט.

שניי: לופטאַבסטראַקציע.

דאָס צעשפּליטערטע רעווערבערירנדיקע ווייספערן, שטיל: אין און אַרום: קוים קוים. די ברעמען לאָזן זיך אַראָפּ נידעריקער צו די אויגן אויף אַ צייטפראַגמענט. און באַשיובטער בליק, אַהין:

פון יענער זייט שאַרף־פאַרשטאַרצטע שורות פון רויט און געל, און וויאָלעט: שוואַרץ.

טיפטיף פאַרהילט ווי אַ פלינקער שאָטן פון קאָפּלאָזן רייטער: מיס־טעריעז פינצטער צימער פאַר וועלוולס שווערגעזונקענע אויגן.

ווענוס! טאַנהויזער רופט דיך... וויספּערן זיינע פאַרבלויטע ליפּן: קוים, קוים.

און שלאָף שלאָף... זינגט וועלוולס אַנגסטיקער פאַרסמטער באַ־ווּסטזיין אויס מיט די לעצטע וואַכיקע אָטעמצוגן.

און דער טייערער דערלייזער טויט!

גאָר ווי קאַספּאַר הויזער איז זיין קומען צו אונדז, ווי זיין אָפּשייד, אַרומגעשטעלט מיט ? ? ? ?

דעם שרייבער פון די צײלן איז ניחא צוטיילן דעם אויפגערייצטן לע־זער די דעטאַלן פון דעם אָפּשלוס וואָס גילט אין סטאַטעטשנערע און ניכטערערע און ווער ווייסט, אפשר אויך קינסטלערישערע כראָניקעס, אונ־טערן נאָמען עפּילאָג.

מרס. צירלער איז אומגעשטויסן געוואָרן פון אַ פאָרד און אין שווע־רער אַגאָניע אויסגעאָנגען אין אַ שפּיטאָל. ווי אַ געשלעכטלעך קעגנגע־וויכט האָט די פמליה של מעלה אַ ווונק געגעבן מר. צירלערן, נאָך אַ צענדלינג יאָרן אין סאַנאַטאָריום, זיך בעסערן אין געזונט און אַהיימקו־מענדיק האָט ער געפונען חן אין דער פלימעניטשקעס אויגן. זיי זענען עס טאַקע געוועזן די אונטערפירער צו וועלוולס און מאַניקאַס חתונה. דער געשיכטלעכער פאַסיר איז פאָרגעקומען אין דעם לוקסוריעזן וואַלדאָרף גאָלדזאַל. די קאַדאַווערניסטן האָבן געבדחנט און יעדער פון זיי האָט די כלה באַזונגען אויף זיין אופן. צום חתן, כאָטש אַ קאָלעגע, האָבן זיי געפּילט, חוץ כעס, אויך אַ היפּש ביסל קנאה, גראָד פונקט דאַן ווען אין וועלוולען האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ שטיל פאַרדאַכט אַז אפשר פאַרלאַנגען און ניט דערגרייכן איז בעסער ווי קאַפויר. מאַניקאַס פאָטער, דער ערשטער מע־צענאַט פון דער יִדישער ליטעראַטור, האָט מנדב געווען הונדערטטויזנט טאָלער פאַר אַ שטענדיקן פאָנד לטובה יִדישע קינסטלער, אַוועקגעשענקט איינעם פון זיינע שענסטע מויערן ווי אַ פערמאַנענטער היים פאַר אַלטע הילפלאָזע דיכטער און צוגעזאָגט שטיצן דעם אָרגאַן פון די קאַדאַווערניסטן,

„דער קאַדאַוועריסט". די שניידערקע האָט איינגעהאַנדלט אַ גאַנצן קאָרב מיט ניגערלעך אויף ברעטלעך פאַר די מיט אומגעדולד דערוואַרטע איי־ניקלעך. דער טרעמפּ פון פּאַרק האָט געקראָגן ניקלס צו דעקן אַ חודשדיק אומגעזאָרגט שלאָפן אין מילס האָטעל. דאָס חתונה־מאָלצייט איז געפּראַ־וועט געוואָרן אין קאַפע „איירעפּא", אַ באַנייטע פּראַכטפולע קאַפע, ווו ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע קאָלעגן ניט אַכטנדיק אויף יאָרן און גרופּי־רונגען. קאָרעספּאָנדענטן פון דער גרעסטער טייל צייטונגען און זשורנאַלן אין דער גאָרער וועלט האָבן פאַרנומען אַ ספּעציעל־אויסגעבויטע פּלאַט־פאָרם פאַר דער געלעגנהייט און די טעלעגראַמעס וואָס זיי האָבן צעשיקט, אַ מטמון מיט גאָלד אין באַטרעף, האָבן געדרונגען איין זאַך: אַז אַ נייע זון גייט אויף אין דער יידישער קונסט וואָס וועט פּאַרטונקלען אַלע אַנ־דערע נאַציאָנאַלע קונסטן. זיי האָבן אויך געלאָזט וויסן, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אפשר נאָך ניט אינגאַנצן אַרויס פון גולמשן צושטאַנד, אָבער פון אומקום איז צו לאַכן אין די הויפּנס; אַז דאָס יאָר 1863, פּוילן, איז ניט מיט קיין סך ווייטער פון זיי ווי די היסטאָרישע דאַטע 1861 איז פון די אַמעריקאַנער, סיידן אפשר מיט אַ ליאַדע צוויי יאָר.

ווען וועלוול האָט, אויפכאַפּנדיק זיך, ממש דערזען פאַר זיך דעם זייגער מיטן גרויסן ווייזער אויף 12 און דעם קליינעם אויף 8, און דורך דעם פענצטער מרס. צירלער זיך פּאָרען אַרום דעם צינערנעם פּעסל פול מיט אָפּפאַל לעבן די אייזערנע גראַטעס פון הויז, און פאַרנומען מר. פלאָפּטראָפּס קול, און די זון אין דרויסן שיינען, און דעם שניי אַ צעגאַנ־גענעם, און בליקנדיק אַרויף, קעגנאיבער, צו די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן אין שניידערס הויז . . . אין צימער פון די ראָזשפּאַלירטע ווענט מיט די קופּי־דאָנטשיקלעך . . . האָט ער זיך געגעבן אַ שטורמישן וואָרף און אויסגע־דרייט זיך צו דער וואַנט.

אָבער איינשלאָפן האָט ער שוין ניט געקאָנט.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 29 DE JULIO
DE 1955 EN LOS TALLERES
GRAFICOS ZLOTOPIORO HER-
MANOS, GASCON 1231, BS. AS.

MICHEL LICHT

VELVEL GOTH: POEM-MEMOIR

*

BUENOS AIRES

1 9 5 5